STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11952

OPGRUNT

Kazimierz Przerwa-Tetmajer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַזשימיערזש טעטמאַיער

אפּגרונט

יידיש: אַ. זילבערמאַן.

פאַרלאַג „אָריענט“, וואַרשע

1926

געזעצט: פ. קרימער, פולאַוו.
געדרוקט: דרוק. „רעקאָרד״, דזיקע 18.

K. PRZERWA-TETMAJER.

OTCHŁAŃ

Przeł. E. Zylberman.

Druk. „RECORD“ Dzika 18

א פ ג ר ו נ ט

פּסיכאָלאָגישע פֿאַנטאַזיע

צי ווייסט איר, וואָס עס הייסט אַזוינס ליידן? וואָס עס הייסט אַזוינס זיך קאַרטשען אין קראַמפּן פון יסורים? וואָס עס הייסט אַזוינס איבערחזרן זיך אין האַרץ און מיט די ליפּן: נישטאָ קיין עצה! נישטאָ קיין עצה?!... צי ווייסט איר, וואָס עס הייסט אַזוינס אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג? באַמיט אייך נאָר דאָס צו פאַרשטיין: אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג... באַמיט אייך דאָס צו פאַרשטיין, אַריינצודרינגען אין דעם זאַץ. נישט אַזוי, ווי מען רעדט דאָס אַרויס אַ הונדערט מאָל אין טאָג, נאָר דרינגט אַריין אין דעם. אַ וועבער, וועלכער פאַרמאָגט גאָרנישט, וועלכער פילט, אַז ער ווערט אינגאַנצן בלינד, וועלכער האַלט אויף אַ פאַמיליע פון זיין אַרבעט — אָט דאָס הייסט אַ סיטואַציע אָן אַן אויסוועג...

וואָס-זשע זאָל ער טון?

דאָס לעבן זיך נעמען, און — וועגן גאָרנישט וועלן וויסן...

וואָס-זשע זאָל ער טון?

אומברענגען זיך און זיין פאַמיליע...

יאָ, אַזוי איז דאָס! איך קען אויך אַזוי טון! איך קען

איך אַזוי טון! אומברענגען זיך און זי! — איך קען אויך אַזוי טון — אומברענגען זיך און זי... זיך און זי...

אָדער גאָר זיך אַליין...

און אפשר — אפשר גאָר זי...

פאַרשאָלטענע! זי! זי און זי! צי פאַרמאָגט דען דאָס לעבן שוין גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט, נאָר די פרוי?! דאָס לעבן פאַרמאָגט דאָך גאַנצע ימים מיט לעבן אַ חוץ דער פרוי, און פונדעסטוועגן — און פונדעסטוועגן לעבן מיר צוליב די פרויען...

צי איז אַ פרוי אַ מענטש? צי איז זי אַ צוגאָב צום מענטש? צי איז זי טאַקע דאָס, וואָס עס איז דער מענטש, דער מאַן? צי לעבן פונקט אַזוי די פרויען צוליב די מענער, ווי די מענער צוליב די פרויען? צי איז נישט אַמאָל די פרוי אינגאַנצן עפּעס אַנדערש, אינגאַנצן גאָר עפּעס אַנדערש? צי איז איר מאָראַלישע קאָנסטרוקציע נישט קיין טעות פון דער באַשאַפונג, נישט קיין טעות פון דער נאַטור, ווי די אַלגעמיינע קאָנסטרוקציע פון אונדזער קערפּער, אַזאַ שלעכטע? צי איז דאָס טאַקע נישט, אייגנטלעך, די טראַגעדיע פון לעבן, די אַזוי אָפטע טראַגעדיע וואָס די פרוי איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש?... און שטענדיק איז זי! אומעטום און שטענדיק זי! גלייך דאָס לעבן וואָלט גאָרנישט פאַרמאָגט קיין גאַנצן ים מיט לעבן אַ חוץ איר, גלייך ווי זי וואָלט עס געווען דאָס לעבן פונם לעבן...

און אויב יאָ...

איך לייד זי נישט! איך האָב זי פיינט! איך האָב זי שטענדיק פיינט געהאַט, און וועל זי פיינט האָבן ביזן סוף אַריין! מיין גאַנצער מענלעכער שטאָלץ, אַלץ, וואָס אין מיר געפינט זיך נאָר בונטעוועט זיך קעגן איר און שטופּט מיך צו דערדאָזיקער שנאה, און באַפעסטיקט אין מיר דאָסדאָזיקע נישט פאַרטראָגן זי...

איך קען אָן איר נישט לעבן...

איך קען נישט!

איך קען נישט לעבן אָן קיין פרוי...

איר זעט! איך קען מיך אַליין אומברענגען, איך קען מיר די אויגן אַרויסנעמען, איך קען זיך די צונג אָפּהאַקן, איך קען זיך מיט הונגער פֿאַרפּייניקן, איך קען זיך פֿון דער בריק אַראָפּוואַרפֿן, איך קען מיט מיר טאָן אַלץ, וואָס איך וויל נאָר און ווי אַזוי איך וויל, און לעבן אַן אַ פֿרוי — קען איך נישט.

איך בין אַ האַר איבער זיך אַליין, אַן אַבסאָלוטער האַר, אָבער דאָס, וואָס איך קען אָן איר נישט לעבן, דאָס איז אַ הערשאַפֿט איבער מיין הערשאַפֿט, דאָס איז אַ האַר איבער מיר.

איך קען נישט..

און איר קענט נישט און מיר אַלע קענען נישט, אָבער מיט איר קען איך אויך נישט לעבן.

קען איך אויך נישט!

שטעלט אייך פֿאַר דעם וועבער, וואָס פֿאַרמאָגט נישט קיין שום פֿאַרמעגן, האַלט אויף זיין פֿאַמיליע בלויז פֿון דער אַרבעט און פּלוצים פֿאַרלירט ער די ראיה — שטעלט אייך נאָר דאָסדאָזיקע פֿאַר און באַגרייפֿט זיין לאַגע, וואָס איז באמת אָן אַן אויסוועג.

וואָרים איך מיט איר קען נישט לעבן... און אָן איר אויך נישט. איין אויסוועג האָב איך נאָר: דערהרגענען זי און זיך... ווייל איך אָן איר קען נישט לעבן, איך וואָלט דאָס נישט געקענט...

ניין! ניין! יעזוס, מאַריע! ניין!

וואָס פֿאַר אַ שרעקלעך געשריי! מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב מיט דעמדאָזיקן געשריי די לופֿט צעריסן, ווי מען צערייסט זיידן-שטאָף אין אַ געוועלב; מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב מיט אים דעם הימל צעריסן, ווי אַ לייב אַ הינט. — צי זענען אַמאָל נישט די שטאָטישע טורעמס איינגעפֿאַלן? צי האָב איך נישט אַמאָל אַלעביימער אומגעוואָרפֿן?...

און פֿונדעסטוועגן — ניין, איך האָב לחלוטין קיין געשריי נישט געטון, — זי שלאָפֿט זיך דאָרט, האָט זיך צומאָל נישט אויפֿגעכאַפּט, שלאָפֿט זיך דאָרט פֿון יענער זייט פֿוירהאַנג אין צווייטן צימער. אָ, קריסטוס! דאָס איז נאָר בלויז אין מיין נשמה

דער געשריי געוועזן, דערדאָזיקער רויטער געשריי, דערדאָזיקער שרעקלעכער געשריי... אַזוי רויט איז ער געוועזן, ווי אַן אויסברוך פון בלוט; מיט עפּעס אַזאַ שטיק רויטס האָט ער זיך מיר אין דער נשמה אַריינגעגאָסן, מיט אַזאַ רויטן שטראָם. דאָס איז געוועזן אַ שרעקלעך געשריי. מיר דאַכט זיך, אַז אַלע מוטערס, באַ וועלכע מען וואָלט דאָס קינד פון די בעדערעם אַרויסגעריסן, וואָלטן נישט געקענט שרעקלעכער שרייען. און פונדעסטוועגן וואָלטן זיי פאָרט געשריגן, פאַר זיך, פאַר זייערע קינדער און פאַר זייערע מענער...

האַ! האַ! און פאַר זייערע מענער... אַ גאָט, ווי געבונדן איך בין! אַלנפאַלס, זענען דאָך נאָך פאַראַן אַזעלכע, וואָס לעבן פאָרט...

וואָרים אפילו אויך מאַריניע — האָט דאָך מיך געליבט... צי האָט זי זיך דען צו מיר נישט געטוליעט? צי האָט זי דען מיך נישט געקושט? צי האָט זי זיך דען מיר נישט אָפּגעגעבן אַ באַוווסטלאָזע, אַ משוגענע, זי איז דאָך פּשוט בלינד געוואָרן אין יענער חופּה-נאַכט! צי האָב איך דען נישט געפילט אירע באַוועגלעכע, ציטערדיקע ליפּן אויף מיינע? צי האָב איך דען נישט אַריינגעקוקט אין אירע פאַרמאַכטע אויגן, וואָס האָבן דערציילט וועגן דעם, אַז זיי קענען גאָרנישט רעדן? צי האָב איך דען אירע ברוסטן נישט געפילט אונטער מיינע ברוסטן? צי האָט זי זיך דען מיר אויפן האַלדז נישט געוואָרפן נאָך איידער מיר האָבן זיך גענומען? צי איז זי דען נישט מיינע געוועזן ביזן מאַרך, ביזן ביין, ביזן גרונט?

צי איז זי דען...

אַך! צי איז זי דען נישט לגמרי גאָר עפּעס אַנדערש? צי דאָס, וואָס מיר האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין איר געפיל, איז טאַקע געוועזן איר געפיל, טאַקע איר? צי קענען די חושים פון אַ מאַנספּערשוין ריכטיק דערפילן די פרוי? צי איז דאָס נישט אַמאָל פאַר זיי פּונקט אַזוי שווער, ווי עס וואָלט, למשל, שווער געוועזן פאַר אַ געוואוקס צו דערפילן און באַגרייפן אַ שטיין, אָדער פאַר אַ שטיין — די נאַטור פון דער וועלט?

צי איז דען דער פּראָצעס פון אינדזער געמיינזאַמען דענקען פונקט דער זעלבער, ווי דער פּראָצעס פון אונדזער פאַרדייען דאָס עסן, אָדער שטאַרבן? צי זענען מיר דען נישט אַזוי ענלעך צו זיך אויסערלעך, ווי אַ בריליאַנט פון דימענט צו אַ בריליאַנט פון גלאָז, אָדער ווי אַ קינסטלעכער בלאַט צו אַן אמתן, אָבער אינערלעך אַזוי פאַרשידנאַרטיק, ווי זייערע אָרגאַנישע באַשטאַנד־טיילן? צי דאָס, וואָס איך רוף אָן „איך", רופט דאָס זעלבע אָן אויך די פרוי? צי דאָס, וואָס איך רוף אָן ליבע, רופט דאָס זעלבע אָן אויך זי? צי זענען מיר דען אַזוי פאַרשידנאַרטיק, ווי צווייערליי פאַרבן פון איין קאָליר, פון וועלכער אויף דער אמתער פאַרב, למשל, ווירקט נישט קיין וואַסער, וואָס דאַגעגן אויף דער קינסטלעכער ווירקט עס יאָ, וואָס די אמתע פאַרב ווערט קאַליע אויף דער קעלט, און די קינסטלעכע דאַגעגן נישט, און פונדעסטוועגן בלייבט דער קאָליר שטענדיק דערזעלבער, בלוי, ראָזע אָדער פיאָלעט? צי — צי, מיט איין וואָרט, ווער איך דען נישט צעשמעטערט אָן דער פרוי, ווי וואַסער אָן אַ פעלז, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט צונויפגיסן אין איינס, נישט האַרמאָנירן, אויפקליבגען אין איין געמיינזאַמער אייניקייט, און די פרוי ווידער — אָן מיר, ווי דער ווינט אָן וואַסער, וועלכעס ער קען בלויז מיטרייסן, צעמישן, אויפשטורעמען, אָבער קיינמאָל נישט פאַרטיליקן? יאָ, יאָ! מיר ליבן זיך, מיר באַגערן זיך איינס דאָס אַנדערע און זוכן זיך — אָבער עלעמענטיש זענען מיר זיך פרעמדע, עלעמענטאַריש פסיכיש־פרעמדע, מיר גיסן זיך צונויף, ווי די טייכן מיטן ים, אָבער קיינמאָל זענען מיר נישט דאָס פייער, וואָס זאָל האָבן פון איין און דעם זעלבן אַנטשטאַנען? און דאָס איז טאַקע, אַ חוץ נויט און טויט, די גרעסטע טראַגעדיע אין לעבן.

וואָרים ווירקלעך! נויט, טויט און ליבע — דאָס זענען די דריי יסודות פון דער וועלט, וועלכע טוען אָפּ די שרעקלעכסטע אָרגיע. איך זע זיי; ווען איך וואָלט געווען אַ מאָלער, וואָלט איך זיי אין דערדאָזיקער רגע געשאַפן... די וואַקס־געלע נויט מיט די פויגלישע אויגן און פויגליש פנים, דער ביינער־

דיקער טויט, דער נאַקעטער שקעלעט. וואָס טאַנצט איבער בלוי-מען און תבואה, און דידאָזיקע אַסטאַרטע *), וועלכע שטיקט באַם האַלדז, דידאָזיקע ווילדע, גיריקע, דורשטיקע, נישט אָנגעזע-טיקטע.

און אונטער דעם אַלעם — איז די ערד, די וועלט. — עס איז זי דורכגעגאַנגען משה, עס איז זי דורכגעגאַנגען בודדאַ, עס זענען זי דורכגעגאַנגען די חכמים, — און וואָס זענען זיי לגבי דער בויט, טויט און ליבע?...

שלאָף, שלאָף מאַריניע... שלאָף און שמייכל. שלאָף און שמייכל אַזוי, ווי דו האָסט געשמייכלט צו מיר. שמייכל אויך אַזוי — צו אים.

גאָט! וואָס פאַר אַ בושה! ער! ווידער ער! ווידער דער-דאָזיקער ע ר, דער אויסגעדראָשענער, דער שטענדיקער, דער באַנאַלער, דערדאָזיקער דריטער, דערדאָזיקער ער, דער געליב-טער פון אַ פרעמד ווייב. גאָט! דעם קאָפּ זיך צעשמעטערן אָן אים, אָן דעמדאָזיקן סלופּ, צו וועלכן יעדער הונט גייט צו, זיך צעשמעטערן דעם קאָפּ אָן אים! גאָט! וואָס פאַר אַ חרפה! אומ-קומען אין דער וואַנע, אין דעם בשותּפותדיקן באָד, טרינקען זיך אין דער וואַנע! שטאַרבן פון פיין! אַראָפּוואַרפן זיך פון דער עפנטלעכער בריק! זיך דערהרגענען אויף דער שוועל פון קלויסטער! גאָט! וואָס פאַר אַ לעכערלעכקייט! ער, דער אייבי-קער ער, דערדאָזיקער דריטער, דעם ווייבס געליבטער! אָ, לעבן! באמת! אַ איראָניע איז נאָר דיין נאָמען.

שלאָף, מאַריניע, — און שמייכל צו אים, צו דעמדאָזיקן דריטן, צו דיין געליבטן. שמייכל, ווי אַמאָל צו מיר. און גיב אַ טראַכט: הונדערטער, טויזנטער, מיליאָנען, מיליאַרדן פרויען האָבן שוין אַזוי געשמייכלט צו זייערע געליבטע, ווי אַמאָל צו זייערע מענער, און גיב אַ טראַכט: הונדערטער, טויזנטער, מיל-יאָנען, מיליאַרדן פרויען וועלן שמייכלען נאָך דיר אין דער צו-

---

*) אזא מין חיה.

קונפט... אָ, וואָס פאַר אַ שרעקלעך געפיל עס איז די דאָזיקע צוקונפט! אַלץ וועט זיין דאָס זעלבע! און די דאָזיקע אַלע יסורים, ליידן, טרויעריקייטן, עגמת נפשן און ביטערנישן אונדזערע — אַלץ וועט זיך איבערחזרן אין דער צוקונפט, פונקט אַזוי, ווי אין אונדז חזרט זיך איבער די פאַרגאַנגענהייט.

אָ, לעבן! „אוממענטשלעכקייט" איז דיין נאָמען...

גאַרנישט, גאַרנישט, — שטענדיק איז דאָס זעלבע, שטענדיק בחנם, שטענדיק גאַרנישט. קיינער וועט נישט ווינציקער ליידן דערפאַר, וואָס איך ליד היינט, פונקט אַזוי, ווי איך ליד נישט ווינציקער דערפאַר, וואָס אַנדערע האָבן אַמאָל געליטן. אָ, לעבן! עקשנותדיקייט איז דער נאָמען דיינער...

ליידן, נישט מער, ווי ליידן. קריסטוס, דער העכסטער אידעאַל פון גייסט און פון האַרץ, צו וועלכן די מענטשהייט האָט זיך דערהויבן — איז בלויז נאָר איין ליידן. דאָס העכסטע געפיל פון די געפילן — זענען יסורים. דאָס שענסטע ליד — דאָס באַקלאָגן זיך. דאָס ריינסטע — זענען טרערן. אָ, לעבן! ווי-זשע איז פאָרט דיין נאָמען?

שלאָף מאַריניע, שלאָף, שלאָף! גאָט, דער גורל, די נויטווענדיקייט, די פוסטקייט — וואַכט איבער דיר. שלאָף... הימלבלוי... ליליען-בלום איז געווען איר ריח, ליליען-בלום... זוניק איז געווען דאָס ליד, זוניק...

שלאָף...

ווי אין אַ ראָמאַן! כאַ, כאַ, כאַ! עס איז אַ ראָמאַן. ווו איז דען ערגעץ, ווען ס'זאָל נישט האָבן געווען קיין ראָמאַן? צי וואָלט דען געקענט אַנטשטיין אַ ראָמאַן, ווען עס וואָלט קיין ראָמאַן נישט געווען? — צי — שפּיל איך זיך נישט אַמאָל אין קיין ווערטער, איך האַלעץ, צי טראַכט איך? צי עקזיסטיר איך? צי—

און דו — שלאָף!

גענייבע! אַפּשיילעכע! בידערטרעכטיקע! טייוול! מנוול
דו! דו וויכעטש! שטשענקע!
אַ מעסער! אַ מעסער!

אָ!

אָ, ניין — זי גאַר צו דערהרגענען...

מען דאַרף זיין עפּעס מער, ווי דער ערגסטער פון די טייוולאָנים.. . פּאַטש! פּאַטש! פּאַטש! טיפּש, לעכערלעכער גאַנץ! גאַנץ אַ רישער און לעכערלעכער קנעטעט פון לעבן, פון דיין אייגן בלוט, פון דיין קערפּער, פון דיין נשמה! וואָרים עס איז דאָך נאָך דאָ אַן עפּעס, וואָס איז איבערן קערפּער, איבערן בלוט, איבער דער נשמה! נאַרישע- און לעכערלעכער גאַנץ! דו ערדישער גאָט, אָבער נאַרישער און לעכערלעכער! און דו האָסט דאָס געליבט! און דו ביזט דאָס אַריינגעפאַלן אין משוגעת! און דו — האָסט עס נישט געקענט דערהרגענען...

אָ, קריסטוס! וואָס פאַר אַ גורל! צו וואָס? צו וואָס? צו וואָס?...

און זי — שלאָפט.

שלאָפט.

אַזוי שלאָפט אַ פעלז, ווען דאָס וואַסער דאַמפּט אויס אויף דער זון, ווען די פראָסט דריקט עס צונויף אין אייז, ווען עס קומט אָפּ דערפון, ווען עס קרעכצט פון ווייטיק, — זי שלאָפט!..

ער שלאָפט אוודאי אויך...

ער—

פאַרוואָס קומט מיר נישט קיינמאָל אויפן געדאַנק אים צו דערהרגענען?

צי האָב איך דען מורא? כ'וואָלט דאָך אַלציינס געהאַנגען אַזוי פאַר אים, ווי פאַר איר. און זי איז דאָך עפּעס מיין ווייב, און ער — מיין שונא... ניין, — ער, ער איז נישט מיין שונא.

מיין שונא איז נאָר זי און אפילו זיין שונא איז נאָר זי, זי איז אַריין צווישן אונדז, ווי עס גייט אַריין אַ מאַשין מיט צוויי שטויסערס צווישן צוויי ווענט. זיי שלאָגן זיך אָן און שטופּן זיך גלייך אָפּ. ווען זי וואָלט נישט געווען, וואָלטן זיי זיך קיינמאָל נישט אָנגעשלאָגן, ווען זי וואָלט נישט געווען, וואָלט זיי קיין זאַך נישט אָפּגעשטופּט. צי לייד איך אים דען נישט? — זי אָבער

געפינט זיך אין אים. צי ליידט ער דען מיך נישט? זי איז דאָך אָבער מיין ווייב. ער אין מיר, איך אין אים — פאַרטראָגן זי ישט. ער האַט זי פיינט אַלס מיין ווייב; איך האָב זי פיינט אַלס זיין געליבטע. צי וואָלטן מיר דען זיך נישט פאַרבייגעגאַנגען גלייכגילטיק? אָדער אפילו: צי וואָלטן מיר דען איינעם נישט געאַרבעט, בשותפות אין איין געדאַנק? ס'הייסט ער — דאָס איז דאָך איך. דער איך, וואָס כ'בין עס געווען אַמאָל.

* * *

גאָט, גאָט, ווי מיד איך בין. די הענט פאַלן מיר אַראָפּ,
ווי אונטערגעהאַקטע צווייגן; דער קאָפּ מיינער הענגט מיר נאָך,
ווי אַ פאַרוועלקטע בלום, דער גאַנצער קערפּער מיינער, איז ווי
דער שפּעטער האַרבסט! אויך מיין נשמה איז אַזוי מיד, אַזוי
מיד, — אַך! אויסטערליש מיד, ווי אַ טאָל מיט וואַסער
פאַרגאָסן. אַך, שטאַרבן! שטאַרבן — נישט עקזיסטירן... און וואָס
איז דען דאָ געשען? אָט איז געקומען דערדאָזיקער מענטש און
האָט זי מיר אַוועקגענומען. אָ, פינסטערער, שטילער מלאך פון
רו, טרויעריקער, ווי דער טויט — שטעל דיך פאַר מיר, וואָרים
איך וויל שוין מער קיינעם נישט זען, נאָר דיך. אָ, מלאך פון
שטילקייט, — איך וואָלט ערגעץ אַנטלאָפן אויף אַ ים, ווו מען זעט
נ׳שט קיין לעבעדיקן נפש, אויף עפּעס אַן אינדזל, וואָס איז אינ־
גאַנצן אָפּגעשניטן פון דער וועלט און וואָלט אַזוי געקוקט אויף
דיר, מלאך פון שווייגן, אין דיין פינסטער געזיכט, וואָס איז טרוי־
עריק, ווי דער טויט, אין דיינע אויגן אָן גלאַנץ... אָט בין איך,
ווי אַ בוים פון אַ דונער דערשלאָגן, — און וועל איינשלאָפן...

איך וועל אָבער קיינמאָל נישט איינשלאָפן...

עס גייט אַ נאַכט, עס גייט אַ לאַנגע נאַכט, אַן אויסגעשטערנ־

טע, אַ שטילע אומענדלעכע, שלאָפלאָזע נאַכט. איך וועל קיינמאָל נישט איינשלאָפן. און עס וועט שוין קיינמאָל גאָרנישט זיין, בלויז דידאָזיקע לאַנגע, אויסגעשטערנטע, אומענדלעכע און שלאָפלאָזע נאַכט. עס וועט שוין קיינמאָל נישט זיין קיין טאָג, עס וועט שוין קיינמאָל נישט זיין קיין זון, עס וועט שוין קיינמאָל נישט זיין ליכטיק. קריסטוס, — איך בין איצט איינער פון דיינע אויסדערוויילטע קינדער: איך לייד.

איך לייד אומענטשלעך. איך ווייס נישט, וואָס מיר איז — איך פיל, אַז איך לייד, אַז איך אַנטגיי אין דידאָזיקע ליידן.

און שוין מיט דעם אַליין שטאַרב איך, וואָס איך קען נישט שטאַרבן...

פונקט, ווי עס וואָלט עמעצער געוויינט איבער מיר, ווי עמעצנס טרערן וואָלטן פון מיינע אויגן געפלאָסן, ווי ס'וואָלט דאָ עמעצער מיינע יסורים געפילט, ווי ס'וואָלט עמעצער אין מיר געליטן.

איך האַס דיך! דאָס ד. רפסטו עס ליידן אין מיר, דו, דו, ווייב ביינס, דורך וועלכער איך לייד אַזוי!

אוממענטשלעך לייד איך.

האַ, האַ — אַצינד בין איך אַ נאָרמאַלער מענטש.

*

* *

עפּעס טוט זיך דאָ אַרום מיר. עפּעס שפּילן טראָמפּייטן, דוישן, קלאָגן איבער מיר. אַ טראָמפּייטן, טראָמפּייטן, דונערט! אפשר וועט זיך מיין נשמה פונם קערפּער אַרויסרייסן און מיט אייער דונערן אין פּוסטן הימל אַריין אַוועקפליען! ווען די נשמה וואָלט געהאַט אַ וואָרעם, ווען מען וואָלט זי געקענט מיטן אייגענעם פוס צעטרעטן; ווען מען וואָלט מיט אַ שטיוול געקענט דאָס אייגענע לעבן דערהרגענען, ווי אַ וואָרעם. ווען מען וואָלט אַזוי געקענט נישט ליידן !..

עס ציען זיך צו מיר הענט, דאַרע, נעבעכדיקע, אויסגעמוטשעטע אָרעמס. עס ציען זיך צו מיר פּנימער בלאַסע, אויסגעמאָגערטע, אויסגעצויגענע באַקן, — עס דערנענטערט זיך צו מיר א המון אָרימעלייט און רופט: ברודער! ברודער! עס דאַכט זיך מיר, אַז איך שטיי ערגעץ אויף אַ באַרג, און פון אונטן פונם טאָל גייט דערדאָזיקער המון און שרייט: ברודער! ברודער!.. דאָס זענען דידאָזיקע, וואָס ליידן, דאָס זענען זיי! וויפיל מיליאָנען דאָס זענען, וואָס פאַר א המון! יעזוס! וואָס פאַר אַ המון! וויפיל מיר זענען עס, מיר זענען די מערהייט! וואָס פאַר אַ מאַכט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער כוח! טאָ לאָמיר-זשע גיין! לאָמיר דערדריקן, צע-

קוויטשן דאָס הייזעלע גליקלעכע! מיר וועלן עס פאַרגעסן, ווי דער ים דאָס אינדזל, מיר וועלן עס דערטרינקען, ווי דאָס זאַמד אין דער מדבר די אָאַזע. וואָס פאַר אַ המון!

אָבער זיי — זיי וועלן זיך נישט געפינען נישט אויפן אינדזל, נישט אויף דער אָאַזע. זיי זענען אויך דאָ צווישן דעם דאָזיקן המון! זיי ליידן אויך. וואָס פאַר אַ רויש פייער!!... זיי ליידן, ווייל זי איז מיין ווייב!... טראָמפייטן! טייוולאָנישע טראָמפייטן! דונערט אַזוי, אַז דער הימל זאָל זיך אַזש שפּאַלטן! דונערט אַזוי, אַז גאָט זאָל אַזש אויף שטיקלעך צעפאַלן! ווייל זי איז מיין ווייב!...

ניין, ניין, דאָס איז נישט אמת די לאָנקעס זענען גרין, די טייכלעך רוישן, די בלומען בליִען, די תבואה ווערט געמאָלן — ניין, ניין, אַלץ איז אַזוי, ווי עס איז, איך בין נישט משוגע. און אפילו דאָס איז אויך נישט אמת: ער איז נישט דאָ, אַלץ איז אַזוי, ווי עס איז אַזוי ווי עס איז געווען. יאָ, יאָ, די לאָנקעס זענען גרין, די טייכלעך רוישן, די בלומען בליִען. אַלץ איז אַזוי, ווי עס איז געווען...

אָבער ניין, ניין — ס'איז נישט אַזוי. עס איז אַ פּוסטער, פּוסטער, פּוסטער שטח און אויף אים איז גאָרנישט פאַרהאַן, גאָרנישט. אַן אומענדלעכער שטח. עס איז אַן אָנגענעמע ליכטיקייט און אַ שטילקייט, — אַן אומענדלעכע שטילקייט. און עס איז גאָרנישט דאָ. גאָרנישט, — זי איז אפילו אויך נישט. זי איז נישטאָ. זי איז קיינמאָל נישט געווען. קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט... אָ, וואָס פאַר אַ פאַרצווייפלונג!

צי וועט שוין דידאָזיקע נאַכט קיינמאָל נישט אַריבער?

און צי וועט שוין מיין האַרץ שטענדיק אַזוי ווייטיקן? עס איז פּונקט אַזוי, ווי אַ ראָד, וואָס דאָס וואַסער דרייט עס: עס קען נישט אויפהערן זיך צו דרייען — דאָס וואַסער גייט. קיין וואַסער קען נישט פאַרפעלן — ס'איז אַ קוואַל. און דאָס ראָד האָט אַזוי פיל ציין, און יעדער צאָן פאַרטשעפּעט זיך אין מיין האַרץ, און אויף יעדן צאָן — אַזוי פיל בלוט...

אָ, קריסטוס!

דו שטייסט פאַר מיר. אַ ווייסער, אַ שטילער, אַ טרויעריקער אַזש אויף טויט. אַזש אויף טויט איז טרויעריק דיין נשמה, ביזט געווען, — האָסט אַלץ פאַר אַ קרבן געבראַכט: דער ליבע, געוואָלט אונדז אָפּרייסן פון דער ערד, כדי מיר זאָלן נישט ליידן, און מיר גאָר ליידן, ליידן שרעקלעך, אומ־מענטשלעך. מיר קענען קיין גייסטער נישט זיין, מיר קענען זיך נישט איבער אונדזערע קערפּער דערהייבן... זאָלן מיר עפּעס טראַכטן, זאָלן מיר עפּעס רעדן, זאָלן מיר עפּעס וועלן: איז די נשמה פאַר אונדז בלויז אַ שאָטן, דער קערפּער — אַ פויגל. קיינ־מאָל וועט זיך דער שאָטן איבערן פויגל נישט אויפהייבן, נישט אריבערפליען איבער אים. אומזיסט איז דאָס וועלן.

אָ, קריסטוס, דו האָסט זייער שטאַרק געליטן, דו האָסט אָן אַ שיעור געליטן. דו ווייסט, וואָס עס הייסט אַזוינס ליידן. און דעריבער שטייסטו פאַר מיר אַזאַ בלאַסער, אַזאַ שטילער און טרויעריקער צום טויט. Trystis est amima Tua uspue ab mortem*). איך ליב דיך! איך ליב דיך! צי דו ביסט אַ גאָט, צי דו ביסט אַ מענטש, — ליב איך דיך, לאָז מיך אַרומ־נעמען דיינע קני'ען, לאָז מיך זיי קושן. דו ווייסט, אַז מיין ברוסט איז ווי אַ ריזיקע געביידע, אין וועלכער עס גייט אריין אַ ים מיט ליידן. דו ווייסט דאָס.

אָ, נאַכט, נאַכט! אָדער רייס מיר אַרויס די טרערן פון די אויגן, אָדער זאָלן דיינע שטערן ווי טרערן אַראָפּפאַלן פון די הימלען און מיך אין זייערע פייערדיקע פאַרשלינגען. איך וויל אומקומען אין טרערן.

און דו, מאַריאַ, שלאָפסט...

וואָס־זשע איז, אַלזאָ, געשען? אָ, כדי צו קענען דידאַקטיש פרוי אָנרופן מיין ווייב, כדי צו קענען זיך איינזויגן אין איר לייב און אריינגריבלען זיך אין איר נשמה, כדי צו קענען איר הענטל טוליען צו די ליפּן און דיך אייבקריצן אין איר האַרץ,

*) טרויעריק איז דיין נשמה אַזש אום טו - -

כדי זי צו קענען באַזיצן און זיין דורך איר באַזעסן, וואָס דאָס איז אפשר נאָר אַ גרעסערער תענוג, כדי זי צו קענען אַרומנעמען און ווערן דורך איר אַרומגענומען, וואָס דאָס איז נאָך אפשר אַ גרעסערע פאַרשיכורונג; כדי צו פילן, ווי זי ווערט פאַרחלשט, אַרומנעמענדיק מיך און צודריקנדיק צו זיך, ווי זי זאַפּט מיך איין אין זיך מיט די אויגן, מיט די ליפּן און מיטן גאַנצן קערפּער; כדי צו פילן, אַז ווען איך לייג דעם קאָפּ אַ מידער אויף איר ברוסט, איז זי נאָך אַלץ נישט אָן כוחות, נאָר בלויז אָן אָטעם און כמעט אַ באַוווסטלאָזע גיט זי זיך אָפּ; כדי צו לעבן מיט איין לעבן, מיט איין געדאַנק, מיט איין איינדרוק, מיט איין פאַנטאַזיע, מיט איין אָטעם, מיט איין ליכטיקייט און מיט איין פינסטערניש, מיט איין וועלט-עקזיסטענץ, מיט איין באַוווסטזיין, מיט איין באַגריף, מיט איין געפיל, מיט איין דאַזיין אינעם רוים און צייט און מיט איין צונויפשמעלצן זיך אין לעבן, — האָב איך מיך אַליין דערהרגעט. יאָ אַזוי איז דאָס. איך האָב אַלץ צעטרעטן: אויב נישט מיין גלויבן, איז ווייניקסטנס מיין האָפענונג, מיין אַמביציע, מיין איך, מיין ליבע, מיין לעבן, מיין רעכט צום לעבן און מיין פליכט צום לעבן, מיין שטאָלץ, מיין משוגעת, מיין ווילן, מיין מאַכט, מיין העלדישקייט און מיין מוט, אַלץ וואָס האָט נאָר אַשייכות מיט מיר! און אינגאַנצן צוליב איין פרוי, און פשוט דערפאַר, כדי זי מקרב צו זיין, צו פאַרדינען אַזוי פיל, כדי צו קענען מיט איר לעבן, נישט לאָזן זי ליידן קיין הונגער, האָבן פאַר איר אויף אַ קלייד און אַ וווינונג — בין איך געוואָרן אַ פאַרעטער, אַן אַפּטרייניקער, אַ רענעגאַט. מיינע פריינט האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט, אייניקע מיט עקל, אַנדערע מיט אַ גרינגשעצנדן שמייכל, פאַרשטייענדיק גאַנץ גוט די סיבה, וועלכע זיי אַליין וואָלטן אויך בייקומען נישט געקענט; אַנדערע מיט דער גלייכגילטיקייט פון מענטשן, וועלכע שטרעבן באכת צו עפּעס אַ אידעאַל, אַנדערע מיט אויפרעגונג, און אַנדערע גאָר מיט ביטול פון אַ מענטש, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיי געחלומט, געטרוימט, געחקרנט זיך; פון אַ אידעאַליסט, פאַר וועלכן דאָס לעבן האָט געהאַט אַ קנאַפּע באַדייטונג אין פאַרגלייך מיט דעם געדאַנק, ציל, אידעע, —

בין איך גאָר געוואָרן אַ באַאַמטער, אַ געוויינטלעכער פּשוטער פּאַ-
אַמטער אין זין, מיט אַן אָראָפּגעבויגענעם קאָפּ פאַר די אַר-
בעטס-געבער, וואָס יאָגט זיך נאָך פּראָטעקציע און נוצט די
איס אויף שריט און טריט. מיט אַן אידעאַל — פון געהעכערטע
פּענסיע, מיט דער האָפנונג, אַז מען וועט זי מיר העכערן; מיטן
פּאַנאַטיזם נישט צו פאַרשפּעטיקן זיך קיינמאָל אין ביוראָ און צו
דערפילן ווי צום בעסטן מיין אַרבעט, אַזוי, כּדי זיך אויסצוצייַ-
כענען אין די אויגן פונעם באַלעבאָס; מיט אַ ברען פון פליי-
קייט; מיטן געדאַנק, וואָס מערער צו פאַרדינען, מיטן ווילן צו
דערהייבן זיך העכער איבער אַלע, כּדי צו דערגרייכן צו אַ פּענ-
סיע ביז צוויי טויזנט אַ יאָר. מיין אַמביציע, מיין שטאָלץ, מיין
ווילן, מיין חלום, מיין פאַנטאַזיע, מיין אידעאַל, מיין אידעע, —
דאָס איז די יערלעכע פּענסיע פון צוויי טויזנט. איצט באַקום
איך אַנדערטהאַלבן. צוזאַמען מיט דעם, וואָס איך פאַרדין נאָך
צו דערלעבן, איז דריי. איך, וואָס האָב געטרוימט, אַז איך וועל
נאָך אַמאָל, ווי אַן אָדלער צום הימל אויפשטייגן און ווי אַ שטערן
דער וועלט אַ גוטע בשורה אָנזאָגן; איך, וואָס האָב אַמאָל גע-
חלומט, אַז איך וועל אויפבליצן, ווי אַ דונער און וועל פאַרוואַנדלט
ווערן אין אַ ברייטער ליכטיקייט; איך, וואָס האָב אַמאָל געוואָלט
זיך צוזאַמענעמען, ווי אַ כמאַרע, און אַראָפּפאַלן אויף דער ערד,
ווי אַ פרוכטבאַרער רעגן; איך, וועלכער איז מיט זיין התלהבות,
עקסטאַז געווען דער קרבן פאַרן כּלל, דאָס ברודערשאַפט, ווע-
מענס נשמה עס איז שטענדיק געווען נאָר דער סאַט. די גע-
זעלשאַפטלעכע אַרבעט, וועמענס שטאָלץ עס איז בלויז געווען
דאָס איבערגעבן זיך אינגאַנצן דער אידעע, די פאַרדינסטן פאַר
איר... איך בין טיף אַראָפּגעזונקען, ווי פון אַ הויכן פעלז.
מיט איין מאָל האָט אין מיר געפּלאַצט דער געלענק פון
קאַרק, דער מוח איז מיר צעשמעטערט געוואָרן, דער שטערן —
צעריבן געוואָרן, די אָרעמס — אַראָפּגעהאָנגען, איך בין קליין
געוואָרן פאַרשווונדן. איך האָב חתונה געהאַט מיט אַן אומפאַרמעגלעך
מיידל און איך האָב מיך איינגעשפּאַנט אין דינסט. איך האָב אויפ-
געהערט אויפצונעמען דאָס מענטשלעכע וואָרט, איך האָב נאָר

בלויז די שפּראַך. איך האָב אויפגעהערט צו דריקן מענטשלעכע הענט. איך דריק נאָר בלויז מאַשינדלעך. איך האָב אויפגעהערט צוקוקן אין מענטשלעכע אויגן, איך קוק נאָר בלויז אין די שויבן פון די גאַלאַנטעריע-געשעפטן. איך רייב מיך שוין נישט אַרום די הצראָסן, איך רייב מיך איצט אַרום די דינער פון עגל הזהב. איך רעד שוין נישט מער צו די ווינטן, איך רעד צו די שכנעס. אָבער וועלכע עס קאָלערן זיך די רעדער פון דער בורזשואַזיש-מלוכהשער באַן. איך ווער נישט מער פאַרשיכורט דורכן געוויש פון די פייגל, אין מיינע אויערן קלינגט אָפּ דער קלאַנג פון געלט. מיין שבועה — איז דער סטעמפּל. מיין גלויבן — דער גלח; מיין מעטע איז דער ערשטער אין חודש, מיין ציל — די קאַסע; מיין גאָט איז דער דירעקטאָר, מיין הימל — דער אויפזיכטס-ראַט; מיין לעבן — די ביוראָ; מיין וואָרט — די לאָיאַליטעט.. . ביז איצט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געטון אַזאַ זאַך, וואָס זאָל מיך מאַכן צו שאַנד און שפּאָט. אָבער איך מיין, אַ, דאָס וועט קומען, עס מוז קומען. טיילמאָל איז דאָס שווייגן גופא שוין אַ שאַנד, און איך שווייג דאָך אַזוי אָפט.. . ווי אָפט שטיק איך מיך, און שווייג, ווי אָפט ווערג איך מיך, און שווייג, ווי אָפט ברענט אין מיר דער כעס — און איך שווייג.

צביעות, שקר, אומרעכט, פאַרברעכן, אייגננוץ, חוצפּה, געמיינהייט, נידערטרעכטיקייט פליסט ווי אַ טייך — איך שווייג. איך זע דאָס, אַז — שווייג. הינטער מיינע פענסטער ברומט און שרייט די עוולה, די אוממענטשלעכע עוולה. איך הער זי, און — שווייג. מיין נשמה ראַנגלט זיך אין קאַנוווּלסיעס — איך שווייג. עס קלעמט מיר אין דער ברוסט, עס זידט דאָרטן, דאָס בלוט אין מיר קאָכט, עס מאַכט מיר דעם טויט — איך שווייג. מען קאָפּעט מיך מיטן פוס דערפאַר, וואָס איך שווייג, — און איך שווייג. יאָ, יאָ, דאָס שווייגן אַליין קען אויך אַמאָל זיין אַ שאַנד; איך בין צו שאַנד און שפּאָט געוואָרן, איך בין געמיין, — איך שווייג.

איך בין געמיין? ניין, דאָס רופט זיך גאָר אַנדערש: איך בין אַן אָפּאָרטוניסט, „איך מיש מיך נישט“. מען פּאַטשט אין פּנים מיינע אידעאַלן, מיינע איבערצייגונגען, מיין גלויבן —

„נישט מײַן דאגה". מען שפּײַט אויף מײַן נשמה, מען שפּײַט אויף מײַן הארץ — „עס גייט מיך נישט אָן". וואָרים מיט וואָס האָט דער טייוול אויסגעטראַכט פֿאַר מיר אַ גיהנום פֿון פּײַן? אָט טאַקע מיט דעם, וואָס אינערלעך בין איך געבליבן דערזעלבער, ווי איך בין געווען: אַן אידעאַליסט און אַ פֿאַנאַטיקער, אַ שטורעם און אַ פֿלאַם.

איך האָב זיך נישט געענדערט, מײַן פֿעל האָט זיך נאָר געענדערט. איך האָב פֿון זיך נישט אויסגעטאָן מײַן נשמה צוזאַמען מיטן אָפּגענוצטן ראָק פֿון אַ פֿרייען אָרימאַן מענטש. ווי עס טוען דאָס אַ סך, — איך בין מיט איר פֿאַרבליבן, פֿאַרבליבן מיט זיך, אינעם דאָזיקן אָרעמלעכן, ווינציקן אַנצוג. איך בין דאָס, וואָס כ'בין געווען — נאָר — מאַ־יניאַ האָט בלויז געהאַט פּופּצע טויזנט רייניש גדן, האָב איך גמ׳ט — שטאַרב.

דאָס איז אַ משונהדיק געפֿיל, וואָס זייער ווייניק מענטשן פֿילן עס: צו עקזיסטירן נאָכן טויט. אויב מען זאָל באַ וועמען צונעמען אַלע זײַנע רעכט, צונעמען באַ אים דעם שטאַנד, דעם אַמט, די פּריווילעגיעס, איבערשניידן אַלע זײַנע אַרטעריעס, וואָס האָבן אים פֿאַרבונדן מיט זײַן פֿריערדיק לעבן צוליב עפּעס אַ קאַטאַסטראָפֿע, לאָמיר זאָגן, פֿאַר אַ מלוכה־פֿאַראַט, אָדער שווינדל אין קאָרטן, און אים לאָזן אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, אָן ווירדע, אָן אַ שטעלונג, אָן באַקאַנטע, אָן פֿריינט, אָן אַ מעגלעכקייט צו לעבן אין נאָרמאַלע אַלגעמיינע באַדינגונגען, — אָט אַזעלכער דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט, ווי נאָך זײַן טויט! און איך דריי מיך אויך אַזוי אַרום. אַלץ, וואָס דערדאָזיקער מענטש האָט פֿאַרלוירן, האָב איך אויך פֿאַרלוירן. איך האָב זיך אַליין אָפּגעריסן די שליפֿעס פֿון די אַקסלען און די אָרדערס פֿון דער ברוסט, איך האָב מיך אַליין אַרויסגעשטויסן פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. אַליין האָב איך צעבראָכן מײַן שווערד איבער מײַן קאָפּ, איך האָב מיך אַליין דעגראַדירט, דיסקרעדיטירט, פֿאַרלוירן די שטעלונג, באַקאַנטע, פֿריינד. אָבער פֿאַר דעם אַלעם האָב איך געהאַט די פֿרוי, וועלכע איך האָב באַגערט און בין געוואָרן דורך איר באַזעס, וואָס דאָס איז נאָך אפשר אַ גרעסערער תענוג. איך

האָב געפילט, אַז זי באַגערט מיך, אַז זי נעמט מיך, אַז זי ציט מיך צו צו זיך און באַזיצט מיך. פאַר דעם אַלעם האָב איך געהאַט מיין מאַרינינען און האָב געהאַט דעם תּנאי, וואָס איך בין געווען אירער. און איצט — איצט קומט אַ דריטער מענטש, און נעמט זי מיר צו! און מיט וואָס! אָט איז דער אָפּגרונט פון לעבן. ער נעמט זי בײַ מיר צו מיט דעם וואָס איך האָב פאַר איר אַלץ אָפּגעטויט אין מיר, ער נעמט זי צו בײַ מיר צוליב מיין טויט, אַ נײַ לעבן וועקט ער אויף אין איר דורכדעם וואָס איך האָב פאַר אירעטוועגן אַלץ צעשמעטערט... גענוג. אָט דאָס איז דער אָפּגרונט פון לעבן.

* * *

און צו איך גיב אַ מאָל אַ טראַכט אַז איך בין דאָס מיר־אַליין, און טאַקע מיר אַליין שולדיק, וואָרים אייגנטלעך איז גאָר־דאָ קיין שום דריטער נישטאָ, איך בין מיר אַליין מיין אייגע־נער שונא, און בײַ מיר אַליין האָב איך דאָס מיין אייגענע פרוי אָנגעקומען. וואָרים דערדאָזיקער מענטש איז לחלוטין נישטאָ קיין אַנדערער, נאָר איך, איך, דער זעלבער, וואָס בין געווען פאַר־טויט. ער אונטערשיידט זיך מיט גאָרנישט פון מיר, ער האָט באַר דאָס, וואָס איך האָב נישט געהאַט: ער האָט די ממשלה איבער זיך, ר'האָט אַ ווילן, אַ כאַראַקטער.

דאָס הייסט, אפשר שיידט ער זיך יאָ אונטער פון מיר, אָבער דאָס, וואָס מאַכט, אַז ער זאָל מיר אָוועקנעמען מיין ווײַב, איז עס בלויז דאָס, וואָס איך האָב אין מיר פאַר איר אָפּגעטויט, דאָס איז דער פאַנאַטיזם, די שטרעבונג צום אידעאַל, דער וואָג־זין, מיט איין וואָרט, דאָס אַלץ, וואָס איך בין געווען...

דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס שטייגט איבער אַלע השגות פון אַ מענטש. ווען איך האָב געקעמפט מיט זיך אַליין, ווען איך האָב פשוט געגוססט אין זיך, ווען דאָס געווויסן האָט אין מיר־געשריגן פאַר ווייטיק דערשטיקט וואַרגדיק אויס ליבע צו דער

פרוי, װען איך האָב געהאַט די בריװ זיך אויסצװיילן: אָדער ארומצוגײן קריעה בליעה, בלײבנדיק בײַ מײַנע אידעאַלן, און אויך איבעריק זיך שוין אָפּזאָגן פון מאַריניען, אָדער — אײַנשפּאַרן זיך אין בירוראַ, אָפּזאָגנדיק זיך פון אַלץ און פילן בלויז דאָס גליק, אַז מאַריניע איז מײַנע. און זי האָט צומאָל נישט אָנגעהויבן צו װיסן, אַז איך קעמפ מיט זיך אַליין, און װי שרעקלעך איך קעמפ! זי האָט נאָר בלויז געגלוסט צו װערן מײַן װײַב, און שנעל, װי צום שנעלסטן.

איך האָב זי באַזעסן, און האָב זיך געפילט דורך איר באַזעסן, װאָס דאָס איז נאָך אַ גרעסערער תענוג; זי האָט זיך אַזוי לײַדנשאַפטלעך געטוליעט צו מיר, זי איז אַזוי באַרוישט געװאָרן מיט מײַן יעדער באַװעגונג און מיט איר אייגענער, זי האָט מיך געליבט ביז משוגעת. — און איך האָב נישט געהאַט קײן אײן טאָג קײן גליקלעכן, קײן אײן שעה, קײן אײן מינוט. עס אַרן מיך שוין נישט די מענטשן, הגם דאָס זענען געװעזן אײדעלע מענטשן און אָנגעזעענע, אָבער אָט פון דעם מאָמענט אָן, װען איך האָב קאַפּיטולירט און זיך אונטערגעגעבן, האָט זיך מיר מײַן געװיס אָקעגנגעשטעלט און האָט מיך אָנגעהויבן צו פּײַניקן. װאָס פאַר אַ קאַמפן עס האָבן זיך דאָס אָפּגעשפּילט! װיפיל מאָל האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט, אַז אַלץ איז הבל הבלים, און װאָס טאָקע איך װעל אַרײַנכאַפּן, װעט זײַן אַזוי װי געפונען, — און װיפיל מאָל האָב איך איבערגעחזרט פאַר זיך אַליין, אַז איך בין געמײן און נידערטרעכטיק! יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ פון תענוג, װאָס מאַריניע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן, האָט אין מיר דערשטיקט דעם זיפץ פון מײַן נשמה און דעם קרעכץ פון מײַן האַרץ. װען איך װאָלט כאָטש אַזוי געװען, װי אַנדערע, װאָס טויטנדיק דעם ראָק, טויטשט ער אויך די נשמה! װען איך װאָלט געװען אַזעלכער, װאָס טויטנדיק אין זיך זיך אַליין, װאָלט איך אויך די נשמה אין זיך אָפּגעטויט... נאָר ניין! איך בין געבליבן דער זעלבער, װאָס געװען און מײַנע צװײ ליבעס האָבן מיך אָנגעהויבן צערײַסן װי די לײבן, האָבן מיך אָנגעהויבן צו שלעפּן צו זיך, צו צערײַסן מיך אויף טײלן. איך האָב מיך געװאָרפן אין מאַריניעס אָרעמס, װי

אַ משוגענער, איך האָב מיין שטערן אין מיין מוח אַריינגעשלאָ
אין איר לייב, איך האָב זיי אין איר שייס אַריינגעדריקט, זי האָט
אַזש געשריגן פאַר ווייטיק; זי האָט געמיינט, אַז איך ווער משוגע
פון גענוס, און איך גאָר בין משוגע געוואָרן פון יסורים. וואָס
הייסט אַזוינס מקריב זיין אַלץ פאַר עפּעס און דערנאָך, שוין באַ-
זיצנדיק דעם עפּעס, זיך פילן דער אומגליקלעכסטער. אָט דאָס
איז טאַקע דער אָפּגרונט פון מענטשלעכן לעבן...

* * *

אַלץ אויף וואָס איך האָב אַזוי געהאָפט נאָך דער חופה, וואָס איך האָב מיר אַזוי פאָרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע איז געוואָרן צו נישט. ווען איך האָב מיך נאָר איינמאָל צעבראָכן, בין איך שוין אויף אייביק צעבראָכן געוואָרן. איך האָב מיך שוין מער אין קיין שום זאַך נישט געקענט דערקענען. איך בין נאָר געוואָרן אַ מאַן, וואָס ליבט ביז משוגעת און — אַ באַאַמטער. און, אָ, צום טייוול! עס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון דאָס, וואָס איך בין אַמאָל געווען . .

אַזוי זענען זיך די יאָרן געגאַנגען, איין יאָר, דאָס צווייטע, דאָס דריטע. מאַריניע האָט מיך געליבט, איך האָב געפילט, אַז זי האָט מיך אויס מיינס:ן געליבט בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב זי ווירקלעך מער פון אַלץ ליב געהאַט. זי איז געווען אַזוי גוט, אַזוי כּילער, אַזוי באַרוישנד. . .

און פלוצלינג, — אָט האָט זיך פאַר אונדז אויפגעשטעלט מיין צווייטער „איך“ — נאָר מיט אַ ווילן און כאַראַקטער, וואָס האָט מיר ביז איצט געפעלט און. . . ווארים איך וואָלט דאָך געקענט זיך דערהרגענען, אויב איך וואָלט אָן מאַריניען לעבן נישט

געקענט, זיבער מקריב זיין פאר איר מיין גייסט, דאָס האָב איך שוין בשום אופן נישט באַדאַרפט".

דערדאָזיקער אייזערנער מענטש האָט די גיבוי געווען מיט דעם, ווייל דאָסדאָזיקע, וואָס איז אין מיר געווען פון ליים און דעריבער האָט עס טאַקע געפּלאַצט, איז עס בײַ אים געווען פון אייזן.

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז ער געקומען פון אויסלאַנד, בײַלד האָט ער פאַרנומען דעם אויבן-אָן, — ער איז פון אייזן. זיינע אייזערנע אויגן בויערן אַדורך, זיין פינגער צעשמעטערט. ער האָט אַלץ מקריב געווען: זיין מוטער און זיין שוועסטער שטאַרבן מסתמא פון הונגער, ער איז שוין נישט פאַר זיי נישט קיין זון, נישט קיין ברודער, עס רירט אים נישט קיין געוויין, קיין קרעכץ: ער האָט ליב דאָס לעבן. פאַראַן אַזעלכע מענטש, וועלכע וואָלט קאַלטבלוטיק געהייסן רייסן לעבעדיקע פאַסן פון אַ מענטש, אויב די מאַסע וואָלט דערפון געהאַט אַ ניצן. אַמאָל האָבן מיר פאַרפירט אַ שמועס וועגן דרייפוס-פּראָצעס. ער האָט געהאַלטן, אַז אויב דרייפוס וואָלט אפילו געווען דער אומשולדיק-סטער, און פאַר פראַנקרייך וואָלט דאָס באַווייזן פון זיין אומשול-דיקייט געקענט ברענגען עפּעס אַ וואָס פאַר נישט איז שאָדן, וואָלט מען אים באַדאַרפט לאָזן זיצן אויפן טייוולס-אינדזל. איך ווידער האָב באַהויפּטעט, אַז ווען ס'זאָל אפילו פראַנקרייך אויסקומען צו-ליב דעם אונטערצוגיין, האָט אויך דאָ די גערעכטיקייט געדאַרפט איבערשטייגן. ווער פון אונדז איז געווען גערעכט? טעאָרעטיש אפשר איך, פּראַקטיש אָבער — ער. איבעריקנס, דאָס איז אַ מענטש, וואָס אַ חוץ דעם, אין וואָס ער גלייבט, עקזיסטירט פאַר אים גאָרנישט.

„אויב עס קומט ווער צו מיר, און ער איז נישט קיין שונא זיינע אייגענע פאָטער און מוטער, ווייב און קינד, שוועסטער און ברידער, אפילו זיין אייגענער נשמה, דער קען נישט זיין מיין תלמיד"

צי דערדאָזיקער מענטש האָט ליב מאַרינען, ווייס איך נישט. איך ווייס נישט, צי ער קען גאָר בכלל ליב האָבן? די

לעבנס-ענערגיע, וועלכע צעגיסט זיך באַ מיר אין טויזנטער-לעגן, אין מײַן נשמה און אין מײַנע אַלע חושים, די דאָזיקע שעדלעכע ענערגיע, וועלכע ברויזט אין מיר מיט אַן אויסברוך פֿון משוגעת אינעם ליבע-געפֿיל, אין דער שנאה, אינעם גענוס פֿון לײַדן און אין די הונדערטער פֿאַרלאַנגען — דאָס איז באַ אים, דאַכט זיך, צוזאַמענגעדריקט אין איין אײַזערנער רער, צונויפֿגעפּרעסט, קאָנדענסירט. איך ווייס נישט, צי ער האָט ליב מאַרינען. איך זע נאָר, אַז ער טוט בלויז איינס: ער גייט זיך זײַן וועג. איך פֿיל גאָר דאָך, אַז ווען ער וואָלט נאָר אויסגעצויגן זײַנע שטאָלערנע הענט, בעטט ער זי באַ מיר צו, ווײַל איך קען זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, אַז עס זאָל זיך געפֿינען אַזאַ זאַך, וואָס ער וואָלט זי מיט זײַן שטאָלערנער האַנט נישט אָוועקגענומען, זײַן האַנט איז ענלעך צו אַ לאַפּע פֿון אַ מעטאַלענעם אויטאָמאַט אין דער געשטאַלט פֿון אַן אָדלער: וואָס די דאָזיקע נעגל וועלן אָנכאַפּן, דאָס מוז שוין בלײַבן זײַערס.

און טײלמאָל שטעל איך מיר גאָר נישט פֿאָר, אַז עס זאָל זיך געפֿינען עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס מען זאָל זי נישט קענען אָוועקנעמען. איך האָב עפּעס אַזוי פֿלוצלינג, און אַזוי פֿולשטענדיק פֿאַרלוירן אין זיך דעם גלויבן, יעדן צוטרוי צו זיך אַליין, יעדער שעצונג צו מײַנע אייגענע כּוחות, צו מײַן כּבֿוד, צו מײַן פֿיזישן און מאָראַלישן ווערט, אַז איך שטעל מיר שוין גאָרנישט פֿאָר, ס׳זאָל עמעצער זײַן אַזוי שוואַך, ער זאָל באַ מיר נישט קענען אָוועקנעמען, וואָס עס זאָל אים נאָר נישט געפֿעלן. איך ווייס שוין אַפֿילו נישט, צי האָב איך נאָך עפּעס, עפּעס מײַן אייגנס. עס דאַכט זיך מיר, אַז אַלץ איז פֿאַר מיר פֿאַרלוירן געגאַנגען, אין דער איינער מינוט, ווען דער אָזיקער מענטש האָט מיר מאַרינען צוגענומען. צי ער האָט זי ליב, ווייס איך נישט, אָבער ער האָט זי מיר צוגענומען.

ווי באַלד מען קען זי טאַקע פֿון מיר אָוועקנעמען, טאָ וואָס-זשע קען מען דען שוין נישט? צי ער ליבט זי, — ווייס איך נישט, אָבער זי האָט אים יאָ ליב.

איך זע דאָס אין אירע אויגן, אין איר מויל, וועלכעס צי-

טערט איינגאַנצן, אין אירע נאָז־לעכער, וועלכע אָטעמען מיט
לוסט, אין דער בלאַסקייט פון איר פּנים, אין אירע פינגער, וועל־
כע האָבן אַזעלכע נישט ווילנדיקע רייצנדע באַוועגונגען פון צי־
ען זיך צו אים און אין אירע ברוסטן, וועלכע באַזיצן אויך אַזעל־
כע נישט ווילנדיקע, רייצנדע באַוועגונגען פון איבערגעבן זיך צו
אים. מאַריניע האָט אַ ריינע נשמה, ווי אַ טרער, זי איז אָבער
ליידנשאַפטלעך, ווי אַ הישפּאַנערין. ליבט, ווי סלאָוואַצקיס אַניע־
לע, גלייכצייטיק אָבער, ווי די שולמית. איז פּנים צו די העכ־
סטע גייסטיקע עקסטאַזן, צום פולשטענדיקן משוגעת, צום פול־
שטענדיקן פאַרגעסן זיך. איך קען זי, און זע, וואָס אין איר
טוט זיך. זי וואָלט געוואָלט איינייגעם מיט אים, באַנאַכט, פון
באַלקאָן זיך אַראָפּכאַפּן און פון שטערן צו שטערן אַזוי וואַנ־
דערן, און די מענטשלעכע נשמה, ווי אַ לאַבאַנדזש באַפליגלען
און די נשמה פון דער וועלט פונאַנדערשפּרייטן, ווי אַ הימל אי־
בער די שטערן, כּדי דערנאָך זיך אים וואַרפן אין די אָרעמס און
מיט די הייסע ציין זיך אָנכאַפּן אין זיינע ליפּן. איך קען זי. —
ווייל אַזוי איז געווען מיט מיר. איך געדענק דידאָזיקע טעג און
נעכט פון עקסטאַז, ווען מען האָט פּשוט נישט געקענט אונטער־
שיידן די נשמה פונס קערפּער. אויב מיר האָבן געלעבט אין היך
פאַר דער חתונה, האָבן מיר דערנאָך געלעבט, ווי גאָרנישט אויף
דער ערד. איך האָב נישט אונטערגעשיידט איר האַנט פון אירע
ווערטער, איר קאָפּ פון איר אָטעם, איר מויל פון אירע באַווע־
גונגען, אירע בליקן פון איר זיסן ריח פון די האָר, אירע געדאַנ־
קען פון איר האַלדז, אירע אָרעמס פון אירע חלומות.

זי האָט זיך מיר צונויפגעגאָסן אין עפּעס איין גאַנצעס פון
באַרוישונג, אין איין עפּעס, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין נאָ־
מען דערפאַר, וואָס עס איז לגמרי נישט געווען קיין פרוי, נישט
געווען מיין ווייב, נישט געווען מאַריניע, נאָר עפּעס אַזאַ מין עק־
זיסטענץ, די גאַנצע ענערגיע פון ליכטיקייט, וואַרעמקייט, באַ־
וווסטלאָזיקייט און אַנטציקונג, און דאָך בין איך טראָץ דעם
אַלעם גליקלעך נישט געווען. איך האָב נאָר בלויז געפילט, ווי
שטאַרק, ווי אייביק איך וואָלט באַדאַרפט גליק־

לעך זיין, ווייל איך בין אראָפּ פון גלייכן וועג, איך בין געוואָרען אַ באַאַמטער אין אַ ביוראָ... אָ, אוממענטשלעכע, טייוולאָנישע גיהנום-איראָניע! יאָ, יאָ! איך האָב נישט געקענט גליקלעך זיין ווייל איך האָב טאַקע אָנגעהויבן צו ווערן אַ באַאַמטער. אָ, טריומ-פירנדיקע איראָניע, זיגבאַרע איראָניע, אומבאַרחמנותדיקע אי-ראָניע...

איראָניע, די גיהנום פונם פאַרשטאַנד...

אָ, איראָניע! איך גלייב בלויז אין דיר אַליין; כ'גלייב אין דיין קעניגרייך, כ'גלייב אין דיין געטלעכקייט, כ'גלייב אין דיין אַלמעכטיקייט, כ'גלייב אין דיין קערפּער און אין דיין בלוט, וועלכעס מיר עסן, כדי מיר זאָלן משוגע ווערן פון יסורים, כדי מיר זאָלן גוססן פון ליידן, כדי מיר זאָלן באַוווסטלאָזע אַני-דערפאַלן פון ווייטיק, כדי מיר זאָלן פילן דאָס פּלאַצן פון די ביינער אין קערפּער און דאָס קרישלען זיך פון מוח, כדי די דערבער זאָלן אונדז אַדורכלעכערן דעם שאַרבן, כדי מיר זאָלן זיך וואַלגערן אונטער די ברענענדיקע טריט פונם ריז פון לעבן, כדי מיר זאָלן נישט קענען — לעבן — און נישט קענען שטאַרבן! אָט דאָס איז דיין קונסט-ווערק, אָט דאָס איז דיין קרוין, אָט דאָס איז דיין רום און דיין טריומף, איראָניע, כדי מיר זאָל נישט קענען לעבן און נישט קענען — שטאַרבן. ווייל שטאַרבן ווילן מיר. אַך! וויפיל פון אונדז ווילן דאָס, עס ווילן דאָס מענטשן עס ווילן דאָס פאַמיליעס, עס ווילן דאָס גאַנצע דורות, גאַנצע פעלקער, און — קענען נישט שטאַרבן.

פון דער הויכקייט נידער אַראָפּ, אָ טויט, — וועסט נישט אַראָפּנידערן...

פון דער טיפעניש קום אַרויס, אָ טויט, — וועסט נישט אַרויסקומען...

פון די וואָלקנס שוועב אַראָפּ איבער אונדז, אָ טויט — וועסט נישט אַראָפּשוועבן...

פאַרברען אונדז אין דער ליכטיקייט, אָ טויט, — וועסט נישט פאַרברענען...

דערשטיק אונדז מיט דער פינסטערניש, אַ טויט, — וועסט נישט דערשטיקן...

און אַזוי איז עס טאַקע: מיר קענען נישט שטאַרבן. ווי פיל פון אונדז ווילן דאָס: עס ווילן דאָס אין די טויזנטער, טויזנטער-טויזנטער, מיליאָנען, און פונדעסטוועגן — לעבן זיי. ווייל די איראָניע פונם לעבן האָט געשאַפן איר קונסט-ווערק: די ליבע פונם לעבן. Timor fecit deos,(* אָבער די ליבע פונם לעבן האָט באַשאַפן די שרעק פאַרן טויט. איך לייד, ווער משוגע, קום אום און שטאַרב פון יסורים; איך פאַרשעלט דאָס לעבן און וואָלט עס צעריסן אויף שטיקער, און פונדעסטוועגן ליב איך דאָס לעבן. און שרעק מיך פאַרן טויט, ווייל איך האָב ליב דאָס לעבן. דאָ טאַקע האָט די איראָניע איר העכסטן פונקט דער-גרייכט. דער מענטש איז אויף אַ קייט איבער אַ תהום געבליבן הענגען, פייניקט ער זיך, ליידט יסורים און נישט ער קען זיך אָפּטשעפּען, נישט די קייט איבעררייסן, ער זאָל אַראָפּפאַלן און מיטן לעבן אַ סוף מאַכן. און — אָ, טייוולאָניש געלעכטער! — ער האָט ליב די דאָזיקע פּאָזיציע פון הענגענדיקן אויף דער קייט, ער פאַרליבט זיך אין איר און אין איר — אַזוי טאַקע לעבט ער.

„אָ משוגנהדיק-שרעקלעכע איראָניע! איך האָב געפילט אַ באַגערן דורך העסלעכקייט, אַ תענוג דורך ליידן!“

---

*) די שרעק באַשאַפט געטער.

*

* *

וואס מיט מיר האָט זיך געטון, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַמערקט, אַז מאַריניע פאַרנעמט זיך מיט רישאַרן, קען איך מיך נישט דערמאָנען. איך ווייס נישט, צי דאָס איז געווען מיט אַ וואָך צוריק, צוויי וואָכן, אַ יאָר, צוויי יאָר צי צוויי הונדערט יאָר, איך ווייס נאָר, אַז דאָס איז געשען אַמאָל פון יענער צייט אָן האָב איך מיך צו מאַריניען נישט דערנענטערט, איך האָב מיט איר נישט געלעבט; איך האָב זיך נאָר געוואָרפן אויף איר, ווי אַ משוגענער, פאַרזונקען אין איר, זיך אַיינגעביסן אין איר, געוואָלט זיך אין איר פאַרגעסן, אָדער זי צוריקגעווינען פאַר זיך. צי דאָס איז אָבער געשען אין משך פון אַ וואָך, צוויי וואָכן, צוויי הונדערט יאָר, אָדער גאָר אין איין מעת-לעת צי נאָר אין איין שעה — ווייס איך נישט. איך בין, אַזוי צו זאָגן, אינגאַנצן, ווי אָפּגעשטאָרבן געוואָרן. איך עס, טרינק, טראַכט, טו, אַרבעט, לעב, און דאָך — לעב איך נישט. איך בין געשטאָרבן אין איין רגע, און טאַקע אין דער דאָזיקער קורצער רגע. דאָס איז געווען איין אויגנבליק פון מאַריניען; מיר זענען געזעסן בײַם טיש, מאַריניע האָט מיט אַ פינגער געשאַרט די קרישעלעך ברויט אויפן טישטוך, — איך האָב געראויכערט אַ ציגאַר, מיין גוטן צי-

גאַר פֿון מיין באַלעבאָס, פאַר מיינע גוטע חשבונות, און רישאַרד — האָט גערעדט

ער האָט גערעדט, ווי אַלע מאָל, פּאַמעלעך, גליין, נישט הויך, נישט שטיל, נאָר זיינע ווערטער זענען געפאַלן, ווי שטיקלעך שטאָל, יאָ, יאָ, יאָ — ווי שטיקלעך שטאָל אויף קופּער. ער האָט אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב מיט איין קורץ וואָרט אָפּגעכויט אין זיך: כ'ליב. איך האָב שוין דערנאָך קיינמאָל מיט מאַריניען וועגן דידאָזיקע ענינים נישט גערעדט, וויפיל מאָל זיי האָבן זיך מיר אַלץ געשטופּט אויף דער צונג. האָב איך זיי אָבער מיט אַ קוש אויף מאַריניעס ליפּן פאַרשפּאַרט דעם וועג. גאָר בלויז דאָרט אין דער נשמה האָבן זיי בא מיר געקלאָפּט און געקרעכצט...

פּלוצלינג האָט מאַריניע אויפגעהערט צו קאָלערן די קריישעלעך אויפן טישטוך, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויפגעהויבן די אויגן אויף רישאַרדן, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף די הענט און, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין, אַ זאָג געטון:

— איר זענט, רישאַרד, מיט אַ האַרץ פון אַ לייב...

ער האָט אַ שמייכל געטון, און איך בין אַראָפּגעפאַלן אין אַן אָפּגרונט. איך האָב נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל מיין אויסן ציגאַר פון מיין שוף פאַר מיין גוט רעכענען, איך בין אָבער פונדעסטוועגן אַראָפּגעפאַלן אין אָפּגרונט און אויף שטיקלעך צעשמעטערט געוואָרן, ווי אַ טשערעפּאַכע, אָפּגעלאָזט פון אַן אָדלער. אין דערדאָזיקער מינוט איז אין מאַריניען געבוירן געוואָרן אַ שרעקלעכע פאַראַכטונג צו מיר. צי איז דען פאַראַן עפּעס ערגערס ווי פאַראַכטונג, אפילו בלויז אַ לייכטשעצנדיק פינטלען מיט די אויגן פון אַ פרוי? דאָס מאַכט פּשוט דעם טויט, און אויף אַזוי פיל דעם טויט, ווי דאָס געפיל צו דער פרוי, וועלכע גיט זיך איבער צו אַנדערע, טויט אין זיך אָפּ דער מאַן, גיבנדיק איר צו דערקענען אַז ער ווייסט, דאָס זי האָט זיך איבערגעגעבן, ווייל אַזוי האָט זי געוואָלט, און נישט דערפאַר, וואָס זי איז געווען געצוווּנגען און נישט געקענט זיך נישט איבערגעבן.

אין דערדאָזיקער מינוט האָט מיר מאַריניע אַ קלאַפּ געטון

אין שטערן, אין האַרץ, אין דער נשמה, און איך האָב דאָך איר דאָס אַלץ, אַלץ צו די פיס געוואָרפן, דאָס אַלץ מקריב געווען פאַר איר, פאַר איר ליבע, כדי זי צו באַזיצן און כדי צו ווערן דורך איר באַזעסן, איך האָב דאָס אַלץ אַוועקגעשטופט, אָפּגעוואָרפן פון זיך...

אָ, איראָניע פון גיהנום! אָ, אָפּגרונט פון לעבן!...

ווען רישאַרד וואָלט זיך גערופן אַנדערש, ווען ער וואָלט, למשל, געהייסן יאַן, קאַראָל אָדער פראַנטשישעק, וואָלט דאָס איר גאַרנישט געקומען, עס וואָלט אפשר געווען צווישן אונדז אויך היינט דאָס־עלבע, וואָס עס איז געווען אַמאָל. עס וואָלט איר מעגלעך בעקומען אויפן געדאַנק יאַן רשציציעל, יאַן עוואַנגעליסטאַ, קאַראָל סודערמאַנסקי, פראַנטשישעק פון אַסיזש, און וואָס עס וואָלט איר נישט געקומען אויפן געדאַנק, וואָלט אין איר האַרץ אויף קיין פאַל נישט געווען פאַרגעקומען אַזעלכעס, וואָס האָט געקענט שאַפן „רישאַרד מיטן האַרץ פון אַ לייב". דאָס איז פשוט געווען אַ פאַטאַלער צופאַל פון די אומשטענדן. מעגן נאַראָנים לאַכן, און דאָך איז יענער טאַקע געווען אַ גרויסער חכם, ווער עס האָט געזאָגט, אַז ווען קלעאָפּאַטראַס אויגן וואָלטן נישט געווען אַזעלכע שיינע, וואָלט די וועלט גאָר אַנדערש אויסגעזען.

אַזוי איז דאָס, — אויב מיר האָט עפּעס ווען געפעלט, אויב מען וואָלט מיר קיין צונאָמען נישט געקענט געבן, איז עס טאַקע דער צונאָמען, וועלכן מאַריניע האָט מיר אונטערגערוקט — דעם נאָמען רישאַרד. אַלץ וואָלט איר געקענט זיין, — קיינער אָבער וואָלט מיך נישט געקענט אָנרופן: האַרץ פון אַ לייב. ווייל פאַר איין פרוי האָב איך דאָך רעזיגנירט מיט אַלעמען. איך האָב אַ שפּיי געטון אויף מיין נשמה, אויף מיין געוויסן, אויף מיין פליכט, אויף מיין וועלט... און דאָס האָב איך דאָך געטון צוליב דיר, מאַריניע!

בלויז צוליב איין פרוי האָב איך אַ שפּיי געטון אויף מיין נשמה, אויף מיין געוויסן, אויף מיין פליכט, אויף מיין וועלט.

צוליב איין פרוי — דאָס הייסט פאַר אַ פּאָר אָרעמס, פאַר

אַ פּאָר אויגן, פאַר ראָזע ליפּן האָב איך צעטרעטן דאָס. װאָס איך האָב אָנגערופן הייליק, איך האָב עס אַװעקגעװאָרפן, װי אַן אַלטן לאַכמאַן, אָדער בעסער געזאָגט, איך האָב װי עשיו פאַרקויפט מיין בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן.

טאָ װאָס בין איך דען מער װערט, װי — פאַראַכטונג?..

מאַדזיניע ברעקלט זיך נישט מיט מיר — ביזן הײַנטיקן טאָג איז דאָס נאָך נישט געשען — זי פילט דאָס נישט, זי גיט זיך לחלוטין נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפון, זי שטעלט זיך דאָס גאָרנישט פאָר, עס קומט איר אפילו נישט אויפן זינען. און דאָך װייס איך, אַז אַזוי איז דאָס. פון איר זייט בנוגע מיר האָט זיך אויסערלעך גאָרנישט געענדערט. אָבער איך װייס, אַז אין אמת האָט זיך אַלץ געענדערט.

איך װייס אויך, אַז קיינמאָל װעט שוין דאָס אַנדערש נישט װערן, דאָס געפיל איז װי אַן אײַזערנע רוט: װען זי װערט אַמאָל צעבראָכן, קען מען זי צונויפלייטן אַזוי, אַז מען װעט קיין צייכן נישט דערקענען און דאָך װעט שוין נישט זיין די פריערדיקע, איינהייטלעכע גאַנצקייט. מען זאָגט, אַז נאָך קאַטאַסטראָפעס אין דער ליבע קומט אַ שטאַרקערע צוגעבונדנקייט, װי דאָס װעטער נאָך אַ שטורעם. יאָ, אָבער דער מענטש באַנייט זיך נישט און איז נישט שטענדיק פעיק זיך צו באַנייען װי די לופט. דערפאַר טאַ-קע לאָזט יעדע קאַטאַסטראָפע איבער אַ צייכן אויפן האַרץ, און קיינער װייסט נישט, װיפיל געמיינזאַמער צער, געמיינזאַמע פאַר-פירונג, געמיינזאַמע פאַרקרענקונג עס איז טיילמאָל דאָ אין דער ליבע. מענטשן, װאָס די ליבע איז בײַ זיי נישט אַ כסדרדיקע, לאַנגדויערנדיקע האַרמאָניע, רעזיגנירן, װיפיל מאָל עס קומט זיי אויס אויסצושטיין אַזוי פיל צרות, אַזוי פיל עגמת נפש, אַזוי פיל אַנטוישונגען, אַז זיי װאַרפן זיך אויך איינס דאָס אַנדערע אין די אָרעמס, כדי זיך פשוט נישט צוקוקן אין די אויגן אַריין און זיך אָפּצושטויסן. װיפיל זינען דאָ אַזעלכע טרויעריקע אומ-אָרעמונגען, װיפיל — אַזעלכע האַרצרייסנדיקע קוש... אויב דער מענטש װאָלט פון אונדז אַװעקגעגאַנגען, אויב מיר װאָלטן װידער-

געבליבן אליין, וואָלט שוין זאָך נישט אימשטאַנד געווען אויסצומעקן פון זכרון דאָס, וואָס עס האָט זיך אַלץ אָפּגעטון אין אונדז. מיר וועלן אַראָפּלאָזן די קעפּ און פּאַמעלעך, פּאַמעלעך זיך ווידער דערנענטערן איינעם צום צווייטן, ביז מיר וועלן לסוף איינברעכן אין אַ געוויין און זיך פּשוט אין די אָרעמס פאַלן, אויסרופנדיק: מיר זענען זייער, זייער אומגליקלעכע!

איך בין נישט קיין העלד פון אַ ראָמאַן, איך קען אָבער אויך נישט זאָגן: מיין גליק איז שוין אָפּגעשטאָרבן... איך בין נאָר בלויז אַ מענטש און זאָג: נישט מיין גליק, נאָר דאָס, וואָס איך האָב אין לעבן געהאַט, דאָס, וואָס מיר האָט זיך בלויז געוויזן, ווי אַזוי גליק וואָלט געקענט אויסזען, אָט דאָס איז אָפּגעשטאָרבן. העלדן פון אַ ראָמאַן מוזן זיין צוליב געוויסע קאָנטראַסטן, וואָס מאַכן בלויז דעם עפעקט, זייער גליקלעכע אָדער זייער אומגליקלעכע. מיר, מענטשן, זענען זייער אומגליקלעך אָן קאָנטראַסט. מיר זענען זיך לאַנגווייליק און מאָנאָטאָן. און צום סוף גאָר שטאַרבן מיר אָפּ, און ווען גאָט וואָלט אונדז וועלן משפטן, וואָלטן מיר אים געקענט זאָגן: מיר האָבן אויף דער וועלט בלויז נאָר געליטן... ווי זעלטן איז אונדזער לעבן „אַ פּאָעמע פאַר גאָט". ווי אָפט איז עס אָבער אַ טראַגעדיע פאַר אונדז אַליין.

וואָרים אויב, למשל, עס וועט ווייטער אַזוי גיין, ווי ביז איצט, וועט זיך מאַרגניע אפשר קיינמאָל נישט דערוויסן, וואָס אַזעלכעס אין מיר קומט פאָר. צום ענדערן זיך פון מיין הומאָר, צו מיין אָפטן אומעט, צו מיין שטענדיק פאַרטראַכטן זיך און באַהאַלטן זיין אין זיך, — איז זי צוגעוווינט. דאָס איז שוין אַזוי „מיין נאַטור", „מיין אייגנאַרטיקייט". ווען איך וואָלט אַזוי געקענט באַמערקן, וואָס אַזעלכעס אין איר קומט פאָר, — אָבער איך ווייס, אַז עס פאַלט איר אפילו נישט איין. זי גיט זיך אַליין גאָר רעכט קיין רעכענונג נישט אָפּ דערפון, זי מיינט גאָר אַלץ גאַרנישט. זי איז, ווי אַ באַשעפעניש, וואָס ווערט געבוירן בלינד. זי האָט נאָך די אויגן נישט געעפנט: הייבט ערשט אָן צו פיל. זי זעט נאָך אַלץ גאָרנישט. אין אמתן איז דאָך ערשט צוויי

וואָכן, ווי זי האָט רישאַרדן דערקענט, אין אינגאַנצן ערשט דריי טעג, ווי זי האָט זיך אים בלויז מיט דער נשמה איבערגעגעבן. זי קען דאָס נישט פאַרשטיין. אָבער איך פאַרשטיי דאָס, פאַרשטיי אַלץ, פאַרשטיי דאָס מיט דער גאַנצער פערפעקציע פונם טראַגישסטן פראָדוקט פונם נייַנצענטן יאָרהונדערט: פון דעם פויל-שטענדיקן באַוווסטזיין.

* * *

ווי איז מיר אַ שאָד, ווי מיר איז אַ שאָד מיין פֿאַרגאַנגענ־הייט... ווען דו כאָטש, מאַריניע, וואָלסט דאָס געקענט וויסן, ווי אַ שאָד מיר איז... איך ווייס נישט, צי עס איז דאָ נאָך אַזאַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל האָבן די פֿעיִקייט אַזוי צו דערפֿילן דעם צער, ווי איך. אַלץ, וואָס פֿאַרשווינדט, פֿאַרשווינדט אַזוי אומברחמנותדיק, אַזוי אויף אייביק. אויב איך שווים אין אַ שיפֿל און גיב אַ קלאַפּ מיטן רודער, איז דערדאָזיקער קלאַפּ שוין פֿאַריבער, ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן, ער איז שוין נישטאָ, געשטאָרבן. דאָס לעבן פֿון אַ מענטש איז אַ שטענדיק פֿאַרבייגיין — עס קען זיך לאַנג נישט האַלטן. פֿאַרצווייפֿלט און דערדריקנד איז דערדאָזיקער גאַנג פֿון דער צייט, דאָס איז אַ קאַלט, אויסגערעכנט אַראָפּשליידערן עפּעס אינעם אָפּגרונט, אינעם תהום פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. דאָס גאַנצע לעבן איז בלויז איין אָפּגרונט.

ווי אַ שאָד איז מיר דאָס, וואָס איז שוין אַריבער... אונדזערע שטילע געדאַנקען, זיצנדיק אָרעם אין אָרעם און קאָפּ צו קאָפּ. איך בין דאָך געווען פֿאַר דיר אַ גאַנצע וועלט, אַלץ: דער א׳ און דער ת׳ פֿונם לעבן. אויב איך האָב מיך געפּייניקט טייל־

מאָל אינערלעך ביסטו געווען רויק זיכער, גלייכגילטיק. דער פֿאַרלאַנג פֿון דיין לעבן איז געווען בלויז צו ליבן און זיין געליבט, באַגליקן און ווערן באַגליקט. דו האָסט מיך געליבט און ביזט געווען געליבט, גליקלעך ביסטו געווען און עס האָט זיך דיר אויסגעוויזן, אַז אויך איך בין גליקלעך. דו האָסט מיך נישט פֿאַרשטאַנען. די זאַכן, וועלכע איך האָב געליבט נאָך פֿאַר דיר, וועלכע איך האָב געדאַרפֿט ליבן מער פֿון דיר, זענען דיר געווען פֿרעמד. מען האָט דיך נישט געלערנט זיך צו דערהייבן העכער איבערן פֿאַמיליען־לעבן, העכער פֿון אַן אייגן הויז, העכער ווי די נאָענטסטע פֿון זיך. מען האָט דיך בלויז געלערנט, אַז מען דאַרף ליב האָבן אייגענע עלטערן, אייגענע ברידער און שוועסטער, דערנאָך — דעם אייגענעם מאַן און די אייגענע קינדער; אויך אַז מען דאַרף האָבן אַ גוט האַרץ און „זיין מענטשלעך, ווי נאָר מעגלעך“. אויף אַלע סטרונעס פֿון דיין נשמה האָבן געשפּילט די פֿינגער פֿון אַ מוזיקאַנט בלויז פֿון אַ טעאַטער־אָרקעסטער. מען האָט נישט אויפֿגעוועקט אין דיר גאָרנישט אַזוינס, וואָס האָט פֿליגל. דיין רעליגיע איז געווען — „די צניעות“, די עזאַגנעליע — „זיין גלייך מיט אַלע“, די באַדערפֿעניש — „דאָס גליק פֿון אַהיים“, דער ציל — „די פֿאַמיליע“, דאָס דאַזיין — „דאָס דערפֿילן די פֿליכטן“.

יאָ, אַזוי איז דאָס געווען.

ווען די דאָזיקע ערלעכקייט וואָלט געווען די ערלעכקייט פֿון יענע, וועלכע טיילן זיך מיטן לעצטן ביסן; ווען די אַלע וואָלטן ליב געהאַט זייערע נאָנטע, ווי זיך אַליין, ווען דאָס גליק פֿון אַהיים וואָלט באַשטאַנען אינם פֿאַרשטיין זיך און פֿילן זיך, ווען די גאַנצע וועלט וואָלט דיין פֿאַמיליע געווען, און דאָס דערפֿילן די פֿליכטן וואָלט געווען אַ באַגריף פֿון פֿליכטן צו אַלע — וואָלט מען זיך מער גאָר ווינטשן נישט באַדאַרפֿט. גיב נאָר אַ טראַכט, ווען איך וואָלט זיך צוליב דיר נישט געדאַרפֿט אָפּזאָגן פֿון זיך אַליין, אָבי צו געפֿינען עפּעס אַ שטעלונג אין לעבן; ווען איך וואָלט געווען צופֿרידן אין דיר אַ פּיהנטע פֿון דער אידעע, פֿון וועלכער איך האָב געוואָלט ווערן אַ כהן; ווען איך וואָלט געפֿונען אין דיר

אַ געהילכין ; ווען מיר וואָלטן באַזאַמע געווען געגאַנגען, ווי שטורעם מיט שטורעם, ווי פייער מיט פייער, ווי ליכטיקייט מיט ליכטיקייט. . .
גיב נאָר אַ טראַכט, וואָס דו וואָלסט געווען געקענט פון מיר מאַכן!

דו האָסט געקענט פון מיר מאַכן א העלד. וואָרים אַזוי ווי איך האָב מיך צוליב דיר אָפּגעזאָגט פון זיך אַליין, אַזוי וואָלט איך מיך צוליב דיר געווען געוואָרפן אינם פלאַמענדיקן גיהנום, ווען אפילו נישט מיט דיר צוזאַמען, נאָר בלויז באַגלייט פון דיינע אויגן, פון דיין שמייכל, פון דיין באַוווּנדערונג. אמת טאַקע! איך בין נישט געבוירן געוואָרן קיין הנלד, ווי עפּעס אַ רעגולוס, אָדער מוציאוש סצעוואָלאַ, אָבער אַלץ האָט געקענט פון מיר מאַכן אַ פרוי, אַלץ, אַלץ. . . און וואָס האָט זי פון מיר געמאַכט? — אַ באַאַמט. איך ליב מאַרינען, מער ווי מיין לעבן, איבער מיין נשמה, אָבער די פרוי לייד איך נישט. איך האָס זי, איך וועל איר קיינמאָל נישט מוחל זיין! . . .

* * *

ווי לעכערלעך איך בין, ווי שרעקלעך לעכערלעך מיט דעם
דאָזיקן נישט אויסגעהאַלטענעם הערויזם מײַנעם, מיט דער דאָזיקער
העלדישקייט, מיט וועלכער איך האָב גזמײַלט נאָך אין דריטן
חודש! איך האָב קיינמאָל מיט מאַריניען וועגן דעם נישט גערעדט:
איך האָב איר נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין אומאָנגענעמלעכקייט.
איך האָב זיך פּשוט געשראָקן פאַר דעם. הײַנט אָבער וואָלט איך
דאָס נישט געזאָגט, כדי זי זאָל פון מיר נישט מאַכן דאָס גרעסטע
געלעכטער. איך בין איבערצייגט, אַז זי איז איצט רייפער געוואָרן
פון טאָג צו טאָג, אַז זי איז הײַנט הונדערט מאָל קליגער, טי-
פער, שאַרפזיניקער, ווי אַמאָל. וואָס פאַר אַ חרפה דאָס איז, וואָס
נישט איך האָב דאָס באַוויזן צו מאַכן, נישט איך, איר מאַן. און
וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקע נאַטור איז עס אַט דידאָזיקע מענטש-
לעכע, אַז איך וואָלט מער מורא געהאַט פאַר איר בייסיקן שמייכל,
איידער טאָקע פאַרן אַמאָליקן געפיל: אַז איך וועל איר וויי טון,
אַז איך וועל איר פאַרשאַפן יסורים. איך האָב שוין ומער נישט לי-
בער געהאַט מײַנע געדאַנקען, ווי זיך אַליין, ווייל איך האָב זיי
מקריב געווען מײַן ליבע צו דער פרוי, אָבער איך ליב שוין אפיל

איך נישט דידאָזיקע פרוי מ.ר פון זיך אַליין. איז וואָס־זשע בין איך? גאָרנישט, בלויז אַ פּערזאָניפיצירטער עגאָיזום, נישט מער, ווי בלויז מיט זיך אַליין, פאַר זיך, צוליב זיך. גאָט! צי קען איך דען שוין גאָרנישט ליבן אויף דער וועלט מער פון זיך אַליין! צי דאַרף איך דען שטענדיק זיין פאַר זיך אַליין דער ציל, די וועלט, אַלץ? צי קען שוין קיינמאָל דער מענטש נישט אַרויס פון זיין אייגענעם איך, פאַרלירן זיך, פאַרגעסן אין זיך? צי קען מען דען טאַקע קיינמאָל נישט לעבן פאַר אַנדערע, נישט בעמענדיק אין אַכט די באַפרידיקונגען, וואָס דאָסדאָזיקע לעבן פאַר אַנדערע פאַרשאַפט אונדז? צי קען מען טאַקע קיינמאָל נישט זיין ריין, אַבסטראַקט?...

אַזוי איז דאָס טאַקע, אַזוי איז דאָס, איך פאַרשטיי שוין איצט אויסגעצייכנט: מאַרינע פאַרשטייט מיך טאַקע, נאָר דאָס וועקט נישט אין איר קיין שום מיטגעפיל, קיין רחמנות, קיין דאַנקבאַרקייט אפילו, נאָר בלויז אומצופרידנקייט, צוריקגעהאַלטנקייט, איראָניע. אַ פרוי מוז, ווי אַ קינד, קענען פאַרגלייכן איינס מיטן אַנדערן און אינסטינקטיוו האָבן אַן אימפּאָזיציע. ווער קען איר אימפּאָנירן: איך, וואָס וואָלט פאַר איר אַלץ מקריב געווען, אָדער אַ מענטש, וואָס זי ווייסט, אַז ער וואָלט אָן שום וואַקלעניש פאַר יעדן ברעקעלע פון זייַנס אַ געדאַנק זי מקריב געווען? איצט זעט זי, אַז איך בין אין איר האַנט אַ קנויל־עכל באַוועל, און אין רישאַרדס האַנט וואָלט זי קום געווען אַ קרישעלע ברויט. דאָס העכסטע פון דער ליבע פאַר אַ פרוי איז די פאַרגעטערונג. צי קען זי מיך פאַרגעטערן? און צי קען זי רישאַרדן נישט פאַרגעטערן? וואָסער נאַרגלייך איז דאָס צווישן אַ קוזשאַק פון אַ נאָדל־בוים און אַ צעדער? צי בין איך דען נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ נאָדל־קוזשאַק, און צי דערהויבט זיך נישט רישאַרד איבער אים, ווי אַ צעדער פון לבנון? אויב אַ פרוי וועט האָבן אויסצוויילן צווישן אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאַר איר מקריב געווען, ווייל ער איז געווען אַ שוואַכער, און אַ מענטש, וואָס וואָלט זי צעטרעטן, ווי אַ גרעזל, ווייל ער איז אַ שטאַרקער, — איז ווי צו דיר, נאַר, וואָס דו האָסט זיך געוואָרפן צו אירע פיס! אין בעסטן פאַל וועט זי אויף דיר בלויז רחמנות האָבן, — יענער וועט

זי אַוועקכאַפּן, וועט זי אַריינברענגען אין דער גרעסטער התלהבות, וועט זי פּשוט אַנטציקן.

ווי אַ קינד, אימפּאָנירט קודם כּל דער גרויס — די מאַכט. שלאָג זי, אָבער זאָל זי האָבן אין דיר וואָס צו באַוואונדערן, עפּעס אַזוינס, וואָס זי פֿאַרשטייט נישט, וואָס איז העכער פֿון איר, וואָס זעט איר אויס נישט צוטריטלעך, וואָס איז העלדיש.

דיין ליבע וועט זי נישט באַוואונדערן. זי אַליין קען איך אַזוי, אָדער נאָך בעסער. אין ליבע-זאַכן וועלן די פֿרויען זיך שטענדיק רעכענען פֿאַר אונדזערע קינסטלער. אויפֿן געביט פֿון ווילן, ענערגיע, טאַט, גייסט, הויכקייט פֿון געדאַנק, וועלן זיי א בד שטענדיק האַלטן פֿאַר העכער פֿון זיך. אַמאַזאָנקעס האָבן זיך די ברוסטן אָפּגעבריט, כּדי ענלעך צו זיין צו אַ מאַן, מיר ווידער, ליבנדיק, מאַכן מיר ווייכער די שטימע, וועלכע ווערט דערמיט ענלעך צו דער שטימע פֿון אַ פֿרוי. אַ פֿרוי, ווען זי גייט אַרויף אויף דער רעדנער-טריבונע, נעמט זי אָן די באַוועגונגען פֿון אַ מאַן. אַ מאַנספּערשוין, זיצנדיק לעבן דער פֿרוי אויף דער סאָפֿקע ווערט אין די באַוועגונגען ענלעך צו איר. די פֿרוי איז באַשאַפֿן געוואָרן צו ליבן און זיין אויף אַ מענטש; דער מאַנספּערשוין איז באַשאַפֿן געוואָרן צו זיין אַ מענטש, וואָס קען אויך ליבן. קעמפֿט דעריבער נישט מיט דער פֿרוי מיט דער הילף פֿון ליבע; דו וועסט זי באַזיגן נישט מיט קיין ווייכן אָרעם נאָר מיט אַ העלדי-שע ברוסט. נאָר די פֿרוי, וועלכע זעט אין דיר עפּעס לייבישעס, קען דיך באמת ליב האָבן.

פֿאַר מיר זענען דאָ צוויי וועגן: אָדער זיך מאַכן, אַז איך זע גאָרנישט, פֿיל גאָרנישט, פֿאַרשטיי גאָרנישט, אָדער זיך באַמי-ען אָפּצוזוכן אין זיך דאָס, וואָס איך האָב אָנגעוווירן און אַרויס-טרעטן אין אַ קאַמף מיט רישאַרד. ווער ווייסט? ווען איך וואָלט פּלוצלינג אַ געשריי געטאָן צו מאַריניען, אַז איך שטיק מיך, אַז איך ווערג מיך אין דעמדאָזיקן לעבן, אַז אַ האַק מיין גאַנצער ליבע צו איר, אַ חוץ דעם, וואָס איך ליב זי זוי שטאַרק, ווי נאָר אַ מאַנספּערשוין קען ליבן אַ פֿרוי אויף דער וועלט, — ליב איך נאָך אויך מענטשן, מענטשלעכקייט, מיין גע-

דאַנק, מײַן אידעע. װער װײסט, װען איך װאָלט איר געזאָגט אַז איך װיל בעסער זי זאָל לײדן הונגער, אַבי זי זאָל מיט מיר אײנ-אײנצם לעבן אַ גײסטיק לעבן, אַ לעבן מיט אַן אידעע, אַ לעבן פֿון געדאַנק, אַז איך װיל אויך שפּײַזן איר נשמה און נישט בלויז דעם קערפּער; אַז איך װיל, מיר זאָלן כאָטש אײן יאָר לעבן אין די העכערע עולמות און דערנאָך זיך אפילו אין אָפּגרונט װאַרפֿן, אײדער עס זאָלן אונדז דאַרפֿ דערװאַרטן גאַנצע יאָרן פֿון װעגעטאַצ-יע — װער װײסט, צי זי װאָלט דאַן פֿאַר מיר נישט אויפֿגעלעבט; װאָרים דאַמאָלס װאָלט איך מיך מיטן געדאַנק אויסגעגלײַכט מיט רישאַרדן, און װאָלט געװען נאָך העכער פֿון אים — מיטן האַרץ; װאָרים דאַמאָלס װאָלט זי געהאַט אין מיר דאָס זעלבע לײַבישע האַרץ, װי זי װעט דאָס אין אים, און אַ חוץ דעם — מײַן ליבע. װײַל צװײ יאָר אונדזער קענען זיך פֿאַר דער חתונה, דרײַ יאָר אונדזער צוזאַמענלעבן, די טראַדיציע, דאָס צוגעװױנען זיך, דאָס באַװוסטזײַן, אַז זי איז מײַן װײַב, מײַן פֿרוי, מײַן אײגנטום, װי אויך — איר מאַן, איר אײגנטום, איר מאַנכפֿערשוין, — קענען בשום אופֿן נישט בלײַבן אָן אַ צײכן, אָן אַן אײַנפֿלוס, אָן אַ װאָג אויף בײַ איר. רישאַרד קען איר אויסזען װי אַן אידעאַל, װי דער מלאך מיכאל מיט דער פֿײַערדיקער שװערד, אָדער װי דער מלאך גבריאל, דער אָנזאָגער פֿון אַ גוטער בשורה, אָבער זאָל זײַן, װאָס עס װיל זיך, — ער איז פֿאָרט פֿאַר איר אַ פֿרעמדער מענטש. זײַן האַנט איז איר העכער פֿון זײַן מאַנקעט נישט בײַ אַנט. פּונקט אַזוי, װי עס איז איר אומבאַקאַנט זײַן נשמה.

טראַדיציע איז זײער אַ שטאַרקע זאַך.

מיט דער הילף פֿון טראַדיציע האַלטן זיך אויף גאַנצע מלוכות, מיט דער הילף פֿון טראַדיציע האַלטן זיך אויף די מענטש. װיפֿיל פּאָר-פֿעלקער לעבן צװישן זיך אײנציק בלויז דערפֿאַר, װײַל זײ האָבן פֿריִער צװישן זיך געלעבט, װײַל זײ האָבן געלעבט ביז איצט. דער מענטש װיל נאָך דעמאָלט טוישן זײַן לאַגע, װען דאָס פֿריִערדיקע לעבן איז אים צו װײניק געװען, אָבער אויב ער װעט אינם פֿריִערדיקן אַנטדעקן עפּעס אַ נײַעס, װעט ער טאָקע בעסער װעלן בלײַבן בײַם אַלטן, אײדער דאָס זעלבע אויף אַ נײַעם

ליפּן צו זוכן. יעדער רייטער וועט בעסער וועלן בלייבן בײַ זײַן אַלטן באַקאַנטן פֿערד, וואָס האָט זיך שוין אָפּגעוווינט פֿונעם גע-דאָוונים וואַרפֿן זיך בעת אַן אויפֿזיצן, איידער נעמען זיך אַ נײַ פֿערד, וואָס האָט דעם פֿעלער קיינמאָל נישט געהאַט. דער רייטער געוווינט זיך צו צום פֿערד, זײַן האַנט האַלט שוין מעכאַניש די לייצן אין אַ געוויסער מאָס, זײַן געזעס האָט שוין זײַן אויסגעאַרבעט אָרט, זײַנע פֿיס פּאַסן זיך שוין צו צו די זײַטן פֿונעם פֿערד, פּונקט ווי אַ פֿעכט-מייסטער געוווינט זיך צו צו אַ באַשטימטער וואָג פֿון אַ שווערד, אַ פּאַרטעפּיאַניסט — צו אַ באַשטימטן פּאַרטעפּיאַן, אַזוי געוווינט זיך אויך צו דער מענטש צו אַ מענטש.

אויב אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי, וואָס ליבן זיך, הערן זיך אויף געטרײַ צו זײַן, קומט דאָס פֿאָר נאָר דעמאָלט, ווען זיי אַנטדעקן אין זיך אַ פֿיזישן אָדער מאָראַלישן פֿעלער, וואָס קיין זאַך קען אים נישט פֿאַרטרעטן, און אויב זיי ציִען זיך דערנאָך איבער, אַז זיי האָבן זיך טועה געווען, קערן זיי זיך צוריק אום צו זיך מיט פֿרייד — ווײַל זיי האָבן זיך דאָך פֿאָרט אַמאָל געליבט.

נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס, וואָס הייסט בכלל ליבע, איז גאָר קיין ליבע נישט, ווײַל נײַן צענטל מענטשן ליבן קיינמאָל נישט, און ווערן קיינמאָל נישט געליבט; וואָרן באמת ליבן, אויף וויפֿל מען ליבט טאַקע אַזוי, קען מען בלויז איין מאָל, און נאָר בלויז אַזאַ ליבע קען נישט פֿאַרשווינדן.

און מאַריניע האָט דאָך מיך פֿאָרט ליב געהאַט.

ווי אָרים זענען די מענטשן, וואָס האָבן אין דער פֿרוי געזען נישט מער, ווי בלויז די פֿרוי, דעם סימבאָל פֿון דער פֿרוי, און האָבן אין איר נישט געזען דאָס אמתע וועזן; און ווי אָרים זענען ווידער די פֿרויען, וואָס האָבן דאָס בלויז געזען אין דעם מאַן. ווי אָרים איז דער מענטש, וואָס, קושנדיק די ליפּן פֿון דער פֿרוי, ווינטשט ער קודם-כּל פֿרויען-ליפּן און נישט אַ באַשטימטע פֿרוי; און מיר דאַכט זיך דאָך, אַז דאָס רוב מענטשן „ליבן“ אַזוי, און דאָס רופֿט מען אָן „ליבע“. מען ליבט דווקא די, ווײַל מען האָט פּינקט אָנגעטראָפֿן אויף דער, ווען מען וואָלט אָנגעטראָפֿן אויף אַן אַנדערער, וואָלט מען געליבט אַן אַנדערע. אָבער איך פֿיל, אַז

ווען איך וואָלט מאַרינירן נישט געליבט, וואָלט איך שוין קיין שום אַנדערע נישט געליבט, און וויפיל מאָל האָט זי מיר דאָסדאָזיקע בעזאָגט! וויפיל מאָל האָט זי מיר דאָס געזאָגט פאַר דער חתונה און נאָך דער חתונה, אַז זי וואָלט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט, ווען זי וואָלט מיט מיר נישט געקענט חתונה האָבן, אַז איך בין איר טיף, אַז איך בין געבוירן געוואָרן פאַר איר און זי פילט, אַז זי איז געבוירן געוואָרן פאַר מיר.

וויפיל מאָל האָב איך דאָס פון איר געהערט!

זי האָט דאָך באין אופן נישט געקענט אָפּנאַרן זיך אַליין, — פרויען האָבן דאָך אינסטינקט.

זי האָט אוודאי נישט געוואָלט מיך נאַרן, — זי איז צו ערלעך.

צו וואָס זשע האָט זי חתונה געהאַט מיט מיר, צו וואָס? זי איז זייער אַ שיינע, האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן דערפאָלג בײַ מענער, אַ סך קאַנדידאַטן אויף איר האַנט, אַ סך בעסערע חתנים פון מיר. זי האָט געקענט חתונה האָבן רייך, גרויסאַרטיק, אַ מיליאָנערין האָט זי געקענט זיין, זי האָט זיך געקענט אין גאָלד באָדן — און האָט אויסגעוויילט בלויז אַ זיכערע, מאַטעריעלע עקזיסטענץ, אַבי נישט לעבן בדוחק, אַבי נאָר נישט אין אָרימקייט, אין נויט. מיר האָבן נישט קיין פיר טויזנט רען הכנסה, מיר זענען כמעט אָרים, מיר האָבן קוים גענוג באַשיידן צו לעבן, און פונדעסטוועגן, ווען זי האָט נאָר געהאַט ווי אַ פוס אַוועקצושטעלן, איז, נישט וואַרפנדיק אפילו קיין בליק אויף אירע רייכע חתנים, האָט זי, מיט איר גאַנצער שיינקייט, מיט איר גאַנצן דערפאָלג בײַ מענטשן, מיט איר גאַנצער יוגנט פון די איין און צוואַנציק יאָר, מיט איר גאַנצן באַוווסטזיין פון איר פולער רעכט צום לעבן, חתונה געהאַט מיט מיר, פונקט ווי דאָס גרעסטע גליק וואָלט פאַר איר געווען „צו זיין לעבן מיר, לעבן מיט מיר, אין מיר, פאַר מיר, דורך מיר“.

וויפיל מאָל האָב איך דאָס פון איר געהערט, און דאָס נישט אין שעהן פון פיזישער באַרוישונג, ווען די פרוי, וואָס שעמט

זיך שטענדיק מיט איר ליידנשאַפֿט, באַמיט זיך זי צו פֿאַרשטעלן מיט פֿאַרשיידענע תּירוצים, וואָס בכּלל זענען דאַמאָלס די ווערטער בלויז קלאַנגען אין אַ געוויסער באַדייטונג, נאָר אין שטחן פֿון שטילע געשפּרעכן, רעפֿלעקסיעס, פֿאַרטראַכטונגען, פֿאַרטיפֿונגען אין דער אייגענער נשמה, אין שטח פֿון דענקען, און שטחן און חשבון הנפש. זי האָט דעריבער אין מיר געליבט נישט דעם מאַנספּערשוין, נאָר מיך, מיך אַליין, דעם איינציקן, דעם אויסדערוויילטן.

זי האָט אין מיר געזוכט נישט צו באַפֿרידיקן איר נאַטירלעכן דראַנג פֿון דער פֿרוי, זי האָט נאָר געליבט אין מיר די איינציקע עקזיסטענץ, וואָס זי האָט טאַקע אויסגעוויילט פֿאַר זיך... זי האָט מיך געליבט. דער בעסטער עדות איז די צייט. מאַריניע איז פֿאַרנומען מיט רישאַרדן. מעגלעך, אַז שוין איצט ווערט דאָס אין איר אויפֿגעקלערט, מעגלעך, אַז עס האָט זיך שוין אין איר טאַקע אויפֿגעקלערט. אָבער זי איז אומגעהייער אויפֿריכטיק און אומגעהייער ערלעך, אומגעהייער לאָיאַל און אומגעהייער גוט. אַלץ קען מען אין איר פֿאַר קענען איר ווילן אַליין, קענען איר ערלעכקייט, איר פֿליכט, איר רעליגיע, איר פֿונדאַמענט, איר באַגריף, איבערצייגונג, קענען איר גאַנצע נאַטור. זנות, אַפֿילו בלויז מיטן געדאַנק, איז פֿאַר איר שמוציק, איז פֿאַר איר עקלדיק. מאַריניע גלייבט, ווי אַ קינד: ווערט זי טאַקע מורא האָבן פֿאַר דעם, וואָס זי האַלט דאָס פֿאַר אַ חטא, ווייל דאָס ווערט איר עקלדיק זיין. זי איז מאָראַליש ריין מיט לייב און זעל. איך בין זיכער, אַז דער בלויזער געדאַנק פֿון פֿאַראַטן אַ מענטש, וועלכן זי האָט געשוווירן טריי צו בלייבן, אַ מענטש, וועלכער איז איר מאַן, וואַרפֿט אויף איר אַן אַ פּחד און מאַכט זי אינגאַנצן אויפֿציטערן. אויב זי איז זיך אַליין מודה: איך האָב געזינדיקט מיטן געדאַנק, מיט אַ וואָרט, מיט עפּעס אַ טאַט — איז דאָס פֿאַר איר אַלץ איינס. דאָס ווערט זיין אַ קאַמף, אין וועלכן איך וועל מוזן זיגן. ווען מאַריניע וואָלט זיך פֿולשטענדיק אַנטוישט אין מיר, ווערט איר ערלעכקייט, די ערלעכקייט, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון דער היים, זיין מיין פֿאַרבונדעטער

ווי דאַנקבאַר בין איך אירע עלטערן, וואָס זיי האָבן זי אַזוי דערצויגן, אויף די ערלעכע יסודות!

עס איז אסור נישט קיין שפּאַס, אַז סוף כּל סוף קערן מיר זיך אום צו דעם, וואָס עס פלעגן זאָגן די אַלטע מומעס. ווירקלעך, די־דאָזיקע אַלטע, באַנאַלע, שאַבלאָנע באַגריפן זענען אָפט אַזוי לע־בערלעך, אַז מען קען זיי פּשוט נישט פאַרטראָגן, טײלמאָל אַפילו זייער נישט באַקוועם, אָבער אין געוויסע פאַלן איז זיי גאָרנישט אָפּצושאַצן. אָט, למשל, איך קען האָבן צוטרוי צו מאַריניען, ווייל איך קען איר דערציִונג, אַלץ אָבער זעט אויס אַנדערש, כּל זמן דער מענטש אַליין קומט נישט אין באַרירונג טאַקע מיט דער זאַך גופא.

„ווער עס האָט נאָך קיין וווּנדן נישט געהאַט, דער קען שפּאַסן פון אייזן" — זאָגט ערגעץ שעקספּיר.

כּל זמן איך בין נאָך קיין באַאַמטער נישט געווען, האָב איך נאָך אַלץ פאַרטיידיקט די גרעסטע פרייהייט פון ליבע, אַלץ, וואָס די „אַלטע מומעס" האָבן דאָרט גערעדט, האָט זיך מיר אויס־געוויזן פאַר דעם גרעסטן אָנפאַל אויף דער פּערזענלעכער פריי־הייט פון מענטש; צי איז דען גאָר פאַראַן אין דער איצטי־קער מינוט אַזאַ רעכט, אַ געזעץ, אַ מיטל, אָן וועלכן איך וואָלט זיך נישט אָנגעכאַפּט, כּדי מאַריניען צו פאַרהאַלטן פאַר זיך; צי איז דען דאָ אַ געזעץ שאַרף וואָרט, וואָס איך וואָלט איר נישט געזאָגט, כּדי איר אײַפּצוווייזן די שאַנד פון ברעכן דעם גלויבן פון מאַן־און־ווייב, אַפילו בלויז באַר מיטן געדאַנק, אַפילו בלויז באַר מיטן געדאַנק וועגן דעמדאָזיקן געדאַנק, אַפילו בלויז באַר מיט זיין שאָטן? צי, ווען דאָס וואָלט געלעגן אין מיינע כּוחות, און ווען איך וואָלט פולשטענדיק געווען איבערצייגט, אַז מאַרי־ניע ליבט רישאַרדן און איז צוגלייך דורך אים געליבט, צי דען וואָלט איך זי נישט אָװעקגעכאַפּט און זי אַוועקגעטראָגן אין דער שאול תּחתּיה אַריין? צי וואָלט איך זי דען נישט צוגעבונדן צו זיך, הגם דאָס וואָלט געווען פאַר איר געוואַלטיק שרעקלעך? צי וואָלט איך דען נישט אויסגענוצט מיין גאַנצע מאַכט, מיין איבער־

מאַכט, װען איך װאָלט נאָר געקענט? צי װאָלט איך דען נישט אויפן ברוטאַלסטן אופן איר אַ שליידער געטון גלייך אין פּנים אַריין:

ביזט מיינע!

דו האָסט געשװוירן מיינע צו זיין, מוזסטו מיינע פאַר־בלייבן!

צי װאָלט איך איר דען נישט געזאָגט: דו מוזסט! צי װאָלט איך דען איר נישט איינמאָל איבערגעחזרט: דו מוזסט, דו מוזסט, — איך, װעלכער האָב אַמאָל געהאַלטן, אַז דאָסדאָזיקע װאָרט דאַרף גאַרנישט עקזיסטירן אינם מענטשלעכן װערטער־בוך? צי װאָלט איך דען מיט איר זיך נישט באַגאַנגען לויטן אופן פון די אַמאָליקע באַגריפן און נישט לויט די היינטיקע, װאָס עס װאָלט טאַקע זייער און זייער געװוּנטשן געװען זיי אַלע אויסצו־ראָטן? װאָרים, װי אַזוי איך װאָלט מיט איר ניעט געהאַנדלט, װאָלט איך דאָך אויף קיין פאַל נישט געקענט אויסמיידן דעם משפט איבער מיינע טאַטן, דאָס הייסט, איך װאָלט גע־משפּט, זיך אַליין װאָלט איך געמשפּט, אָבער געטון װאָלט איך באַשטימט דאָס, װאָס מיין ליבע לגבי מאַריניען װאָלט מיך געהייסן, און צו װאָס נאָר זי װאָלט מיך געצװוּנגען.

דאָס װאָרט: מוזן, װעט װערן אויסגעשטראָכן פון מענטש־לעכן װערטער־בוך, נאָר — צוגלייך מיטן װאָרט: ליידנשאַפט. דעריבער — קיינמאָל נישט — איז טאַקע נאָר איין באַשיצונג פאַראַן קעגן דעם: דער טויט.

איך װאָלט דעריבער אַלץ געטון, צו װאָס נאָר מיין לי־בע צו מאַרינען װאָלט מיך געצװוּנגען און, אָפּגעבנדיק זיך בענוי אַ חשבון פון מיין גאַנצער האַנדלונג, װאָלט איך זיך פּשוט אָנגע־רופן — מנוװל. און איך װאָלט נאָך אויך געהאַט אויף זיך דידאָ־זיקע יסורים, װאָס מיר װאָלט זיך שטענדיק פאָרגעשטעלט פאַר די אויגן, אַז מאַרינע ליידט דורך אַ מענטש, װעלכער איז אַ מנוװל. איך װאָלט אַלץ פאַרשטאַנען, אַלץ תּופס געװען, איך װאָלט די דרייסטקייט געהאַט אַלץ אויף זיך צו זאָגן — און װאָלט

מיך געראַנגלט אין יסורים, ווי דער וואָרעם אויף דער שפּילקע,
און גאָר איין זאַך וואָלט איך געפילט אַרום זיך: דעם אָפּ-
גרונט.

* * *

די מענטשן פון מיין דור, אָדער בעסער געזאָגט: פון מיין נאַטור, מוזן, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן עס נישט, אַלץ פאַרשטיין, נאַטירלעך, לויט זייער מיינונג, און אַלץ אָנרופן מיטן ריכטיקן נאָמען. פון דאַנען טאַקע נעמט זיך דאָס, וואָס בײַ מענטשן פון אַן אַנדערער נאַטור, רופט דאָס זייער אָפּט אַרויס אַ פאָרוואָרף פון ציניזם. אויב ציניזם הייסט קוקן גלייך און קלאָר אין דער אייגענער נשמה, אין יענעמס נשמה, אָדער אין דער מענטשלעכער נשמה, זען דאָס, וואָס מען זעט; איבעריינס, לויט דער אייגענער מיינונג פאַרשטיין, און דאָס, וואָס מען פאַרשטייט טאַקע, אָנרופן מיטן נאָמען, אַט דאָס הייסט ציניזם. מענטשן זענען, ווי יענע פרוי, וואָס, אונטערגעבנדיק זיך, וויל זי, אַז מען זאָל איר גלייבן, אָדער ווייניקסטנס, זיך מאַכן גלייבן, אַז זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און האָט אַנדערש האַנדלען נישט געקענט; זיי ווילן, אַז מען זאָל זיי זאָגן, אַז זיי זענען פון אָנהייב אָן, נאָך פונם טאָג פון זייער געבוירן, פון זייער ערשטער רגע אָן, גוט און פרום, נאָר בלויז די באַדינגונגען פון לעבן, דער גאַנצער צוזאַמענשטעל פון דער וועלט בכלל — מאַכט זיי קאַליע, פאַראַרבעט זייער נאַטור, יענעם אומגליקלעכן „כאַראַקטער", מאַכט זיי שלעכט און פירט זיי פשוט אַראָפּ פונם דרך הישר.

עס איז גאָרנישט דאָ קיין בעסערע רפואה אויף צו דער־ווערבן די סימפּאַטיע פון מענטשן, ווי צו רימען די גוטסקייט נאָך פון די סאַמע קינדער־יאָרן אָן פון מענטש. עס קאָסט נישט קיין סך און עס לוינט זיך. דערפאַר טאַקע קוק איך אַריין אין זיך מיטן גאַנצן „ציניזם". איך זע אַלע פּרוזשיגעס, וואָס באַוועגן זיך אין מיר, איך ווייס אויך אַלע אָנצורופן באַם נאָמען און קען גאַנץ גוט זייער באַציִונג צו זיך. איך קוק אַריין אין זיך, ווי אַ זייגער־מאַכער אין אַ זייגערל דורך אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז. אַזוי אויך קוק איך אין יענעמס נשמה און אין דער נשמה פון דער וועלט. אויב איך האָב נישט קיין פולקאָם אויג, זע איך שלעכט, אָבער לויט מיין מיינונג — זע איך גוט. און איבעריקנס, אפשר בין איך טועה, אָבער מיין אורטייל איז אַ מילדער. בכלל גענומען, זענען מענטשן נאָך פון זייער געבוירן־טאָג אָן, כמעט פון זייער ערשטער רגע, אומפאַרגלייכלעך מער גענייגטער צום שלעכטן, ווי צום גוטן. צי אורטיילט יעדער איינציקער לויט זיך? געוויס, איך האָב די דרייסטקייט אַליין זיך דאָסדאָזיקע רעכט צו נעמען. איך אַליין מעג מיר זיין זייער אַ שלעכטער, איך האָב אָבער איין גוטע מעלה: איך בין נישט קיין היפּאָקריט. אויב פאַר גלויביקע מענטשן איז דאָס ראַטעווען אַ נשמה טייער, איז טאַקע די דאָזיקע היפּאָ־קריזיע, נאַטירלעך מיט זייער קליינע אויסנאַמען, כמעט פאַר אַלע — נאָך טייערער, אין דעריבער זענען זיי פאַר אָט די יעניקע, וואָס ווילן טאַקע דידאָזיקע היפּאָקריזיע דעמאַסקירן, די גרעסטע שונאים.

מיר איז מיאוס דידאָזיקע היפּאָקריזיע אפילו אין די גרע־נעצן פון פיר ווענט און רוף אָן די זאַך מיטן אמתן נאָמען. איך, וועלכער רוף אָן יעדן צוואַנג, איבערהויפּט לגבי אַ שוואַכן וועזן, אַלס אַ געמיינהייט, וועל טאַקע באַגיין אָט דידאָזיקע געמיינהייט לגבי מאַריגיען. מיין טעאָריע, אַז אַ פאַרשטענדלעכער מענטש דאַרף לאָזן די פרוי אין פולשטענדיקער פרייהייט, ווייל דאָס טאַקע איז אייגנטלעך איינס פון די קאַרדינאַלע באַדינגונגען, כדי צו זיין קלוג — איז גאָר אַ נאַרישקייט.

איך ליב זי און זי מוז דורכויס מיינע פאַרבלייבן.

מיט איר אייגענעם ווילן צי קעגן איר אייגענעם ווילן —

זי מוז! איך בין אַ ווילדע חיה? גוט, איך בין עס. עס איז נישטאָ קיין גרעסערער פּיין פאַר זיך אַליין,| ווי דאָס לעבן מיט אַ געצוואונגענער פרוי? גוט, אָבער זי מײַנע מוז פאָרט זיין! זאָל זי מיך פּיינס האָבן, זאָל זי מיך נישט ווענ, זאָל זי מיך קאָפּען און שפּייען אויף מיר: מײַנע מוז זי פאַרבלייבן. אויך איך קאָפּע פון זיך אַלץ אוועק, אויך איך שפּיי אויף אַלץ, וואָס איז נאָר אויסער מיין ליבע.

* * *

דעריבער טאקע — צום קאמף, — כא, כא, כא! צום קאמף. שוין באם בלויזן ווארט כאפט מיך אן א געלעכטער. איך — און קאמף... איך בין דאך אזוי מיד, אז קוים איך האלט דעם קאפ אויף דער האנט, כדי ער זאל מיר שוין אזוי זיך פון קארק נישט אראפפאלן; איך, וועלכער טראג אין הארץ אזא לעבעדיק פייער, און אין די נערוון אזא קאנוולסיע-קראמפ — איך וויל קעמפן! קעמפן מיט א פרוי, וואס ליבט מיך נישט און איז אליין אומבאזיגבאר.

עס איז נישטא קיין ערגערער, שרעקלעכערער שונא, ווי א פרוי, וואס ליבט נישט.

זאל איך קעמפן מיט אזא מענטש, וואס געהערט צו די, וואס זענען בכוח אומצוווארפן די יסודות פון דער וועלט, — איך!... זאל איך קעמפן מיט מענטשן, איך, וועלכער האט אלע, אלע מענטשן קעגן זיך... ניין! דאס איז שוין באמת צו לעכערלעך! אך! ווען איך וואלט געקענט אראפווארפן פון זיך די דאזיקע קייטן! אך! ווי גענוג איך האב שוין פאר מיר דאסדאזיקע לעבן! אך! ווען איך וואלט נאר געקענט ערגעץ אנטלויפן, אנטלויפן, אנטלויפן און שוין קיינמאל נישט צוריקקערן, שוין קיינמאל נישט...

גיטס מיר עפּעס ערגעץ אַן אינדזל, וואָס איז לגמרי נישט באַוווינט פון קיין מענטשן, גיטס מיר אַ ים אַרום זיך, אַ ים אָן אַ סוף, אָן אַ גרענעץ און אויף אים — זאָל זיך גאָרנישט געפינען, גאָרנישט, קיין שום זעגל־שיפן, קיין שום שיפל... און גאָר־נישט, גאָרנישט, קיין שום פאַנטאַזיעס, קיין שום חלומות, קיין שום וויזיעס, גאָר־נישט, גאָרנישט, בלויז אַ פּוסטקייט, אַ שטילקייט, אָן אַן אין סוף... גייסטער, גייסטער פון שווייגן, נעמט מיך צו זיך! איך וויל נישט קיין שום פאַנטאַזיעס, קיין שום וואָר־זאָגערינס, קיין שום עסנס — גאָרנישט, גאָרנישט, בלויז נאָר אָפּרוען, ליגן אוממענטשיק, אָן באַוועגונג, אָן געדאַנקען, אָן געפילן, אָן לעבן... כ'האָב אַ צעריסן האַרץ — טוט עס וויי...

און פונדעסטוועגן, ניין, ניין! איך וועל זיך שאַפן ענער־גיע, איך וועל מיך אָנשטרענגען, איך וועל מיך אָנשטרענגען ביזן לעצטן, הגם איך וואָלט געמוזט שוין גיין ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, הגם די דאָזיקע אָנשטרענגונג וואָלט שוין געווען אַ מערדערלעכע און זיך פאַרענדיקט מיט טויט. איך וועל מיך אָנשטרענגען, איך וועל מיך אַליין צווינגען און זיך שטעלן צום קאַמף. איך וועל פאַרשפּילן, איך ווייס דאָס, אַז איך וועל פאַרשפּילן, אָבער איך וועל נישט האָבן קיין געוויסנס־ביסן, אַז איך האָב לגבי זיך נישט אַלץ געטון.

דאָס איז פּילאַטס אָפּוואַשן די הענט פון זיך אַליין, אַ מענטש וועלכער פליט אין אָפּגרונט.

איך האָב אַלץ געטון, וואָס איך האָב נאָר געקענט — פליט איך אין אָפּגרונט מיט אַ ריין געוויסן לגבי זיך אַליין, איך האָב אַלץ געטון, וואָס נאָר איך האָב געקענט. ווען איך האָב דערפילט, אַז איך פאַרליר דאָס גלייכגעוויכט, אַז אַ פוס האָט זיך מיר אויס־געגליטשט אויפן פעלזן־שטיין און איך ליג, — האָב איך אויפ־געהויבן די הענט אינדערהייך, האָב זיי געקרייציקט, כדי דאָס גלייכ־געוויכט צו דערכאַפּן. איך האָב זיך אָפּגערוקט און בין אַנידער־געפאַלן אויפן גליטשיקן שטיין, — איך האָב באַלד דערקענט, אַז קיין רעטונג איז נישטאָ, אַז איך מוז אַראָפּפאַלן. איך האָב דערי־בער נישט וויניקער זיך געכאַפּט מיט די הענט פאַרן גלאַטיקן ראַנד, האָב זיך אָפּגעריסן די נעגל און די הויט פון די הענט.

האָב זיך צעבלוטיקט; איך האָב געפּרוּווט מיט די ציין זיך אָני־
כאַפּן אַן שטיין, איך וואָלט זיך מיט די בּרעמען געוועז אָנגעכאַפּט,
ווען איך וואָלט נאָר געהאַט פאַר וואָס, — האָבּנדיק דערביי דאָס
גאַנצע באַוואוסטזיין, אַז איך מיז אַראָפּפאַלן און, אַז פאַרוואונדנדיק
און צעבלוטנדיק זיך, פאַרצי איך נישט אויף קיין איין רגע
מיין אַראָפּפאַלן. אונטער מיר איז דאָ אַן אָפּגרונט — פאַל איך
אין אים.

אָבּער איך האָבּ אַלץ געטון, וואָס נאָר איך האָב געקענט.

איך וועל טאַקע צושמעטערט ווערן אויף שטיקער, וועל צע־
פאַלן, ווי גלאָז, אָדער גאָר ווי די וראַזן, וואָס זענען פאַרטראָגן
געוואָרן מיטן שניי, אָבּער מיט אַ רויק געוויסן לגבּי זיך, אַז איך
האָב אַלץ געטון, וואָס נאָר איך האָב געקענט. אָ, איראָניע! אָ,
איראָניע! אָ, דו אוממענטשלעכע, שרעקלעכע, העסלעכע, בלוטיקע
איראָניע!..

* * *

איך ווייס שוין איצט אַליין נישט, צי איז מיר ווירקלעך עפּעס
אַ שאָד, צי נישט... מה רעש, ווען רישאַרד זאָל אַפילו אַריינ־
נעמען, ווען איך זאָל זי אַפילו שוין טאַקע פאַרלירן? צי איז דען
דאָס לעבן נישט געווען קורץ און גענוג אָרים, אַז עס זאָל זיך לוי־
נען צו קעמפן דערפאַר? צי ווערט דען נישט דערדאָזיקער שטענ־
דיקער, אומאויפהערלעכער, משונהדיקער גאַנג פונם דיעט־לויף,
פשוט פאַרוואַנדלט אין אַ לעכערלעכקייט פון יעדן קאַמף אין לעבן
פאַר עפּעס? צי איז דען נישט בעסער אַראָפּצולאָזן דעם קאָפּ
און — זאָל געשען, וואָס עס וויל? אָ, גאָט, גאָט! און ווירקלעך,
אויב איך האָב שוין יאָ עפּעס וועלכע עס איז כוחות, צי זעבען
זיי דען מער נישט ווערט, ווי גאָר אויסצוניצן זיי אָין דערשטיקן
אין בּיוראָ, סך הכל פאַר אַ פּאָר הונדערט אָרימע גילדן, און דער־
צו נאָך זיין אין צווייפל, אַז טאָמער וועט מיר ווער מיין פרוי צו־
נעמען?! איז דען נישט פיל בעסער דאָס אַלץ צו וואַרפן, אַוועק־
צושטופּן, אַוועקצומאַכן און זיך גאָר אַריינשלידערן אינם אָפּ־
גרונט, אינם קאַמף, אין אַ שלאַכט פאַר אַ זאַך, וואָס איז באמת
הייליק?!

אָבער וואָס איז הייליק?... קעמפן פאַר גליק פאַר טויזנטער מיליאָנען? יאָ, אָבער אויב איך בין נויטיק פאַר מאַריניעס גליק, איז דען אַחוץ אַלעם דורכויס נויטיק, איך זאָל לעבן און בלייבן? פון וואָס באַשטייען דען די טויזנטער און מיליאָנען? פון באַזונדערע אינדיווידועו. דיזאַזיקע גאַנצע מאַסע ווייסט נישט פון קיין בשותפותדיקן הונגער, פון קיין בשותפותדיקן דורשט, און יעדער באַזונדערער אינדיווידואום האָט זיך זיין הונגער, זיין דורשט, זיין נויטוועגדיקייט פאַר גליק. מאַריניע איז אויך אַזאַ באַזונדער אינדיווידואום. — איז פאַרוואָס־זשע וואָלט פאַר מיר אַ זאַמלונג פון פרעמדע אַזעלכע אָפּגעזונדערטע יחידים באַדאַרפט זיין טייערער, ווי איינער? דערפאַר, וואָס זיי זענען אַ סך? ווען אַ צען מענטשן וואָלטן אַריינגעפאַלן אין וואַסער, צי וואָלט איך דען נישט געראַטעוועט, ווען איך וואָלט נאָר געקענט, דעם פון זיי, וועלכער איז מיר אַמבעסטן, לאָזנדיק דערביי די איבעריקע אומקומען? יאָ, אָבער ווען איך וואָלט געקענט מיטן פרייז פון דערזאַזיקער איינער די אַלע איבעריקע אָפּראַטעווען? צי צו שטאַרבן פאַר אַ המון איז אַ גרעסערע העלדישקייט, ווי — פאַר איין פערזאָן? צי טוט דען אַ וווּנד נישט פונקט אַזוי וויי, איז דען דער טויט נישט פונקט אַזוי שרעקלעך? פאַר וואָס הייסט דער מענטש, וועלכער אָפּפערט אַלץ פאַר איין פערזאָן, וואָס איז אים טייער, נאָר דער כלל האָט פון דעם גאָרנישט, אַן עגאָיסט, און ווער עס איז זיך מקריב פאַר אַ המון אים אינגאַנצן גלייכגילטיקע מענטשן — הייסט ער גאָר אַ העלד? צי דערפאַר, ווייל דאָס איז שווערער? אָך, טייל מאָל איז פיל שווערער זיך איינצושפּאָרן צוליב איין פערזאָן און בלייבן דווקא לעבן, איידער אומצוקומען פאַר אַלע מיליאָנען מענטשן אין דער וועלט...

אָבער צו וואָס דאָס אַלץ? איך טראַכט און פאַרשטיי לחלוטין גאָרנישט.

נישט איך בין מאַריניען נייטיק. מען דאַרף נאָר, איך זאָל מיך אָפּטראָגן אין אַ זייט, איך זאָל נאָר לעבן איר נישט זיין, איך זאָל מיך נאָר אָפּרוקן. וואָס פאַר אַ שרעקלעך געפיל דאָס איז, זיך מוזן דערווייטערן פון אַ פרוי — כדי צו מאַכן אָרט פאַר אַן

אנדערן! און דאס נאך פון א פרוי, וועלכער מ'האט געליבט, וועל־
כע מען ליבט און וועלכע האט געליבט. דאס געדענקען, אז זי
האט געליבט, דאס נאך פילן אירע קאלטע, האלב־קיילעכדיקע גלי־
דער, ווי די קאלטע, האלב־קיילעכדיקע כוואליעס פון טײך, אזעל־
כע באוועגלעכע, אזעלכע פליסיקע, תאווהדיקע, גלאטיקע, — און
אזעלכע קאלטע. אין אירע אויגן האט געלויכטן א פארלאנג פון
דער אור־מוטער חוה. אירע אויגן האבן אזוי געקוקט, דאס עס
האט זיך אויסגעוויזן, אז בלויז נאר צוליב דעם איז די וועלט בא־
שאפן געווארן בלויז נאר צוליב דעם עקזיסטירן פרוי און מאן,
בלויז נאר צוליב דעם איז פון די גאר אור־אלטע צייט באשאפן
געווארן דידאזיקע אלע ליבעס־פארלאנגען, כדי דידאזיקע אויגן
זאלן אזוי קענען קוקן. ווארים, עס איז גארנישט קיין גרעסערער
עגאיזם לגבי זיך אליין, ווי בא דער פרוי, ווען זי פארלאנגט.
דאמאלס נעמט זי אלץ ארונטער אונטער זיך, טרעט איף אלץ,
די וועלט עקזיסטירט נאר בלויז צוליב דעם, כדי זי זאל קענען
פארלאנגען און זיך אנזעטיקן. דער מאן הערט איף צו זיין אלס
איך, אלס פרידערדיקער מענטש, — ער איז בלויז א מיטל פארן גע־
נוס, א מאשין צום עקספלאאטירן. ער וואלט אפילו געמעגט אינ־
גאנצן נישט זיין, נאר דער גענוס זאל אבער עקזיסטירן. בא
אונדז איז ער פשוט צוזאמענגעבונדן מיט דער עקזיסטענץ
פון דער פרוי. די פרוי קען נישט ליבן און פארחלשט בלייבן
פאר תאווה, דער מאן, וועלכער ליבט נישט, קען זיך בלויז
באנארישן. די פרוי פארלאנגט נאר גענוס; דער מאן — די
פרוי.

ווי גליקלעך זעט מיר אויס די צייט, וואס איז געווען,
וואס איז שוין פאריבער, — זי זעט מיר אויס אזוי גראציעז, אזוי
גליקלעך! איך האב געפירט אן אינערלעכן קאמף, איך האב קיין
איין מינוט קיין רו נישט געהאט אין דער נשמה, די אײנבילדונג
פון דעמדאזיקן פארברעך האט מיך טאג און נאכט פארפאלגט. א
נארישקייט! א נארישקייט איז דאס געווען, דריי מאל א נאריש־
קייט.

האב געזען מענטשן, וועלכע קומען אום לטובת הכלל

אָבער מען האָט נאָך קיי מאָל נישט געזען, אַז עס זאָל זיך ווערשיסן פון פאַרצווייפלונג, דערפאַר, וואָס ער קען דערצו גאָרנישט טון, ווי למשל, מיליאָנען מענטשן קומען אום פון הונגער, אָדער פון שלעכטע לופט, אין דער צייט, ווען פון ליבע צו אַ פרוי, צו איין פרוי האָבן זיך שוין אוודאי טויזנטער מענטשן געשאָסן. וואָס זשע איז דאָ שטאַרקער! אַ נאַרישקייט! דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט איז נישט געווען ניש קיין מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, נישט קיין זון פון אַ וועלכעס עס איז לאַנד; ער איז בלויז געווען אַן ער, וואָס האָט געוואָלט האָבן אַ זי. דאָס, וואָס האָט זיך שפּעטער אַלץ געשאַפן, אין דער מאָס פון ענדערן דעם מצב פון זיין אַליין, איז דאָ זייער ביל פון געטהעס גרויער טעאָריע. דידאָזיקע גרויע טעאָריע ווערט צעשפּליטערט, ווי גלאָז באַם אָנשלאָגן זיך מיט דער וועזנטלעכער, אויפריכטיקער, אַמאָליקער נאַטור פונם מענטש. די לעבנס-באַדינגונגען האָבן אונדז אַרויסגעריסן פון דער אַמאָליקער ליניע פון לעבן. דורות, און פעלקער, שיכטן, קאַסטעס — דאָס אַלץ זענען שאַפונגען פון דער צוגעטראַכטער נויטווענדיקייט. דער אינסטינקט פונם געשלעכט איז אַן איינגעבוירענער. וואָס-זשע האָט אַ גרעסער רעכט אויף קיום? דאָס, וואָס איז איינגעבוירן, צי דאָס, וואָס איז צוגעטראַכט?

די ב׳שה, די מורא פאַרן שלעכטן שם, לסוף — די נויטווענדיקייט פון זוכן אַ קעגנזייטיקייט, אָט וואָס טאַקע עס שטופּט גאַנץ אָפט דעם מענטש איופן וועג צו אַזוי-גערופענער כלל-אַרבעט. מען זאָגט: ער האָט זיין לעבן אַוועקגעשענקט פאַר בלויז כלל-ענינים, ווייל גאַנץ אָפט איז דאָס פּשוט אַ קרבן, און קריסטוס האָט אויף דעם געזאָגט: פוקסלעך האָבן זיך זייערע גריבער און די פייגעלעך — זייערע נעסטער; אָבער דאָס מענטשן-קינד האָט נישט, ווו דעם קאָפּ אָנצולעבן...

אַזוי איז דאָס! איצט, ווען איך בין אַליין פאַר זיך, ווען איך עפן פאַר זיך אַליין אויף די באַהעלטענישן פון מיין נשמה, זאָג איך, אַז דאָס, וואָס איך האָב געליטן, אָפּפערנדיק מיין נשמה פאַר מיין ליבע, איז אַ גאָרנישט שבגאָרנישט לגבי

דעם, וואָס איך לייד דורך דערדאָזיקער ליבע. אַזוי איז דאָס, און, ווען אַפילו מיין געוויסנס־ביסן זאָל זיך צענפאַך פאַרגרעסערן, איז, ווען מען וואָלט מיר נאָר אומגעקערט דעם גלויבן אין מאַריניען, וואָלט איך שוין געווען גליקלעך, בפרט נאָך איצט, ווען איך ווייס, וואָס עס איז אַזוינס נישט ליידן, און וואָס — אויסגיין פון יסורים. אַ גליקלעכער וואָלט איך געווען.

די רו מיינע בנוגע צו איר: דידאָזיקע פאַרצווייפלונגען מיינע, די דערשטיקטע אין שויס! דעדאָזיקער טרויער מיינער, דער פאַרלאָשן געוואָרענער דורך דער באַרירונג פון אירע ליפּן! דידאָזיקע קאַמפן מיינע און דאָס געוויסנס ביסן. די פאַרלוירן געוואָרענע אין אירע האָר!... אָבער אָט דאָס טאַקע איז דאָך געווען אַ גן־עדן.

אָ, דו מיין פּיין! קער דיך אום צוריק, קער דיך אום צוריק, און נאָך אַ מאָל אַזוי פיל, און הונדערט מאָל אַזוי פיל. דו ביזט נאָך א תענוג לגבי דעמדאָזיקן, וואָס איך פיל איצינד.

אַלץ איז פון מיר אַוועק, אַלץ, עס איז אין מיר געבליבן, בלויז דער מענטש. אויך אַנדערע פּייניקן זיך? איך פּייניק מיך אויך. אויך אַנדערע ליידן? איך לייד אויך. צי וועט איר דען קומען מיר העלפן? ניין! צי גייט אייך אַ סך אָן מיין גורל? ניין! דו פּשוטער אַרבעטאָרער, מאָנערער, הונגעריקער, — וואָס בין איך דען פאַר דיר? אַ בהמה, וואָס האָט וואָס צו פרעסן, בעטשעט זי נאָך דער זי. ווי איך דאַרף לעבן, אמת? אַלץ פאַ־לאָזן, אַלץ מקריב זיין און האָרעווען בלויז אויף דעם, כדי דו זאָלסט האָבן צו פרעסן, אמת? אַבי דו זאָלסט דיך קענען גוט אָנעסן, און אַן אָנגעגעסענער אויך האָבן כּוח און חשק צו בעטשן נאָך דער זי, אויף וויפיל דיר וועט זיך נאָר גלוסטן, אמת? איך דאַרף זיך, הייסט דאָס, פון אַלץ אָפּזאָגן, פון אַלץ זיך דערווייטערן, אמת? און אַלץ פאַר דיינעטוועגן, אמת? דו וואָלסט מיך אויסגעזויגן ביזן מאַרך

פון די ביינער, און דערנאך וואלסטו מיך אוועקגעווארפן און צעטרעטן, ווען איך וואלט דיר שוין פון זיך מער גארנישט געקענט געבן; אמת? יא, יא! לאמיר זיך צעהאקן די קעפ פאר זיי משוגעם!

דו, שווארצע מאסע, דו פארזעעניש, פאר וועלכן איך בין געווען א לייטער, א שטאפל, אויף וועלכער דו וואלסט דיין פוס ארויפגעשטעלט, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו, ווען א שטאפל וואלט געפלאצט. דו, שווארצע מאסע, וועמענס ערשטער אקט עס וואלט געווען דאס געלעכטער פון דיינע אייגענע נביאים און גבורים! צי האב איך דען דיך ווען געליבט? און צי דארף איך דען דיך מערער ליבן, ווי מיין מאריביען? אוועק פון מיר! איר ליידט? איך לייד אויך! צי וואלט איר דען פאר מיר מקריב געווען איין גראם, איין אונציע פון אייער לעבן? ניין! איר האט מיך דערשלאגן, ווייל איך האב אייך אפגעטרעטן, אבער ווען איך וואלט אויסגעגאנגען פאר הונגער, וואלט מיר קיינער פון אייך קיין שטיקל ברויט נישט געגעבן. ווען איך וואלט געקענט פאר אייערטוועגן שרייען, וואלט איר מיך אויף די הענט ארומגעטראגן, כדי איך זאל נאך העכער שרייען, אבער ווען איך וואלט אזוי אינם דאזיקן שרייען לטובת אייערע אינטערעסן זיך דאס קול איבערגעריסן און שטום געווארן, וואלט איר מיך ארויסגעווארפן, ווי עפעס א נישט-נוצלעכע זאך. אלץ איז פאר אייערטוועגן, איר האט רעכט צו פארלאנגען! איר זענט אומבארירלעך, איר זענט הייליק, די וועלט איז נאר פאר אייך! און מיר — בלויז צו דעם, כדי אייך צו פארלייכטערן, אייך העלפן דערווערבן.

דעריבער טאקע ווייס, דו, שווארצע מאסע. דו הונדערט-קעפיקע באשעפעניש, ווייס, דו, המון, אז ווען מען וואלט אייך אלע, אין איין קופע געצונויפן, אויפן קרייץ אומגעברענגט, ווען מען וואלט אייך אלע איבנייעם אויפן פלאמנדיקן אייזן אויסגעצויגן, ווען עס וואלט אייך אלע דאס שטריקל הונדערטער-טויזנטער העלדזער געשטיקט, וואלט איך פאר אייך נישט אוועקגעגעבן קיין איין האר מאריניעס, איר הערט? איר פארשטייט? אוועק! אוועק! אוועק גייטס! אין אפגרונט, דו שווארצע מאסע!

אין אַפּגרונט! צוזאַמען מיט מיר, צוזאַמען מיט מיר, מיט מיר

מיט מיר אין אַפּגרונט!...

אָ, קריסטוס!

דאָס איז אַזעלכעס געמיינהייט, וואָס איז לעבן, דאָס איז

טויט?!...

* * *

נײן, עס האָט נישט קײן זיבעץ זיך הײטער אַזױ צו פּיי־ניקן, איך בין שױן פּשוט דערשעפּט.

זינט דרײַ חדשים קומט מיר יעדער טאָג פֿאַר װי אַ גיהנום, און די נאַכט — אַ גיהנום שבגיהנום. מיט איר רעד איך קײנמאָל נישט, אָבער זי װײסט שױן װעגן אַלץ פֿון לאַנג. װאָס אַזעלכעס עס קומט פֿאָר אין איר — װײס איך נישט; זי איז בלאַס, שװײַגט, עסט נישט, האָט אונטערגעהאַקטע אױגן און עסעסט, װי אַ שװינדזיכטיקע.

זי װײסט, אַז איך װײס, זי װײסט דאָס שױן פֿון לאַנג. איבעריקנס, איז נישט פֿאָרגעקומען קײן שום פּאַקט. איך װײס, ער האָט זי קײנמאָל נישט געקושט, נישט אפֿילו אין דער האַנט. זי געהערט אָבער צו אים, געהערט מיט דער נשמה און מיטן קערפּער, געהערט מיט אַלץ, װאָס זי פֿאַרמאָגט

און װאָס ער טראַכט, װײס איך אױך נישט. ער איז שטענדיק בײַ זיך אײזן-שטאָל, שטענדיק איבערגעגעבן זײַן אידעע, װאָס אַ חוץ איר, זעט ער קײנמאָל גאָרנישט, שטענדיק פֿאַנאַטיש, פּונקט װי איך אין מײַן אַמאָליקער עפּאָכע, נאָר מיט אַ װילן און אַ כאַראַקטער, װעלכע מיר האָבן זײ עס געפֿעלט, נאָר

אַזוי שטאָל און אײַזן, וואָס איך בין דאָס קיינמאָל נישט געווען, און מיט אַ האַרץ פון אַ לייב, וואָס איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געהאַט. צי ער פאַרלאַנגט זי שטאַרק, ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר, אַז ווען ער וואָלט נאָר אויסגעצויגן זיין האַנט מיט די נעגל פון אַן אָדלער, — וואָלט ער זי מיר גלייך צוגענומען. אַז זי באַגערט אים, דאָס שלאָגט פשוט פון איר אַרויס, זי האָט נאָך קיינמאָל אַזוי נישט באַגערט — קיינמאָל, קיינמאָל

אָ, גיהנום! אָ, גיהנום שבגיהנום!

מיך האָט זי קיינמאָל אַזוי נישט באַגערט!..

מיין אייפערזוכט איז איצט אַ דאָפּלטע: איך בין אייפערזיכטיק, וואָס זי ליבט אים, און נישט מיך, און בין אייפערזיכטיק, וואָס מיך האָט זי קיינמאָל אַזוי נישט ליב געהאַט, ווי זי ליבט אים אַצינד. מיין אייפערזוכט איז אַזאַ עמפּינדלעכע, ווי דאָס בלאַט פון אַ מימאָזע, אַזאַ טיפע, ווי דער ים און אַזאַ ברייטע, ווי די וועלט... אַהאַ! און אַזאַ ברענענדיקע, ווי העראקלעסעס העמד, וואָס ער האָט פון זיך נישט געקענט אַראָפּרייסן, און אים ביזן ביין דורכגעברענט. נאַכט בײַ נאַכט זיץ איך אַט אַזוי שוין דריי חדשים אין מיין קאַבינעט ביז כמעט אינדערפרי, ביז איך פאַל נישט אַריין אין עפּעס אַ שווערן שלאָף אויף מיין קאַנאַפּע. מאַרינע פרעגט זיך שוין נישט, פאַרוואָס איך לייג מיך נישט אין בעט אַריין, ווי זי פלעגט דאָס לכתחילה טון. אַזוי רעדן מיר שוין נישט צו זיך גאַנצע חדשים, אפילו דאָס מינדסטע וואָרט נישט. שוין גאַנצע חדשים, ווי זי גייט זיך אַריין, נאָך עלף דעם זייגער, אין אונדזער שלאָף-צימער, און איך — דאָ אַהער, אין מיין קאַבינעט, דערלעבן. זי טוט זיך אויס, לייגט זיך, פאַרלעשט דאָס ליכט, אָבער איך ווייס נישט, צי זי שלאָפט, צי זי שלאָפט נישט. מען הערט נישט פון איר קיין איין זיפץ, קיין איין שטאַרקערן אָטעם-צוג, קיין איין קרעכץ אָדער געוויין. גאָר נישט, גאַרנישט. זי, וואָס פלעגט לכתחילה אַזוי לייכט זיך אַ וואַרף טון אין מיינע אָרעמס אַריין זיך אויסצוּוויינען, זי, וואָס האָט געגעבן מיינע ליפּן אויסצוטרינקען די טרערן פון אירע אויגן,

אז׳ א ויב זי האָט אַמאָל געוויינט צוליב מיר, פלעגט זי זיך א וואַר; טון אויפן געלעגער און שלוכצן הויך אויפן קול — אַצינד שווייגט זי, ווי דער טויט. אז זי ליידט שרעקלעך, דאָס זע איך. איך האָב געוווסט. אַז אַלץ וואָס קומט פאָר אין איר, וועט זיין קעגן איר, אַז אַלץ, וואָס האָט זיך אין איר אָנגעזאַפּט, די גאַנ־צע טראַדיציע פון אינדזער צוזאַמענלעב, וועט זיך שטעלן אויף מיין זייט קעגן איר, נאָר איין זאַך האָב איך נישט געוווסט, אַז צוויי מענטש; זאָלן קענען אַזוי צווישן זיך לעבן, ווי מיר לעבן איצט, אָן אַ וואָרט אויסצורעדן און אָן באַוועגונג. אַזוי האָט גע־מוזט אויסזען צווישן פאָטער פון די מגפה־אומגעקומענע מיט זיין ווייב, ווען אַלע קינדער זענען אים געהאַט אויסגעשטאָרבן נאָך איידער זי אַליין איז אָפּגעשטאָרבן, אָבער בײַ זיי האָט דאָס אַזוי געדויערט נאָר איין טאָג, און בײַ אונדז האַלט דאָס שוין אַזוי דריי חדשים.

נישט זי האָט זיך מיט קיין איין טריט צו רישאַרדן דער־נעענטערט, און נישט איך בין מיט עפּעס קעגן אים אַרויסגעטרעטן. אַלץ גייט זיך מיט זיין גאַנג. דאַכט זיך, אַז מיר ביידע פילן דאָס, אַז איין וואָרט, עפּעס איין פאַקט, וואָלט געקענט דערפירן צו דעם, פאַר וועלכן מיר ביידע האָבן אַזוי שטאַרק מורא, וואָרים מיר קענען דאָס נישט אויסרעכענען, און נישט פאָרויסזען. מיר זעען אויס, ווי צוויי מענטשן, וועלכע מען האָט פאַרשפּאַרט אין עפּעס אַן אונטערגעמינירטן פלאַץ. זייער גאַנצער געדאַנק איז אָנגעשטרענגט בלויז אין דעם פּונקט, כדי נישט צו פאַרלאָזן ערגעץ קיין פייער. זיי ווייסן, אַז איין פונק וועט זיי אין דער לופטן אויפרייסן און צעפליקן אויף שטיקער. האָב איך זיך מיישב גע־ווען צו קעמפן מיט רישאַרדן מיט אַזאַ געווער, מיט וועלכן ער האָט מיך צעשלאָגן. איך האָב געוואָלט זיך צוריקגעפינען — איז דאָס אָבער געווען אַ פוסטער חלום. איצטער זיך צוריקצוגע־פינען, וואָלט איך ווייניקער געקענט, ווי ווען עס איז אַן אַנדערש מאָל. אַלץ איז אין מיר אָפּגעשטאָרבן. איך פיל מיך היינט, ווי אַ שטאָט נאָך אַ מגפה. ווען איך וואָלט מיך אפילו שוין יאָ גע־קענט צוריקגעפינען, ווען איך וואָלט געקענט פרווון קאָקעטירן

פשוט מאַריניען מיט מיין צמאָליקן איך, וואָלט איך דאָסדאָזיקע נישט געטון. עפּעס אַזאַ מין שרעקלעכע אָנמעכטיק־ייט איז אויף מיר צוגעפאַלן. עפּעס ווי אַ מלאך המות וואָלט זיך צוגערירט צו מיר. איך בין געוואָרן ענלעך צו עפּעס אַ מין פון גאָט פאַרשאָלטן טייכל, ווו אפילו דער ווינט קומט צומאָל נישט צו, און מיין גאַנץ לעבן איז אָט אַזאַ מין פאַרשאָלטן טייכל.

מיר שווייגן און אַזוי לעבן מיר. רישאַרד קומט צווי מאָל אין דער וואָך, אין אָוונט, וועבט זיינע פּלענער, רעכנט, רעדט, ציילט אין עפּעס אַן אָפּגרונט פון דער צוקונפט, עס פילט זיך, אַז אין אים איז נישטאָ קיין איין טראָפּן אייגן בלוט, קיין איין טיילעכל פון זיין קערפּער, קיין איין אָטאָם פון זיין נשמה, אַז דאָס אַלץ, וואָס געפינט זיך אין אים איז בלויז אַן אייגנטום פונם כלל, וועלכער נויטיקט זיך אין הילף — אין מאַריניע הערט דאָס און ווערט באַרוישט. אָ, פאַרוואָס האָב איך דאָס קיינמאָל אַזוי צו איר נישט גערעדט? ניין, בעסער געזאָגט, פאַרוואָס וואָלט זי מיך מיט דריי יאָר צוריק נישט געוואָלט דאָסדאָזיקע געהערט, נישט געווען דאָסדאָזיקע פאַרשטאַנען? וואָס איז מיט איר עפּעס געשען? וואָס פאַר אַ בייזער שד האָט עס זי געמאַכט פון אַ פרוי אַ קינד צו אַ פרוי אַ מענטש? וואָס פאַר אַ בייזער פאַרשאָלטענער שד? און דאָך — ס'טייטש איך האָב דאָך קיינמאָל עפּעס אַנדערש נישט פאַרלאַנגט, ווי נאָר דידאָזיקע ענדערונג, וועלכע איך זע איצט. מיין חלום איז מקוים געוואָרן! מאַריניע איז געוואָרן אַ פרוי — אַ מענטש. און איך פאַרשעלט דאָס גאָר? אָ, איראָניע, איראָניע פון לעבן, הרגע מיך, אָבער פייניק שוין מער נישט אַזוי שרעקלעך!

און קוקנדיק אויף אים, קען איך גאָרנישט דערקענען. צי ער ווייסט, וואָס אין אונדז און צווישן אונדז קומט פאָר — קען איך נישט געוווּיר ווערן, ווען ער וואָלט כאָטש אַמאָל פריילעך געווען, אין עפּעס אַן אַנדער געמיט — איז ער אָבער שטענדיק געווען איינער און דערזעלבער: אַ קאַלטער נביא פון דער צוקונפט אַ העלד און אַ פאַנאַטיקער, פאַר וועלכן אַ חוץ דעם געדאַנק, אַ חוץ דער אידעע עקזיסטירט נישט פאַר אים — גאָר־

נישט. װען מען רעדט װעגן װאָס עפּעס אַנדערש, שמייכלט ער נישט שפּאָטיש, װי אַ נאַר װעגן אַ העכערן געדאַנק, נאָר שװייגט. עס גייט אים גאָרנישט אָן, פאַר אים קאָנצענטרירט זיך דאָס לעבן אין איינס: אין זײַן אידעע.

פאַר מיר װאָלט אַזעלכער װי ער שוין געװען צופיל טויט, צופיל קאַלט, נאָר איך מיין, אַז דאָ אייגנטלעך האָט שוין צו טון דאָס געזעץ פונם קאָנטראַסט. איך בין שטענדיק געװען אַ מענטש, װעלכער האָב אַלע תקופות פון דער נשמה און קערפּער געהאַלטן אָפן פאַרן לעבן און דערשײַנונגען. אַלע מײַנע חושים זענען שאַרפע, װי בײַ די װילדע חיות. איך װאָלט געקענט — איך װאָלט געקענט, װײַל אייגנטלעך עקזיסטיר איך איצטער נישט, — איך װאָלט געקענט זײַן אומגעהײַער פריילעך און אומגעהײַער אומעטיק; מײַן עמפּפינדלעכקייט איז, װי בײַ אַ געװוקס — אַן אַטמאָספערישטױשבאַרע, און דאָס איבערגעמען זיך מיט אײַנדרוקן — אַ פולשטענדיק קינדערישע. איך בין געװען אימשטאַנד פון אַ ריין עקאָנאָמישער פראַגע אַריבערצושפּרינגען אין איין רגע גאָר צו דער פראַגע פון קושן אין דער האַנט. עס דאַכט זיך מיר אפילו, אַז איך האָב געקענט גלײַכצײַטיק טראַכטן אי װעגן דעם און אי װעגן יענעם. אַזוי איז דאָס, איך בין קיינמאָל נישט געװען קיין אַרטיסט אין מײַן באַרוף אַלס טרוימער; שטענדיק בין איך בלויז געװען אַ דילעטאַנט.

אַ גרויסער פּליוס לטובת רישאַרדן איז מיט זיכערהייט דאָס געזעץ פונם קאָנטראַסט. מאַריניע קוקט אויף מיר און טראַכט: קינד; קוקט זי אָבער אויף רישאַרדן, טראַכט זי: מענטש. כאָטש, מעגלעך, װען עפּעס אַן אַנדערער װאָלט אויף אונדז געקוקט, װאָלט ער אויך אויף מיר געזאָגט: מענטש, אָבער אויף רישאַרדן װאָלט ער געזאָגט: גײַסט.

װי עס זאָל נישט זײַן, װאָלט ער אים אַלץ געשטעלט העכער.

דאָס הייסט, אַן אַ אידעע איז שטענדיק העכער, װי דאָס לעבן, הגם מען װאָלט אין דעמדאָזיקן לעבן אַרײַנגעלייגט אַלץ, װאָס איז נאָר פאַראַן דאָס בעסטע. דאָס הייסט, אַז װער ע...

דערנענטערט זיך צו קריסטוס, ווערט ער שטענדיק זיין הענגער, ווי דער, וואָס איז ענלעך צו אַ פעליקאַן; און צי האָב איך דען גע- דאַרפט האָבן אַזש אַזעלכע יסורים, כדי דאָסדאָזיקע צו דער- גרייכן? יאָ, יאָ, אַלץ, וואָס עס איז נאָר דאָ אויף דער וועלט, איז אַן אומפאַרמיקע פליסיקע מאַסע גיפס: אונדזער האַנט גיט איר ערשט צו אַ געשטאַלט. דאָס וויסן אַליין, איז נאָך גאָרנישט — מען דאַרף אויך קומען אין באַרירונג. אַלטע אמתן זענען פון שטענדיק נייע ערפינדונגען. יעדער איינציקער ווייסט, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר. איך ווייס, אַז מען דאַרף זיך נישט צורירן צו אַן אַנגעגליט שטיק מעטאַל, איך ווייס דאָס פון דער דערפאַרונ פון אַנדערע; אָבער ווי אַזוי דאָס אָפּבריען זיך טוט וויי, דאָסדאָ- זיקע וועט מיר שוין קיינער נישט דערקלערן, כל זמן איך וועל מיך נישט אָפּבריען. איך ווייס, אַז מען טאָר נישט גנבענען, אָבער ווען איך וואָלט געגנבעט, וואָלט איך ערשט געוווסט, וואָס עס הייסט בושה פון אַ גנב. ווען איך וואָלט געווען געלעבט אין אַנהייב יאָרהונדערט, וואָלט איך אפשר, אונטערן איינפלוס פון ווערטהערן, זיך אין קאָפּ אַריין געווען געשאָסן צוליב זיין טעאָר- יע, אָבער ערשט איצט ווייס איך, וואָס אַזוינס עס הייסט ליידן פון ליבע. אַלץ איז שוין געווען, אָבער אַלץ אויף ס'ניי איז ניי.

און אַלץ דרייט זיך אַרום דעמדאָזיקן פונקט, — ווייל אָט ווייזן זיך מיר איצט די אַמאָליקע יסורים גאָר אויס אַ גן-עדן, און אפשר אַמאָל קען נאָך קומען אַזאַ צייט, אַז די הייַנטיקע יסורים וועלן נאָך בײַ מיר — אַ גן-עדן אויסזען.

*

* *

איצטער איז נאַכט. איינע פון די נעכט, וועלכע קומען שוין צייט גאַנצע חדשים, נעכט, וואָס ענדיקן זיך גאָרנישט. די לבנה שיינט, עס איז רויק און שטיל. אָט טאַקע איצט וואָלטן מיר דאָך געקענט זיין ערגעץ מיט מאַריניען, אין עפּעס אַ וואַלד לעבן אַ טייך, אַזאַ רויקן און שטילן, ווי די דאָזיקע נאַכט. די לבנה וואָלט אויף אונדז געשיינט. און סאַרנעס וואָלטן מיר געזען.

„אומבאַוועגלעכע, אָן מינדסטן ריר,
האָבן זיי די קעפּ פאַרלייגט אויף זיך אין שטילקייט
אָן אַ שיעור —
און כ'האָב געזאָגט: זיי האָבן זיך פאַרליבט אין דיר...״

אַמאָל איז אַזוי טאַקע געווען. מאַריניע האָט זיך דאַמאָלס געטוליעט צו מיר און גערעדט מיט איר ר', וועלכע זי רעדט נישט אַזוי שיין אַרויס; מיין טייערער, מיין טייערער... זי האָט מיך באמת זייער ליב געהאַט, זייער, זייער. ניין, דאָס איז אוממעגלעך! רישאַרדן וועט זי קיינמאָל אַזוי נישט ליבן, זי ליבט אים היינט נישט אַזוי, זי קען אים נישט אַזוי ליבן. איך בין דאָך געווען איר ערשטע ליבע. צו מיר האָט דאָס ערשטע מאָל קיין אַנ־

בעהויבן איר הארץ, בא מיר איז דאס ערשטע מאל רעאליזירט געוואָרן איר חלום, בא מיר האָט דאָס ערשטע מאָל איר בלוט זיך צעקאָכט. זי האָט זיך אַזוי געליבט, אַז זי קען שוין מער קיי- נעם אַזוי נישט ליבן.

אויך מיר אַ גרויסע טרייסט. ווען עמעצער פאַרלירט זיין פאַרמעגן און שטאַרבט פון הונגער, וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, קומט אים דערפון אַרויס, וואָס ער איז אַמאָל זאַט געווען?

וואָס קומט אים פון דעם אַרויס?

איך בין נייגעריק צו וויסן, צי זי שלאָפט? ווי שטיל עס איז בײַ איר אין צימער, — ווי זי וואָלט געווען געשטאָרבן...

אַ גאָט, וואָס פאַר אַ שרעקלעך וואָרט איך האָב דאָס אַרויסגעזאָגט! צי קען דען מאַריניע שטאַרבן? זי איז דאָך גאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון תּענוג, די איינגעבוירענע שיינקייט און צאַרטקייט. זי איז דאָך באַשאַפן געוואָרן בלויז, כּדי צו זיין געליבט און צו ליבן...

ווי שטיל עס איז בײַ איר אין צימער... ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז זי שלאָפט. איך וואָלט זי אַזוי געוואָלט זען! מיר דאַכט זיך, אַז שוין גאַנצע יאָר־הונדערטער האָב איך זי נישט געזען. ווי שפּעט קען איצט זיין? — האַלב צוויי. נו, איך האָב זי דאָך געזען ערשט מיט צוויי שעה צוריק. איך וואָלט זי אַזוי געוואָלט זען... געוויס שלאָפט זי אַצינד אויף דער רעכטער זייט, מיטן פּנים צו דער שטוב און ביידע הענטלעך האַלט זי בײַם פּנים, כּמעט שטענדיק שלאָפט זי אַזוי. טיילמאָל שלאָפט זי גאָר ליגנדיק אויף דער פּלייצע, קיינמאָל נישט מיטן פּנים צו דער וואַנט. איך קען דאָך איר יעדער פּאָזיציע, שוין דריי יאָר בין איך איר מאַן.

גאָט! גאָט! צו וואָס עס איז אַלץ שוין דערגאַנגען, אַז איך זאָל מיין אייגן ווייב וועלן זען און זיך דאַרפן פאַרטראַכטן, צי מעג איך אַריינגיין. ניין, דאָס איז נישט איבערצוטראָגן! דאָס איז שרעקלעך און — לעכערלעך! און איבעריקנס, וואָס אַזעלכעס האָב איך צו איר? אַ חוץ דעם, וואָס מ'דאַכט זיך אַלץ, אַ חוץ מיינע חשדים, פאַרגעפילן און פאַנטאַזיעס. איז דאָך דערווייל גאָרנישט. צי האָב איך דען זי געכאַפּט זיך קושנדיק מיט רישאַרדן אין פאָדער־צימער, אָדער זיי גאָר ערגעץ געטראָפן אויפן שפּאַציר? צי האָב איך דען וועלכע באַווייזן? צי ווייס איך דען עפּעס, צי ווייס איך דען עפּעס, אום גאָטעס ווילן?! ניין! איך טראַכט נאָר בלויז, מ'דאַכט זיך אַלץ, איך מיין עפּעס, — אָבער וויסן ווייס איך גאָרנישט, גאָרנישט, אַלץ קען זיך מיר בלויז נאָר אויסווייזן!

אַך, זי שלאָפט האַרט, — מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב זי שוין נישט געזען גאַנצע יאָרן מיט יאָרן... איר ווייכער, שלאַנקער קערפּער צייכנט זיך אונטער דער קאָלדרע, איר פּנים לעבן ראָזן נאַכט־לעמפּל זעט מיר אויס, ווי אַ בלאַט פון אַ רויז, די האָר זענען זיך צעשוועמט איבערן קישן, מיינע וווּנדערבאַרע, טייערע, גאָלדענע האָר, מיינע הערעלעך!... „דאָס אַלץ איז דיין, דאָס אַלץ איז דיין"... הער איך, ווי זי זאָגט דאָס, ווי זי מורמלט דאָס אונטער דער נאָז, קוים ווי דאָס הערט זיך, אַ באַרוישטע, אַ האַלב־באַוווּסטלאָזע פון ליבע. איך נעם זי אַרום, איך הייב זי אויף פון קישן, קוש זי אין די ליפּן... זי פאַרוואַרפט דאָס קעפּל אַהינטער, ליגט עס הינטערווייַלעכס אויפן קישן, באַוועגט מיט די ליפּן... עס איז דאָך עפּעס מיין ווייב, מיין ווייב! און איך גיי נישט אַריין צו איר אין צימער? גאָט, גאָט! צי אַ חוץ דער טראַגישער איראָניע, האָסטו שוין איבגאַנצן פון מיר דיין השגחה אָפּגעטון?!

איך וועל אַריינגיין... שאַ — זי מיז שלאָפן... ס'איז פינסטער... דאָס לעמפּל אפילו איז פאַרלאָשן... ווען איך וואָלט אַזוי אַריינגעגאַנגען, ווען איך וואָלט אַ ליכט אָנגעצונדן, ווען זי וואָלט מיך דערזען, וואָלט זי געוויס אַ שמייכל געטון, וואָלט צו מיר די הענטלך אויסגעצויגן... אירע ווייסע הענטלעך, מיט די

ברייטע אָרבל, אַזוי, אַז איך זע זיי אײַנגאַנצן. וויפיל מאָל האָבן זיי עס געבלאָנדזשעט איבער מיין האַלדז... איבער מיין קערפּער... — איך וועל אַרייַנגיין... ווי פינסטער עס איז דאָרט בײַ איר! ... וואַרט, אַ רגע, איך וועל אָנצינדן אַ שוועבעלע. — זי וועט זיך אויפכאַפּן, איך בין זיכער, אַז זי וועט צו מיר אַ שמייכל טון און די הענטלעך צו מיר אויסציִען. — איך בין שוין נישט געווען בײַ איר אַן ערך זעקס וואָכן, מער, אַריבער צוויי חדשים. קיין איין מאָל האָט זי וועגן דעם נישט גערעדט... זי איז אַ שטאָלצע... בלויז אַ חלום איז דאָס אַלץ געווען, בלויז אַ שרעקלעכער חלום... אַלץ קען נאָך גוט זיין... אמת, מאַריִע... אַלץ קען נאָך גוט זיין... — אָנצינדן דאָס ליכט, צי דעם לאָמפּ? איך וועל אָנצינדן דאָס ליכט, איך האָב עס בײַ דער האַנט, בענטער... שלאָף... וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע... ווי שיין זי איז, ווי ווונדערלעך... די הענט האַלט זי פאַרוואָרפן אויף דער קאָלדרע... זי שמייכלט אין שלאָף... יעזוּ! יעזוּ! צי איז דאָס מיין ווייב, צי איז דאָס גאָר דיין מלאך פונם הימל דעם לויטערן... זי שמייכלט אין שלאָף... איך וועל אַ רוף טון... מאַריִע, מיין ווייב!...

אַ קריסטוס!...

*

* *

איך כאַפּ מיך אויף... ווי פון שלאָף... צי בין איך ווי־
קלעך געשלאָפן? עפּעס איז מיט מיר ערגעץ וואָס געשען...
אָבער ווו און ווען... און וואָס? וואָס אָבער איז מיט מיר גע־
שען?... עס איז געווען באַכט, — אויך איצט איז נאַכט, — אָבער
צי איז דאָס די זעלבע?...
איך בין ביי זיך אין צימער, אָבער אין בעט, וועלכעס איז
דאָ נישט געווען. — מען האָט דאָס מיר געמיזט אהער אַריינ־
טראָגן... לעבן מיר שטייען עפּעס פלעשלעך — רפואות — צי
בין איך דען קראַנק געווען? וואָס איז דאָ געשען?! באַלד. —
אויף מיין וואַנט מוז געוויס זיין דער לוח, אין וועלכן די טעג
און די חדשים רוקן זיך אַזוי אויטאָמאַטיש. דער לאָמפּ ברענט,
וועל איך טאַקע באַלד זען... עס איז געווען דער זיבנצענטער
לויטי... אַך, ווי שווער איז מיר דעם קאָפּ אויפצוהייבן... וואָס
איז דאָס?! דער ביינצענטער? צוויי טעג בין איך געשלאָפן, צי
וואָס? איך האָב פּשוט געמוזט קראַנק זיין, — געמוזט אוודאי דאָס
באַוווסטזיין פאַרלירן... מאַריניע איז מסתמא אומגעגאַנגען לעבן
מיר... איך וועל אַ רוף טון... מאַר... ניין, ניין, זי איז געוויס

א מידע איינגעשלאָפן... זאָל זי שלאָפן... א שפאָס וועט זי זיך דאָס ערשט דערפרייען! מיין ליב! מיין איינציק! מיין וווּנדערלעך באַשעפעניש! נעבעך, ס'האָט געמוזט פארשטאַרט ווערן. אזא יונגס. דאָס האָט דאָך ערשט א גאַנצן דריי איז צוואַנציק יאָר. א קינד נאָך כמעט. עס האָט אוודאי געמוזט זיך שרעקלעך זאָרגן, וואָרים, איך האָב דאָך געמוזט שווער קראַנק זיין, אויב איך בין כמעט בײַם זינען נישט געווען און אויב מען האָט מיך אַזש דאָ צוהער איבערגעטראָגן. דאָ גייען די פענצטער אויפן הויף אַרויס, זיין טאַקע שטילער און דעריבער, מסתמא, האָט מען מיך דאָ אַהער איבערגעטראָגן, ווי אַזוי צובער בין איך דאָ קראַנק געוואָרן: איך בין געווען אין ביוראָ. אַ, יאָ, איך געדענק, איך האָב דאַמאָלס רעפערירט וואגאיאַוויצס קניה-אקט; דערנאָך בין איך אַוועקגעגאַנגען... אָך! איך ווייס שוין, איך ווייס שוין!... איך ווייס שוין!... אין מאַריניעס צימער בין איך אַריינגעגאַנגען, — איך האָב געמיינט, אַז זי וועט זיך אויפכאַפּן און צו מיר אַ שמייכל טון. זי האָט געשמייכלט אין שלאָף. איך האָב הויך אַ רוף געטאָן: „מאַריניע, מיין ווייב!" זי האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אויפגעכאַפּט, געעפנט די אויגן, און עפּעס אַזאַ פאַרוואָרף האָט זיך געצייכנט אין די דאָזיקע אויגן, פאַר וואָס איך האָב זי צעוועקט, עפּעס אַזאַ ווידערווילן צו מיר, אַזאַ מין עקל, — אַז אַלץ איז מיר פּלוצלינג פינסטער געוואָרן, און איך האָב דערפילט, אַז איך פאַל אַנידער. איך בין מסתמא אַוועקגעפאַלן און נישט געקומען צו זיך אַזש ביז אַצינד.

און איר, דערווייל, האָט זיך געמוזט חלומען וועגן אים, וועגן רישאַרדן. עס האָט זיך איר אוודאי געמוזט חלומען, אַז זי טוליעט זיך צו אים, אַז זי נעמט זיך אים אַרום מיט די הענט, אַז זי קושט אים, אַז זי גיט זיך אים אינגאַנצן איבער. און איך גאָר האָב זי דווקא אין אַזאַ מאָמענט, אינם מאָמענט פון גרעסטן תענוג, געמוזט איבערוועקן... אויכגעלאַסענע! פוי!

און דורך דערדאָזיקער צייט, דורך דערדאָזיקער צייט טאָקע, וואָס האָט דאָ אַלץ געקענט געשען?! עפּעס וואָס האָט דאָך דאָ געמוזט געשען! צוויי טעג, צוויי טעג!... יאָ, יאָ, עס האָט

אנדערש נישט געקענט זיין, מאַריניע האָט זיך אים געמוזט איבער־געבן. אַ גיהנום?

אָבער מער וועט דאָסדאָזיקע שוין נישט פּאַרקומען, — ער וועט אומקומען!

ער וועט אומקומען!...

אַ פייער ברענט מיר אין קאָפּ. אַלע אָדערן אין קאָפּ, אין האַרץ, אין די אָרעמס, אין די פיס. אַלע אָדערן האָב איך פול מיט פייער. ווי שווער עס איז מיר זיך אויפצוהייבן!... מיר דאַכט זיך, אַז איך בין נאָך קראַנק... דאָרט אין שופלאָד פון מיין טישל, איז דאָ אַ רעוואָלווער. אירי און זיך... זיך, אָבער אויך איר. דו וועסט אירי שוין נישט האָבן! און דו וועסט זיך אים שוין נישט איבערגעבן... זונה!... וואָס האָט דאָ אַלץ געמוזט פּאַרקומען דורך דערדאָזיקער צייט, וואָס דאָ האָט אַלץ געמוזט פּאַרקומען!... גאָט! ווי שרעקלעך אומגליקלעך איך בין דאָס!... יאָ, נאָך מיט די נאַסע אויגן פון טרערן וועל איך גיין און וועל זי דערשיסן. אין אפשר איז ער גראָד דאָרט דאָ? איז אויך טאַקע אים! יאָ, יאָ, אים אויך. ער מוז אויך אומקו־מען. אויב ער וועט נישט זיין, וועל איך גיין צו אים, און דאָרט וועל איך אים דערהרגענען. און דערנאָך זיך, און דערנאָך זיך...

„נאָר פון דידאָזיקע מתים הייס מיך ווייט באַגראָבן"...

איך האָב אַ רעוואָלווער, איך גיי... ווי די פיס וואַקלען זיך מיר, וואָס פאַר אַ מיש־מאַש עס איז אין מיין קאָפּ!... קווים, וואָס איך האַלט מיך... זונה!... זי שלאָפט? יאָ, אַליין, — איך האַלט דאָך געהערט אָטעמען. ער איז נישטאָ. איך גיי...

און אויב זי וועט אויף מיר אַ קוק טון? אויב זי וועט אַ קוק טון? אויב זי וועט אזוי אויף מיר אַ קיק טון? גאָט! וועט טויזנט אָפּגרונטן וואָלטן מיך איינשלינגען, וועלן נאָך אָט דידאָזיקע אויגן נאָכגיין נאָך מיר! דידאָזיקע אויגן, דידאָזיקע אויגן!... בלויע אויגן, העלע אויגן, קערט אייך אָפּ פון מיר!... גרויזאַמ־קייט! יעזוס קריסטוס! הייליקע מלאכים, ראַטעוועט מיך! אַרום מיר איז גאַרנישטאָ, גאַרנישט, נאָר בלויז אויגן, אירע אויגן!... פּאַריאַג דידאָזיקע אויגן! פּאַרטרייב זיי דידאָזיקע בלויע אויגן...

חו אַנטלויפן, ווו זיך באַהאַלטן?! אַ פאַרפלייצונג פון אויגן, אַ ים פון אויגן... זיי יאָגן זיך נאָך מיר, פאַרפאָלגן מיך, וואַרפן זיך אויף מיר, זיי יאָגן מיך נאָך, ווי די משוגענע שטערן... צי איז דער הימל מיט די שטערן משוגע געוואָרן?! איך שטיק מיך, איך ווערג מיך...

ווי אַ רעגן פון טויטע בלומען לויפן זיי אויף מיר דידאָזי־קע אויגן... איך וועל נישט אויסהאַלטן, איך וועל עס גאָרנישט אויסהאַלטן! איך פיל, אַז איך פאַל אים, אַז איך ווער צעטרעטן, מ'וועט מיך צעקוועטשן... די דאָזיקע אויגן האָבן אַ קול, זיי שרייען... זיי רוישן, טומלען, קװילן זיך... עפּעס גאָר אויסטערלישס! זיי ווערן גאָר, ווי עפּעס אָפּגעריסן פון דער וועלט, עפּעס דער־ווידער דעם גאַנצן דאָזיין... דאָס איז עפּעס אַ מין כאָאָס, אַ תוהו ובוהו, אַזאַ מין אויגן־פאַרבלענדונג... דאָס זעען גאָרנישט קיין אויגן, דאָס איז דער טויט!... דאָס איז מיין טויט... איך שטאַרב...

און דאָס זעען בלויז אירע פּאָר אויגן, אירע פּאָר בלויע אויגן, אויף וועלכע איך וואָלט אַן אייביקע נאַכט אַרויפוואַרפן געוואָלט, — פאַרשאַלטענער...

* * *

צען אַ זייגער אינדערפרי. מאַריניע שאַפט מיט דער דינסט, וואָס רעדט זי? — וועסט קויפן צוויי פינט פלייש, קאַרטאָפל... ווי לאַנג איך האָב שוין איר קול נישט געהערט... צוויי טעג... וועסט קויפן באַפט... באַר אייל דיך, מיין טייערע (מיט דער וווּנדערלעך נישט אַרויסגערעדטער ר'). און קאַנוואַליעס ברענג, אַ גרויסן בוקעט, ווײלן מיר אַוועקשטעלן לעבן הער, ווי תמיד... אמת! לעבן מיר שטייען קאַנוואַליעס... איך דערמאַן זיך, אַז איך ליב... מאַריניע, אָ, מאַריניע, קוק, איך וויין... וואָס זאָגט זי? וואָס?! גיי אַריין צום הער האַלביצקי און זאָג אים, אַז דער הער איז באַכנישט צו זיך געקומען...

ער איז באַכנישט צו זיך געקומען — קענסטו טאַקע באַשטימט קומען, אָדער באַשטימט וואַרטן בא זיך, צי אין האָטעל. אָ, חצופה! און איך טאַקע וועל באַך אַלץ צו זיך נישט קומען. איך וועל אַזוי כסדר בלייבן נישט באַם זינען, כסדר. איך מוז זיי כאַפן. איך וועל זיך מאַכן, אַז איך שלאָף. איך וועל זיי כאַפן. ער וועט אוודאי קומען. זי איז אַריין באַך עפּעס צו זיך אין צימער, זי קומט, רופט די דינסט... זי זאָגט, — גיב אָפּ דעם הער רישאַרדן דאָס ביכל און בעט וועגן צווייטן באַנד... זי רופט אים רישאַרד

בײַם נאָמען, פֿאַר דער דינסט... זי זאָגט: — אָדער זאָג, אַז אויב ער וועט הײַנט באַכמיטאָג קומען, וועל איך אים צאַלײן אָפּגעבן, ווײַל איך וויל אים וועגן עפּעס פֿרעגן, נאָר דעם צווייטן באַגנד פֿרעגנ מיר, גיי שוין, מײַן טײַערע, — מיטן פֿאַרשאָלטענעם אירן ריש] — וואָרים, עס איז שפּעט: צען אַזייגער.

הייסט דאָס, אַז ער וועט קומען. וואַרטס!... דאָ גייט ער. לאָמיר שטאַרבן!...

* * *

איך וואַרט, — אָ, ווי איך פייניק דאָס מיך !... מאַריניע גיט כסדר צו מיר אַ קוק, לייגט מיר קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן קאָפּ, די אויגן עפענען זיך מיר מיט געוואַלט אַליין אויף, קוים וואָס איך קען זיי האַלטן פאַרמאַכט. צייטנווייז, כאַפּט מיך אָן אַזאַ חשק צוצודריקן דאָס מויל צו איר האַנט, אָדער גאָר זי אַ כאַפּ טון בײַ דער טאַליע און אַרויפוואַרפן זי זיך אויפן האַרץ, אַז איך קען זיך קוים באַהערשן. וואָס וועט דאָ טאַקע זיין?... איך האָב מורא, אַז איך וועל מיך באַרבישט דערוויסן, אַז עס וועט טאַקע באַרבישט געשען. איך וואָלט שוין געוואָלט עפּעס האָבן אין די הענט, איך וואָלט שוין ליבערשט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך אָנהייבן צו־ווישן, און טאַקע דאָ בײַ מיין בעט, איידער עס זאָל אַזוי ווייטער דאַרפן אָנהאַלטן.

דאָס גלעקל !... ווער קען דאָס זיין?... רישאַרד?!...

*

* *

בלויז אויף אַ רגע איז ער אַריין. ער איז געקומען געוואָר ערן, וואָס איך מאַך? ער איז אַרויס פון שטוב נאָך איידער אונדזער דינסט איז צו אים געקומען. ווי שרעקלעך אומעטיק זיי זענען! איך האָב אַ בליק געטון דורך אַ שפּאַרע פון אַן אויגן-לעדל. מאַריביע איז בלאַס, ווי לייוונט. באַם באַגריסן האָבן זיי זיך דערלאַנגט די הענט, באַם געזעגענען זיך האָט ער איר אַ קוש געטון אין דער האַנט. קיין מינוט איז ער אפילו נישט געווען... איך ווייס דערוויַיל גאָרנישט... ער דאַרף קומען נאָכמיטאָג און ברענגען דאָס ביכל. איך האָב בלויז אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז זיי זענען ביידע אומגעהייער טרויעריק... ער — אויך. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערהערט עפּעס אַן ענדערונג אין זיין קול. ער רעדט שטילער, ווי געווייגטלעך. מאַריביע רעדט דורך טרערן, איבּ זי ווייסט, אַז איך ווייס, אויב זי ליבט טאַקע אים, און מיך, אַ באַוווּסטלאָזן דורך אירס איין בליק, האָט זי נאָך אַלין לעבן זיך, האָט פאַר אַ מאַן, איז זי אויך אינם אָפּגרונט... אָרימע. אָבער צווישן זיי איז דאָך גאָרנישט דורך די צוויי טעג פאָרגעקומען... דאָס בין איך זיכער... איבעריקנס, נאָך מיטאָג וועט דאָך רישאַרד קומען, וועל איך אונטערהערן זייער געשפּרעך. יאָ, יאָ, איך וועל

טון די געמיינהייט און וועל אונטערהערן זייער געשפּרעך. זיי וועלן זיצן, — אָדער לעבן מיר, ווייל מאַריניע טוישט מיר די קאָמפּרעסן פון אייז, אָדער אין מיין קאַבינעט, כדי צו זיין נאָנט פון מיר. די טיר וועט מוזן זיין אָפן, כדי זי זאָל נישט סקריפּען. קיינער וועט זיי נישט שטערן, איך ווייס, אַז דער דאָקטאָר דאַרף ערשט קומען אין אָוונט. דאַמאָלס וועל איך שוין די אויגן עפענען, אָדער איך וועל זיי אויף שטענדיק שוין האַלטן פאַרמאַכט... און אַזוי וואָלט עס טאַקע געווען צום בעסטן! אויף וואָס האָב איך דען צו האָפן אין לעבן, וואָס האָב איך דען נאָך אין דעם?

*

* *

ער איז דאָ! ער איז דאָ! זיי זעצן זיך אַריין אין מיין קאַבינעט. איך וועל טאַקע הערן יעדעס וואָרט. ער האָט איר אַ קוש געטון אין דער האַנט...

— וואָס מאַכט ער איצט?

— דאַכט זיך, אַז די היץ האָט זיך פאַרקלענערט. דידאָזיקע צוויי טעג זענען געווען שרעקלעכע.

— וואָס איז אים אייגנטלעך געשען? איר אַליין זענט דאָך איך געווען, ווי נישט באַם פולן זינען...

— וואָס אים איז געווען? אַ זאַך, וואָס קען פשוט דעם טויט מאַכן...

— הייסט עס, ווייסט ער?

— אַך! איך קען דאָס שוין מער אין זיך נישט דערשטיקן! איך ליב אים נישט!... — זי וויינט... ווייען! ווייען! איך ווייען נישט, אין מיר קלאָגט עפעס אין האַרץ; איך ווייען נישט, אין מיר עפנט זיך אַ קבר: איך ווייען נישט, נאָר קוק, איך האָב שוין נישט קיין האַרץ, — עס איז בלויז אַ חורבה, די ווערים האָבן עס שוין אויפגעפרעסן... ווייען! ווייען! ווייען מאַריגיע! איך ווייען נישט, פון אַלע מיינע טרערן איז געוואָרן בלוט, און מיין

גאַנץ בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן... איך וויינישט...

זי וויל נאָך ווייטער רעדן.... איך ליב אים נישט און האָב אים קיינמאָל נישט געליבט, קיינמאָל, קיינמאָל! איך האָב זיך גענאַרט, אַז איך ליב אים, און אויך ער האָט זיך מיט דעם גענאַרט, מיר האָבן זיך ביידע אין מיין ליבע גענאַרט. און איצט זע איך, אַז איך האָב אים קיינמאָל נישט געליבט.

* * *

עמעצער האַלט מיך באַ דער האַנט, — איך וועל טאַקע אַ בליק טון... דער דאָקטאָר שאַוועלסקי...

— אַ! ער האָט געעפנט די אויגן! איר זעט מיך, הער? — זאָגט ער. — ווער בין איך?

— דער דאָקטאָר שאַוועלסקי — מורמל איך, וואָרן איך קען נישט רעדן.

— ווי רופט מען מיך באַם נאָמען?

— באָלעסלאַוו.

— ווי אַלט בין איך.

— אַן ערך באַ אַ יאָר זעכציק.

— איך בין גרוי, בלאָנד, ברונעט?

— גרוי.

— ווי פילט איר זיך, הער?

— גוט, צי בין איך דען קראַנק געווען?

— הם, לאַנג און אייניקע מאָל, אַלץ אויף דער זעלבער קרענק.

— פאַר דעם בין איך אויך קראַנק געווען?

— יאָ, נאָר בלויז צוויי טעג.

— צי בין איך לחלוטין באַם זיבען נישט געווען אין משך פון דערדאָזיקער צייט?

— אדרבה, אייגנטלעך זענט איר יאָ געווען, נאָר עפּעס נישט אינגאַנצן. נאָר געבויג, רעדט נישט מער, הער. רו, רו און רו!

— אָבער נאָך עפּעס. ווו איז מאַריניע?

— דעם הערס ווייב? הם, — זי איז נישטאָ...

— זי איז אַרויסגעגאַנגען?

— יאָ. רויק, הער לודוויק, רויק...

איך גיב זיך אַ ריס פון אָרט, אַלץ ווערט מיר קלאָר, איך זאָגט מיר, הער? ווו איז מאַריניע?! זי איז נישט

— איך פאַרזיכער דעם הער, אַז זי איז דאָ! זי איז אויף אַ מינוט אַרויס־עגאַנגען, דו ווילסט זי, הער, זעען? זי וועט באַלד צוריקקומען. און — אויך זי דאַרף זייער נייטיק האָבן רו, זייער. זי איז אומגעהייער מיד. איך האָב פאַר איר מער מורא, ווי פאַר אייך. מ'דאַרף, אַז אַלץ זאָל צוגיין זייער רויק, זייער רויק. שרעקט זי נישט איבער, הער, פאַרשאַפט איר נישט קיין עגמת נפש, באַאומרויקט זי נישט, דער הער פאַרשטייט? מען דאַרף מיט איר אומגיין, ווי מיט אַן איי. אין פאַרלויף פון דריי וואָכן איז זי כמעט נישט געשלאָפן

— זי האָט מיך אָפּגעהיטן?

— יאָ, יאָ, ווי אַ ווייב, ווי אַ מאַמע און ווי אַ שוועסטער. נישט קיין פרוי האָסטו, הער, — אַ מלאך.

איך פאַל אָן כוחות.

— נו, אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג. מאָרגן וועל איך קומען. איר גיט מיר, הער, דאָס וואָרט, אַז איר וועט זיין רויק, פולשטענדיק רויק?

— איך גיב.

— גיט מיר די האַנט. גוט. קיין שום וואָרט, קיין שום באַ־וועגונג.

— גוט.

— נישט טראַכטן, נישט רעדן, אויפהערן צו זיין אַ מענטש, נאָר אַ שטיק האָלץ בלויז. אַ גוטן טאָג און — רויק.

צי הייסט ער עפּעס? צי האָט זי אים עפּעס גע־זאָגט? צי ער שטויסט זיך אַליין אָן? גוט, וואָס ער איז אַוועק־געגאַנגען. ווי קען זיין מאַריניע? איך וועל מיך אַ ביסל אונ־טערהייבן און וועל אַ קוק טון דורך דער טיר אין עס־צימער אַריין.

— וואָס איז דאָס?! אַלע מיינע האָר זענען גרוי!

איך האָב אַ קוק געטון אין שפּיגל. איך בין גרוי געוואָרן, ווי אַן אַלטער מאַן...

איך האָב אַוודאי געמוזט גרוי ווערן אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט אַ זאָג געטון: „איצט זע איך, אַז איך האָב אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט, קיינמאָל, קיינמאָל!"

האָב איך מיך, הייסט דאָס, גענאַרט. האָט זי מיך, הייסט דאָס, טאַקע נישט געליבט!... איז דען דאָס בלויז אַ חלום געווען! האָט זי זיך טאַקע אויך גענאַרט, אַז זי ליבט מיך!... איז דאָס אַלץ געווען אַ פּאַרפירונג? אַלץ אַ פּאַרפירונג?! אַ פּאַרפירונג?! פון אָנהייב ביזן סוף איז עס אַלץ נישט אמת געווען? אַלע אירע ווערטער זענען ליגנט געווען, אַלע אי־רע קושן — פאַלש, אַלע אירע אומאַרמונגען אַ ליגנט? הייסט דאָס, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל געזאָגט: איך ליב דיך — האָט זי זיך בלויז אָפּגענאַרט? ווען זי האָט זיך מיר דאָס ערשטע מאָל אָפּגעגעבן, האָט זי זיך בלויז טאַקע גענאַרט, אַז זי ווערט פאַרחלשט פון ליבע? און כסדר דערנאָך — האָט זי זיך בלויז, הייסט עס, גענאַרט, האָבן מיר זיך ביידע נאָר גענאַרט? איז דאָס טאַקע אַלץ נישט אמת געווען? קיינמאָל גאָרנישט, קיינמאָל איז קיין זאַך צווישן אונדז נישט אמת געווען? נאָר בלויז אַ פּאַרפירונג? אַ שאָטן בלויז? בלויז אַן

אילוזיע, אַ מאַסקע פּונם אמת? אַלץ? אַלץ?... האָט זיך איר טאַקע נאָר אויסגעוויזן, אַז זי ליבט מיך, און מיר האָט זיך עס איך אַזוי אויסגעוויזן? ווען זי האָט מיך, הייסט דאָס, אַריינגענומען אין אירע אָרעמס, איז דאָסדאָזיקע בלויז נאָר געווען אַ חלום וועגן ליבע? און אויב איך האָב מיך געפילט דורך איר באַזעסן, וואָס איך האָב גאָרנישט קיין ווערטער דעמדאָזיקן תענוג איבערצוגעבן, איז דאָסדאָזיקע נאָר געווען אַ טעות פון דער ליבע? האָבן מיר זיך, הייסט דאָס, ביידע מיט איר ליבן אָפּגענאַרט? האָב איך זי טאַקע קיינמאָל, טאַקע קיינמאָל נישט געזען אַזוי, ווי זי איז, אַן אמתע! און קיינמאָל טאַקע בין איך נישט געווען דורך איר געליבט?

פאַרוואָס־זשע מאַכט דאָס מיר נישט דעם טויט? פאַרוואָס־זשע קומט עס מיך נישט דערהרגענען? פאַרוואָס? דערהרגע מיך!

גאָט, גורל, נויטווענדיקייט, דערהרגע מיך!

צי איז דען דאָ נאָך עפּעס אַ גרעסערער אָפּגרונט, אין וועלכן מען זאָל מיך קענען אַראָפּוואַרפן? צי קען מען דען מיך נאָך טיפער פאַרזינקען? צי אונטער דעמדאָזיקן גיהנום איז דאָ נאָך אַן אַנדערער, אַ טיפערער? צי איז דען דאָ נאָך עפּעס, וואָס איך האָב נאָך אַדורכצומאַכן?

„... זאָרגט אייך נישט וועגן מאָרגנדיקן טאָג, וואָרן דער מאָרגנדיקער טאָג וועט שוין פאַר זיינע הצטרכותן אליין זאָרגן. גענוג דאגות האָט דער טאָג פאַר זיך”.

אמת, אָ קריסטוס הייליקער, דער מאָרגנדיקער טאָג וועט שוין פאַר זיינע הצטרכותן אַליין זאָרגן...

„בא מענטשן איז עס אוממעגלעך, בא גאָט אָבער איז אַלץ מעגלעך”...

אמת, אָ קריסטוס פון נצרת? אמת, דו פון נצרת?

רויק, רויק. —מען דאַרף מאַריביען נישט אָנטון קיין עגמת נפש, נישט זי איבערשרעקן. כמעט צוויי וואָכן איז זי נישט געשלאָפן זי האָט מיך אָפּגעהיטן, ווי אַ ווייב, ווי אַ מאַמע, ווי אַ שוועסטער, אַ מלאך האָב איך, אַ מלאך, — נישט

קיין פרוי... און פאַרוואָס שטאַרב איך נישט? פאַרוואָס מאַכט עס מיר נישט דעם טויט, פאַרוואָס טאַקע קומט עס נישט מיך דערהרגענען? כדי דער מאָרגנדיקער טאָג זאָל נאָך האָבן צו דאגהן פאַר זיינע הצטרכותן?

אָ, קריסטוס פון נצרת ...

זאָל ער דעריבער קומען, דערדאָזיקער טאָג, זאָל ער קומען! נישטאָ שוין דער גיהנום, פאַר וועלכן איך זאָל מורא האָבן. אדרבא, עס איז פונקט אַזוי, ווי איך וואָלט אין מיין פיין זיך פאַרליבט, עפּעס אַזאַ מין תענוג פיל איך אין איר. צי אפשר דערפאַר, וואָס איך ווער געפייניקט מיט אַזאַ הארבקייט, מיט אַזאַ אַרטיזם? אפילו די טויט-עקזעקוציע, אויב דער תלין איז אַ מייסטער, רופט ער אַרויס פאַרוווּנדערונג. אַלץ, וואָס איז נאָר פאַרקאָמט אין זיך, שאַפט די סאַטיספאַקציע; האָב איך מיך, הייסט דאָס, צו פייניקן. זאָל מיך טאַקע פייניקן די הישפּאַנישע אינקוויזיציע, און נישט עפּעס קיין באַנדע שיכּורע פויערן. אדרבא, איך וועל מיך ווייטער אַזוי פייניקן.

נישט אַלט זייענדיק נאָך קיין דרייסיק יאָר, בין איך שוין גרוי, — וואָס-זשע וועט ווייטער זיין? גרויסער אָפּעראַטאָר! שנייד מיך טאַקע ווייטער! די אָפּעראַציע איז זייער אַ שווערע, אָבער — דו היילסט דאָך מיך אויך אויס פון דער שרעקלעכער קרענק: פונם לעבן. איך בין קראַנק אויפן לעבן, שנייד-זשע מיך, און אפשר וועסטו מיך פאַרט אויסהיילן...

איז דען ווירקלעך אַזוי שווער נישט צו לעבן?... איך בין דאָך אין לעבן נישט אָפּגעשטאָרבן, אָבער ווען איך וואָלט פונם לעבן אַרויסגעטרעטן, איז פאַרוואָס-זשע בין איך נישט אומגעקומען?

„ס'טייטש, מ'האָט דאָך מיך אויף דער שויס געניאַנטשעט?

און ס'טייטש, איך האָב דאָך אויך אַ ברוסט געזויגן?

„איך וואָלט כאָטש ערשט געלעגן און זיך אָפּגערוט; איך וואָלט כאָטש געשלאָפן און פון רו געוווּסט...

„ס'טייטש דעם בויט-באַדערפטיקן איז דאָך געגעבן געוואָרן ליכטיקייט, און לעבן — די שווערע געמיטער?

„וואָס קוקן אויס דעם טויט, און ער קומט נישט, כאָטש זיי זוכן אים פלייסיקער, ווי באַהאַלטענע אוצרות. וואָס וואָלטן זיך מיט פרייד משמח געווען, טאַנצנדיק, ווען זיי וואָלטן פאַר זיך דאָס קבר געפונען".

* * *

וועד פון אונדז וועט דאָס ערשטע דאָס מויל עפֿענען? מיר זיצן שוין אַן ערך פון אַ האַלבע שעה איינס אַנטקעגן אַנדערן; מיר קוקן אויף זיך און מיר רעדן גאָרנישט. אַך! וואָס טוט זי? זי וואַרפֿט זיך אויף די קני צו מיין בעט, קושט מיר די האַנט, דריקט צו מיין האַנט צו איר מויל, און הייסע טרערן, געדיכטע, פֿליסן מיר אויף דער האַנט אַרויף... מאַריניע!

* * *

און אַזוי גייט ווידער אַ טאָג, נאָך אַ טאָג. איך הייב מיך שוין אויף פון בעט און זעץ מיך אין פאָטעל אַריין בײַם פענ־ סטער. דער פרילינג קומט אָן, אָבער פון מיין פענסטער זע איך גאָרנישט, אַ חוץ מויערן. גאָט! כאָטש אַ שטיקל לאָנקע, כאָטש אַ ביסל ריח פון היי, כאָטש אַ ביסל ביימער. מאַריניע ברענגט מיר בלומען. איך האָב זיי גאַנצע בונטן. איר קוזינקע איז געקו־ מען צו פאָרן מיט די קינדער; די קינדער גייען שפּאַצירן און טראָגן מיר אָן גאַנצע בוקעטן פעלד־גראָזן און בעז. אַזוי פאַרגייט מיר אַ טאָג נאָך אַ טאָג פאַר די דאָזיקע גרויע מויערן און צווישן די שטאַרבנדיקע בלומען.

איך האָב פאַרלוירן דעם חשבון פון דער צייט. איך ווייס שוין נישט, ווי לאַנג דאָס געדויערט.

מאַריניע איז ווירקלעך אַ מלאך, אַ מלאך, וועלכער איז אַריינגעפאַלן אינם גיהנום פון מיין נשמה. איך טראַכט שוין איצט וועגן גאָרנישט. איך טראַכט נישט וועגן דעם, וואָס איז אַמאָל געווען, ... נישט וועגן דעם, וואָס קען זיין מאָרגן, איך טראַכט נאָר וועגן דעם, אַז זי האָט מיך געליבט, — אַז זי האָט מיך טאַקע דאַמאָלס נישט געליבט, ווען איך האָב געמיינט, דאָס זי ליבט

מיך יאָ. — און ווען אפילו זי אַליין האָט אַזוי געטראַכט, ווען זי וואָלט דאָ פאַר מיר אין די אויגן רישאַרדן אין די אָרעמס געפאַלן, וואָלט דאָס טאַקע פאַר מיר געווען כמעט, ווי גלייכגילטיק, — זי האָט דאָך מיך נישט געליבט! וואָרן וואָס איז דען דאָס אַלץ אַנטקעגן דעמדאָזיקן, וואָס זי האָט מיך נישט געליבט?... דאָס טאַקע איז געווען דאָס צערייסן מיין נשמה אויף צווייען. און דאָס אַוועקנעמען בא מיר אפילו דאָסדאָזיקע, אפילו דאָסדאָזיקע! דאָס טאַקע, וואָס איז מיר ווירקלעך געווען אַמטייערסטן, וואָס, אייגנטלעך, איז עס מיר נאָר דערפאַר אַזוי טייער געווען, ווייל עס האָט בלויז באַדאַרפט פאַרבלייבן אין מיר א דערינערונג, און טאַקע די איינציקע, הייליקע פון מיין לעבן. מיין לעבן האָב איך צעטיילט אויף דער העלפט: ביז ווען זי האָט מיך געליבט און פון ווען אָן זי האָט אויפגעהערט.

איצט זע איך, אַז עס איז איינס, אַ גרויסער איינס. ווען איך וואָלט כאָטש פאַרבליבן מיט דעמדאָזיקן גלויבן, מיט דערדאָזיקער דערינערונג, מיט דערדאָזקער איבערצייגונג... ווען עס וואָלט מיר כאָטש דידאָזיקע דערינערונג געבליבן... ווייניק פיין פאַרמאָגט אין זיך דער היינטיקער טאָג, איז מען נאָך נעכטן געקומען צו מיר אויסזויגן מיין בלוט פון די אָדערן. אויף מיין צלם האָט מען מיר צוגעשלאָגן די הענט און די פיס; איצט האָט מען מיר אַרויפגעזעצט אַ קרוין פון דערנער אויפן קאָפּ און מיט אַ העמערל האַקט מען מיר די דערנער אין די שלייפן אַריין. אָבער איך קען שוין נישט שרייען, נישט זיך וואַרפן.

„אַבי איך זאָל נאָר געפינען חן בא גאָט, כדי ער זאָל מיר חרוב ומוחרב מאַכן, ער זאָל מיר כורת זיין, פונאַנדערלאָזנדיק ברייט זיין האַנט!

צי איז דען שטאַרק, ווי שטיין, מיין כוח? אָדער צי איז דען מיין קערפער פון קופער?

מיט מיין אָטעם מיאוסט זיך מיין ווייב“.

און דורך דידאָזיקע גאַנצע חדשים איז צווישן אונדז נאָך נישט געקומען צו קיין איין וואָרט-אויסטויש. רישאַרד קומט נישט מאַריניע גייט קיינמאָל נישט אַרויס אָן דער דינסט און קימט

שוידנדיק זייער שנעל צוריק. זי גייט בלויז אַרויס אײַנקויפן מיר רעדן גאָרנישט. — וואָס האָבן מיר דען זיך צו זאָגן? איצט איז שוין צווישן אונדז נישטאָ קיין שום געהיימניש. אירע טרערן, אירע הייסע, גערדיכטע טרערן אויף מײַן האַנט האָבן מיר געזאָגט, אַז זי ווייסט אַלץ, וואָס איך ווייס... אַלץ. פונדעסטוועגן, וועל איך זי פרעגן, וואָס הערט זיך עפּעס בײַ ריכאַרדן? איך וועל זיך פשוט אַזוי פרעגן, ווי אַמרויקסטן, זי דרעמלט אינעם פאָטער-שטול, אָבער איך ווייס, אַז זי שלאָפט נישט.

— מאַריניע!

— וואָס?

— ביזט נישט געשלאָפן?

— ניין.

— אמת ווי די בלומען שמעקן?

— העלענעס קינדער האָבן זיי געברענגט.

איך קען זי נישט פרעגן... אָבער דאָך, פאַרוואָס עפּעס קומט ער נישט?

— מאַריניע, הער נאָר, אפשר וואָלט איך שוין אַרויסגעגאַנגען? — פאַרוואָס עפּעס האָב איך זי גראָד וועגן דעם געפרעגט? זי האָט מיר געענטפערט, אַז מען דאַרף פרעגן בײַם דאָקטאָר, אָבער וואָס קען דאָס זי אָנגיין, וואָס קען דאָס זי אָנגיין?! וואָס גראָד אַ צײַכן? און אַמאָל? אַך! וואָלט עס איר אויך בלויז לפנים אַ געגאַנגען. אָ, גאָט, גאָט!... און פונדעסטוועגן מוז איך מיך דערוויסן, וואָס הערט זיך עפּעס בײַ ריכאַרדן.

— הער נאָר, מאַריניע, הײַנט קומט דאָ נישט קיינער?

— ס'טייטש, מען ווייסט דאָך, אַז דו ביזט קראַנק.

— און ריכאַרד האַלביצקי, ווו איז?

— אַרויסגעפאָרן.

מאַריניע זאָגט ליגנט. דאָס בלוט איז איר פון פנים אַנטקומען, ווען איך האָב זי געפרעגט וועגן ריכאַרדן. איך האָב געזען, ווי די ליפּן האָבן איר אָנגעהויבן צו ציטערן. זי זאָגט אָבער ליגנט, ער איז נישט אַרויסגעפאָרן, ער איז דאָ אין שטאָט, זי האָט אים בלויז אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט קומען, און טאַקע צוליב

רעם האָט זי זהער אראָפּגעפּרעגט העלענען מיט די קינדער. דאָס אי דאָך אַ בלאָר, נישט קיין פרוי... און ווען איך וואָלט איר געזאָגט, אַז דאָס איז נישט אמת, אַז ער איז דאָ הי דאָ און פאַר־וואָס קומט ער נישט? און ווען איך וואָלט איר געזאָגט, אַז איך האָב זי געוואָלט דערהרגענען, אין בלויז דערפאַר האָב איך זי נישט דערהרגעט, ווייל אַ פּחד האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר אירע אויגן, אירע בלויע, גרויסע אויגן, מיט וועלכע זי וואָלט געקענט גאָט אַליין אין פּנים אַריין קוק... ווען איך וואָלט דאָסדאָזיקע איר געזאָגט... איך בין אַ בעלן צו וויסן, צי זיי שרייבן זיך אי־בער.

איך וועל זי פרעגן, — איצט איז דאָך שוין צווישן אונדז קיין סודות נישטאָ, וועל איך זי פרעגן.

— צי שרייבט איר זיך איבער?

— ניין.

זי זאָגט נישט קיין ליגנט, איך ווייס, אַז זי זאָגט נישט קיין ליגנט. אויף דעם איז זי צו ריין און צו ערלעך. זיי שרייבן זיך נישט.

— צי נאָכדעם איז ער נאָך דאָ געווען?

— ניין.

איך וועל מיט איר רעדן, איך וועל מיט איר רעדן! זי איז בלאַס, ווי זי וואָלט געווע טויט. איך וועל מיט איר רעדן. איך האָב פאַר קיין שום זאַך נישט קיין מורא.

— צי האָט איר זיך ווען געשריבן?

— ניין.

— צי ווייסטו, וואָס מיר איז געשען אין יענער נאַכט, ווען איך בין צו דיר אַריינגעקומען?

— איך ווייס.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

אַ כוואַליע בלוט גיט איר אַ זעץ אין פּנים אַריין. וועט זי ענטפערן, צי זי וועט נישט ענטפערן? זי וואַרפט אויף מיר די אויגן און לאָזט זיי באַלד אַראָפּ. צי וועט זי ענטפערן?... זי עפנט דאָס מויל..

— װעגן אים.

— װאָס האָט זיך דיר געחלומט?

איך זע, אַז דאָס בלוט שטיקט איר.

— װאָס האָט זיך דיר געחלומט?

זי קוקט אויף מיר, װי אַ סאַרנע, װעלכע איך װאָלט גע־פאַנגען אין דער נעץ און איר צוגעשטעלט אַ שאַרפן נאָגל צום קאָפּ, כדי אים אַרײַנצושלאָגן אין איר מוח. װען זי װאָלט מיך געװען ליב האָבן, װאָלט איך זי דאָס נישט געפרעגט.

— זאָג, װאָס האָט זיך דיר געחלומט?

— װעגן אים.

— אָבער װאָס?

דאָס האַרץ װעט איר פּלאַצן, דאָס האַרץ װעט איר פּלאַצן!...

— עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז — איך בין געװען זײַנע...

איך האָב דאָס געװוּסט, איך האָב דאָס געקענט דערקע־נען לויט איר פּנים. איך האָב געקענט דעמדאָזיקן שמײכל. האַ האַ! אין חלום האָט זי אים געליבט, און מיך אינדערא מתן קיינמאָל נישט...

— און דערנאָך, צי װײסטו, אַז איך האָב געהערט, װאָס דו האָסט אים געזאָגט?

— איך װײס, װײל דו האָסט אַ קרעכץ געטון.

— װאָס האָט איר דאַמאָלס געטון?

— איך בין אַרײַנגעלאָפן צו דיר אין צימער אַרײַן. דו ביזט געװען פאַרחלשט.

— ער איז אויך אַרײַנגעקומען?

— אויך.

— װאָס האָט איר געטון?

— איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל גײן נאָכן דאָקטאָר, און זאָל שוין מער נישט צוריקקומען.

— װאָס האָט ער געטון?

— ר׳איז אַרויסגעגאַנגען.

— צי האָט ער דיר א קוש געטון אין דער האַנט?
— ניין.
— צי ווייסט ער אַלץ?
— וואָס?
— אַז דו ליבסט אים?
— איך ווייס נישט.
— האָסט אים דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט?
— קיינמאָל נישט.
— קיינמאָל גאָרנישט?
— קיינמאָל.
— צי ער דיר האָט ווען וואָס געזאָגט?
— ניין.
— קיינמאָל גאָרנישט?
— קיינמאָל.
— אָבער ער ווייסט...
— איך ווייס נישט...
— מאַריניע, ער ווייסט!... ער ליבט דיך!
— איך ווייס נישט...
— דו ווייסט, דו ווייסט! אויך ער ווייסט! איר ליבט זיך און ווייסט וועגן דעם! עס קען דאָך אַנדערש נישט זיין! אמת, אַז איר ליבט זיך?!

ווידער ווערט איר דאָס בלוט פון פנים אַנטרינען:

— אמת?! זאָג!
— איז אַלזאָ — יאָ!
— דו ליבסט אים?
— יאָ.
— און ער דיך?
— ער האָט מיר דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט...
— אָבער דו?...
— יאָ... איך ליב אים...

גאָט, גאָט! נאָך וואָס האָב איך דידאַזיקע ווידוי אַרויס־געריסן פון איר האַרץ! איך האָב דאָך דאָס געוווסט, אָבער איצט

איז מיר אַזוי, פונקט ווי מען וואָלט דערמאָזיקן באַגל, וואָס מ'האָט
אים מיר אַריינגעהאַקט אין האַרץ אַריין, אָנגעגליט אויף רויט.
איך האָב דאָס בעוווסט, עס האָט מיר פשוט דעם טויט גענאַכט,
און מיר דאַכט זיך גאָר, אַז אַצינד דאָס ערשטע מאָל הייב
איך דאָס ערשט אָן צו פילן. וואָס פאַר אַ נייעס האָב איך
עס זיך דאָ ערשט דערוווסט? און דאָך אַ ים פרישע יסורים פאַר-
פלייצט מיר דעם מוח... איר שרעקלעכער: יאָ! און פונדעסטוועגן,
ווייטער, ווייטער, ווייטער!

— וואָס טראַכטסטו איצט צו טון, מאַריניע?

זי נעמט דאָס טיכל צום מויל און ענטפערט נישט.

— וואָס טראַכטסטו אַצינד? וואָס וועט איצט זיין? — די-
ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין... — מאַריניע!..

* * *

אָ, וואָס פאַר אַ געוויין איז דאָס געווען, וואָס פאַר אַ געוויין!... עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי וועט פון זיך די נשמה אַרויסוויינען... וואָס פאַר אַ געוויין איז דאָס געווען... איך מיין, אַז ווען מען וואָלט אַזוי אָפּט דאָ געוויינט אויף דער ערד, וואָלט די זון אויפן הימל זיך קיינמאָל ניט באַוויזן...

וואָס האָט דען דידאָזיקע פרוי אויפן האַרץ מיר ניט אויסגעקלאָגט!... זי האָט מיר אויסגעוויינט אירע אַלע פאַרפירטע האָפענונגען, אירע אַלע אַנטוישונגען; זי האָט פאַר מיר אויסגעוויינט דעם גאַנצן ווייטיק צוליב דעם גאָרן זיך, וואָס דער פינסטערער גורל האָט דאָס דערלאָזט, געבנדיק איר מיך פאַר אַ מאַן; זי האָט פאַר מיר אויסגעוויינט איר גאַנצן פאַרדרוס, וואָס זי האָט מיך און אויך זיך אַליין אָפּגענאַרט, אַז דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך מיר און אויך איר אויסגעוויזן פאַר אמת און גענוס, איז עס בלויז געווען פאַרפירונג און אילוזיע פונם גענוס; זי האָט פאַר מיר אויסגעוויינט איר גאַנצע פאַרצווייפלונג איבער מיר און איבער זיך אַליין... זי האָט פאַר מיר אויסגעוויינט דעם גאַנצן תהום פון אירע ליידן... זי האָט דאָסדאָזיקע אַלץ אויסגעוויינט אויף מיין האַרץ, — איך בין דאָך איר מאַן... און אַזוי זענען

מיר געבליבן מיט זיך... אַ שעה נאָך אַ שעה איז זיך געגאַנגען, און זי האָט נישט אָפּגענומען איר קאָפּ פון מיין האַרץ עס איז געוואָרן פינסטער. איך האָב זי גענומען אויף די הענט און האָב זי אַרויפגעלייגט אויפן בעט, איך האָב זיך אַהעקגעזעצט לעבן איר און האָב זי גענומען פאַר דער האַנט, איך האָב צוגעטראָגן איר האַנט צום מויל, אָבער זי האָט אַ כאַפּ געטאָן מיינע און זי שטאַרק צו איר מויל צוגעדריקט. איך האָב זי נישט געקענט אַרויסרייסן. אָבער וואָס קומט מיר אַרויס פון דעמדאָזיקן קוש? וואָס האָב איך דיר מוחל צו זיין, קינד? דו האָסט מיר צעבראָכן דאָס האַרץ, אָבער דאָס איז נישט דיין שולד, דער גורל האָט אַזוי געוואָלט. נישט דיין שולד, נישט דיין שולד, — וואָס ביסטו דען שולדיק, מיין אָרים קליין קינד? גאָט ווייסט, אַז ווען איך וואָלט געקענט נאָך צוויי מאָל אַזוי ליידן, ווי איך לייד, אַבי דו זאָלסט נאָר נישט ליידן, וואָלט איך מיט פאַרגעניגן איינגעשטימט. וואָס ביסטו דען שולדיק? מיין טייער, קליין קינד...

וואָס־זשע טאַקע האָב איך ערשט צו טון? לעבן מיט איר ווייטער? ניין... זי פאַרלאָזן? און וואָס וואָלט מיט איר געשען? אָפּגעבן זי רישאַרדן?

אַך! ניין! פאַר קיין זאַך נישט! אויב איך וועל זי נישט האָבן, וועסטו זי אויך נישט האָבן! קיינמאָל! אַך! ווי איך האָב דיך פיינט! מיט די ציין וואָלט איך דיין קערפּער געביסן! דו בידערטרעכטיקער, וואָס ביסט געקומען אונטער מיין דאַך, אַוועקצונעמען בײַ מיר דאָס טייערסטע, וואָס איך האָב נאָר געהאַט, דאָס איינציקע!

פאַרוואָס האָסטו דיך באַלד נישט אָפּגעזאָגט, ווען דו האָסט נאָר געזען, אַז דידאָזיקע פרוי פאַראינטערעסירט זיך עפּעס מיט דיר? צי האָסטו דען נישט געוווּסט, אַז דאָס איז מיין ווייב?

אָ, ניין!

אָבער פאַר דיר עקזיסטירט נישט גאָרנישט, בלויז דאָס געזעץ פון דער נאַטור, בלויז דער נאַטירלעכער שטויס פונם אינסטינקט, בלויז דער פרייער ווילן, אָדער בעסער, דאָס, וואָס מיר

דופן עס... נאַר, — נאַר דאָס זענען דאָך מײַנע אײגענע אי־בערצײַגונגען...

אַ, פאַרפּישופּט ראַד, אַ שרעקלעכער כאַאָס, ווו די טאַטן זענען סותר די געדאַנקען, די געדאַנקען — די טאַטן, ווו אויף יעדן טריט ווערט דאָס אויסגעטראַכטע צעקלאַפּט אינםווירקלעכן, דאָס ווירקלעכע איז סותר די פאַנטאַזיע; ווו האַרמאָניע, רו, גליק איז בלויז אין חלום. אַ, כּישוף פון דער וועלט, וואָס מען רופט דיך לעבן! מען וואָלט דאָך געדאַרפט זײַן אַ גאָט, כּדי צו קענען לעבן אַ מענטשלעך לעבן!

די נביא, די אַפּאָסטאָל! די ווילסט מיליאָנען גליקלעך מאַכן, און הייבסט גאַר אָן פון דעם, וואָס די ברענגסט אומגליק אין שטוב אַרײַן; אָבער וואָס וויל איך? צי האָט דען נישט יע־דערער דאָס רעכט צו לעבן אַזוי, ווי ער וויל? וואָס פאַר אַ קאָדעקס־בוך איז עס דען דער מענטשלעכער? ווער פון אונדז קען דאָס וויסן, ווי אַזוי מען דאַרף לעבן?

„מיך רופסטו אַן גוטער? קײנער איז נישט גוט, בלויז אײנער, דאָס איז גאָט"...

אויב רישאַרד ליבט מאַריניען; אויב ער זעט, אַז זי האָט אים ליב, איז — די גאַנצע רעכט מײַנע לגבי אים בלויז דאָס, וואָס ער איז געקומען שפּעטער? אויב אַ מאַן ליבט אַ פרוי, איז קודם כּל וויל ער איר גליק, ער וויל איר דאָסדאָזיקע גליק פאַר־שאַפן, — איז אויב טאָקע ער ליבט מאַריניען און זעט, אַז פאַר איר וואָלט פּשוט געווען אַ גליק זײַ זאָלן זיך נעמען, טאָ וואָס־זשע אַנדערש זאָל ער וועלן? און אויף וואָס האָט ער זיך דאָ אָפּצושטעלן? אויף מיר? ווער און וואָס בין איך דען פאַר אים? צי דאַרף ער אָפּפערן מאַריניען פאַר מיר? פאַר מײַן גליק וועגן פאַרן גליק פון אַ מענטש, וועלכער איז אים אײגנטלעך דאָס מאָל דער גרעסטער שונא, דאַרף ער אָפּפערן דאָס גליק פון זײַן טײַ־ער וועזן? צי איך, אויף זײַן אָרט, וואָלט אַנדערש געטון? צי, אויף וויפיל דאָס מקריב זײַן דאָס אײגענע גליק פאַר עמעצנס וועגן הײסט העראָיזם, אויף אַזוי פיל וואָלט דאָס מקריב זײַן דאָס גליק פון אַ בעליבטער פרוי פאַר עמעצנס גליק, נישט געווען אי־

אַ נאַרישקייט, אי אַ משוגעת? צי איך װאָלט דען אַנדערש געטון? צי זאָגט דען מיר נישט דער פאַרשטאַנד, אַז איך דאַרף זיך אָפּטראָגן? און פון דער צװייטער זייט... אַ פאַרכישופט ראָד, װאָס פאַר אַ שרעקלעך פאַרכישופט ראָד! צי בין איך שוין משוגע געװאָרן, אָדער צי בין איך ערשט נאָר אויפן װעג צו משוגעת?

אָבער יעדנפאַלס, ניין, ניין! איך װעל נישט אָפּטרעטן. אויב איר האָט אייערע געזעצן לגבי זיך, טאָ האָב איך אויך מיינע! אויב אייך דערלויבט דאָס בעזעץ פון דער נאַטור מיך צו טרעטן, װערט דאָס אויך מיר דערלויבט זיך צו װערן, און אפילו אויך קעגנדייטיק צו טרעטן, װער עס טרעט מיך.

די מאַריניען װעסטו נישט האָבן!

זיין מיין אומגליק זאָל איך כאָטש דאָס, אַמװייניקסטנס, האָבן, װאָס זי איז נישט קיינעמס. איך לייד דורך אייך, — איר דורך מיר, — עין תחת עין, שן תחת שן, פּצע תחת פּצע...

צי איז דאָס אָבער נישט געמיין?... יאָ, אומבאַדינגט, אָבער עס איז מיר שוין אַלץ איינס.

אָבע״ װז ס, אָבער װאָס?! כאָטש מיטן קערפּער װעל איך מאַריניען שוין פאַרהאַלטן לעבן זיך, איך קען דאָך אָבער דאָס נישט שטערן, זי זאָל זיינע נישט זיין — מיט דער נשמה...

װאָס זאָל איך, אַלזאָ, טון!

אים דערהרגענען?

אויב איך װעל אים דערהרגענען, װעט זי דאָך ליבן זיין אָנדענקען, און מיט דעם טאַקע מיך גאָך מער פּראַטן...

אויב ער װעט מיך גאָר דערהרגענען, װעט מיין שװאַרצער שאָטן אייביק שטיין פאַר מאַריניעס נשמה... דאָס איז שרעקלעך! װאָס עפּעס איך זאָל נישט װעלן טון, מוזן מיר ביידע אומגליקלעך זיין!

ניטאָ קיין אויסוועג, ניטאָ קיין אויסוועג!

שטעלט איין פאַר אַ וועבער, וועלכער האַלט אויף זיין פאַמיליע פון זיין אַרבעט, ווערט גאַר פּלוצלינג בלינד, — דאָס איז דאָך אַ סיטואַציע אָן אַן אויסוועג...

*

*

איך קען אויף מאַריניען נישט קוקן. זי פאַרשווינדט מיר פון די אויגן. מיר רעדן שוין ווידער נישט צווישן זיך, איבעריקנס, דאָס נאַר, וואָס איז אַמנויטיקסטן. איך האָב זיך שוין פולשטענדיק איבערגעטראָגן אין קאַבינעט אריין. אין אונדזער אַמאָליקן שלאָפצימער קום איך שוין לגמרי נישט. נישטאָ קיין גרעסער ווייטיקדיק שפלדיק און פייניקדיק געפיל פאַר אַ מאַן, ווי דאָס, ווען ער ווערט דער פרוי נמאס. איבערהויפּט, ווען ער ליבט זי — איבערהויפּט, ווען דאָס טאַקע איז אויך זיין ווייב געווען, איבערהויפּט, ווען זי איז נאָך אַ מאָל אַ פאַרטמאַכטע אין זיינע אָרעמס געלעגן... איך וועל טאַקע נעמען אורלויב און אַרויספאָרן. איך וועל אים באַקומען. די ריי אין אמתן פאַלט נאָך נישט אויס אויף מיר. נאָר איך בין דאָך עפּעס געווען קראַנק און דער דירעקטאָר האָט מיך ליב, איך בין דאָך אַזאַ אויסגעצייכנטער באַאַמטער! איצט שטייג איך מיך אַליין איבער, דאָכט זיך, אַז אין קורצן וועל איך באַ מיינע קאָלעגן די אַרבעט פון אונטער די הענט אַרויסרייסן. מיין אַוואַנס איז געזיכערט.

„קאַלעגן“, צי ווייסט איר, פאַרוואָס איך אַרבעט אַזוי? איך פאַרשלאָג זיך מיט זייער אַרבעט, כדי נישט צו טראַכטן. איך נעם די אַרבעט אַהיים, און אַרבעט, אַז עס איז אַזש אַ געלעכטער. און ווייסט איר פאַרוואָס איך אַרבעט אַזוי? אַז טאַקע פאַר דעם, אַז ווען איך האָב זיך געוואָלט צוריקגעפונען, ווען איך האָב אַ־ייַנגעקוקט אין דער טיפעניש פון מיין נשמה, ווען איך האָב געטראַכט, אַז אפשר וועל איך נאָך פאַרלאָזן דידזיקע ביוראָ און וועל אָנהייבן מיין מוח אויף שטיקער צו צערייסן, אָבער מיט דידאָזיקע שטיקער וועל איך מאַריניען שפּייזן: האָב איך געזען, אַז איך האָב שוין נישט — וואָס צו צערייסן... איך האָב אין זיך דערזעען אַ פוסטקייט, אַ לערקייט, אַ גאָרנישט... איצט בין איך נאַרישער ווי אונדזער דינער, וואָס שטייט בײַ דער טיר... האָב איך מיך דערשראָקן פאַר דערדאָזיקער פוסטקייט, פאַר דערדאָזיקער אומקומעניש, פאַר דעמדאָזיקן אָפּשטאַרבן פון דער נשמה, — אַרבעט איך טאַקע, אַרבעט איך, אַרבעט איך, כדי נישט צו טראַכטן, נישט צו זעען, נישט צו פילן, זיך גאָרנישט צו דערמאָנען און געדענקען... בלייבט אָבער אויך דידאָזיקע אַרבעט נישט אָן אַ נוצן; דער שעף לויבט מיך, די דירעקציע האַלט מיך זייער בכבוד, איך וועל אַוואַנסירן...

אָ, איראָניע! אָ, איראָניע, דו שטן פון דער וועלט! דאָס אַלץ איז דאָך צוליב דעם, איך זאָל גאָר שנעלער אַוואַנסירן! וועלן מיר טאַקע קענען בעסער עסן און שענער וווינען... נישטאָ גאָר דאָס שלעכטע, עס זאָל נישט אַרויסקומען לטובֿה. וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָ דאָס פאַרלירן מאַריניעס ליבע, אירע יסורים און מיינע אָנטקעגן נאַלעשניקעס מיט קאָנפּיטור? מיין גאַנצער מאָראַלישער טויט איז דאָך בלויז נאָר אַוועקגעשטעלט אויף דעם, כדי איך זאָל קענען עסן נאַלעשניקעס מיט קאָנפּיטור. איך וועל דיק ווערן, איך וועל אַליין זען, אַז איך ווער דיק.

דער ערשטער באַדינג איז דאָך דאָס געזונט. אַלץ איז נאַרישקייט, אַבי געזונט!

„קניפּ די באַקן, אַבי די פאַרב זאָל שטיין״...

אָ, חירקלעך! דאָס האַרץ פּלאַצט מיר פאַר געלעכטער. דאָס האַרץ פּלאַצט מיר... דאָס האַרץ פּלאַצט מיר... דאָס האַרץ פּלאַצט מיר...

* * *

ווי אַ פּאָר פאַרמשפּטע באַלאַנדזשען מיר אַרום איבערן ים. מאַרינ־
יע איז בלאַס און טרויעריק, זי איז איצט אַזאַ וואונדערלע־
כע, ווי קיינמאָל נישט... שוין אַזוי פיל חדשים, ווי זי טראָגט
בלויז נאָר מיין נאָמען... די ים־כוואַליעס לויפן אונדז צו די
טריט, און וואָס ברענגען זיי אונדז? וואָס גיט אונדז די דאָזיקע
זון אויפן הימל און אויפן ים, וואָס גיט אונדז די דאָזיקע וועלט,
וואָס איז נאָר ענלעך צו אַ חלום?

דער נעאַפּאָליטאַנישער גאָלף בלויט זיך און בלויט זיך,
און וואָס האָב איך אַלץ פון דעם?

מיר בלאָנקען זיך אַרום איבערן ים, ווי אַ פּאָר פאַרמשפּטע.
איך האָב געקריגן אורלויב, זענען מיר אַרויסגעפאָרן. מאַריניע
איז פולשטענדיק פּאַסיוו: נישט זי האָט זיך דערפרייט מיטן געדאַנק
פון אַרויספאָרן, נישט זי איז אים געווען דאַקעגן. זי האָט זיך
אָנגעטון, איינגעזעסן אין וואַגאָן און מיר זענען אַוועקגעפאָרן.

דאָס איז אונדזער ערשטע גרעסערע רייזע אין צווייען;
מיר זענען קיינמאָל צוזאַמען ווייטער נישט געווען, ווי אין טיראָל.
מיר האָבן שטענדיק וועגן דעם געטרוימט, מיר זאָלן זיין צוזאַ־
מען לעבן ים. דאָס איז שטענדיק אונדזער חלום געווען גאָר

אַלס חתן־כּלה און נאָך אַ שטיק פֿאַר דעם. ווונדער הייבן מיר זיך אײַנגערעדט, זייענדיק לעבן ים. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אונדזערע הערצער וועלן דאָרט ערשט ווערן אַזעלכע גרויסע, אַזעלכע טיפֿע, אַזעלכע ריינע, ווי דער ים. וויפֿיל מאָל האָבן זיך עס אונדזערע געשפּרעכן אָנגעהויבן מיט: „אַז מיר וועלן פֿאָרן צום ים“... אָדער זיך געענדיקט; „יאָ, אַוודאי מוזן מיר אַמאָל צום ים פֿאָרן. מיט דיר אינאיינעם צום ים“, דאָס איז געווען דער ליבסטער ענטפֿער מאַריניעס. און אָט זענען מיר בײַם ים, אינאיינעם, „אינאיינעם מיט דיר“. אָ, יאָ, ים, רוישנדיקער! צי קענסטו אַרויסגעבן דאָס, וואָס עס רוישט אין מײַן האַרץ? צי קענסטו אַרויסגעבן דעמדאָזיקן הוראַגאַן, דעמדאָזיקן שטורעם־ווינט אינעווייניק פֿון מײַן נשמה? אָ, ים! הייב דיך, הייב דיך! ברויז דיך, טונקל־בלויער אָקעאַן, ברויז דיך! כוואַליע אויף כוואַליע, אָפּגרונט איבער אָפּגרונט!... אָט שטיי איך פֿאַר דיר, איך, מענטש. איך שטיי פֿאַר דיר אין קלאָג און וויין, און וואַרף זיך אויס פֿאַרצווייפֿלונג. צי וויין איך אַזוי איבערן מענטשלעכן אומגליק און הילפֿלאָזיקייט? ניין, איך וויין צוליב איין פֿאַרלוירענער פֿרוי... איז מיט וואָס־זשע רוישסטו מיר אַזוי, אָ ים? מיט פֿאַראַכטונג!...

דורך מײַנע קעסל־גרובן שווימט אַ שיף, איך זע זי, איך זע... וווהין שווימט זי?... נאָכן שיינעם טויט...

קיין גריכנלאַנד, קיין גריכנלאַנד! אין מיסאָלונגי וועלן אָנ־הייבן דונערן די האַרמאַטן... גאַנץ אייראָפּע וועט נאָך דעם איי־דעלן האַרץ אויסציִען די הענט צו דערדאָזיקער טרומנע... די גאַנצע וועלט. נאָך דער הייליקער זאַך פֿון גריכנלאַנדס פֿרייהייט און נאָכן שיינעם טויט... און איך — שטיי איבערן ים — און וויין צוליב איין פֿאַרלוירענער פֿרוי... און ווען איך וואָלט הײַנט גרויס געווען, ווי בײַראָן, מעכטיק, ווי ער; ווען מען וואָלט מיך געלאָזט דורך דעמדאָזיקן ים שווימען, אַזוי ווי ער איז געשווו־מען קיין מיסאָלונגי — וואָס וואָלט איך געטאָן? ער, אַן אויסגע־מאַטערטער פֿונם לעבן און מיט אַ העלדישקייט אין האַרץ, איז מיט אָנגעשטרענגטע אויגן געשווומען פֿאָרויס, דאָרט אַהין, וווּ מאַראַטאָן איז געווען און סאַלאַמינע. מיט איין ציל בלויז: צו

וון עפּעס אַזוינס, וואָס איז שיין, וואָס איז העלדיש, פאַרלאָזנ-
ריק אַלץ, זיין רום, זיין לעבן, פול ווילטאָג, פאַרלאַנגענדיק מער
גאָרנישט; איך וואָלט אויך געשווומען, ווען מיין רעפּוטאַציע וואָלט
מיך צו דעם געצווּנגען, און ווען איך וואָלט נאָך צו דעם געווען
גרויסמוטיק, וואָלט איך אַלץ פעיק געווען אַוועקצוגעבן: די גאַנ-
צע וועלט, אַלץ, וואָס איז שיין און גוט, ערלעך און בויטווענדיק,
איידל און העלדיש — פאַר איין ליבעס-אומאַרמונג מיט מאַרי-
ניען... טאָ דעריבער רויש מיר, ים, מיט פאַראַכטונג, רויש! ווי
נידערטרעכטיק בין איך דאָס לגבי דיר, סטיכיע, וועלכע טרייסלט
אויף פאָרטן און מאַכסט עזותדיק וויגן דייַנע וואַסערן פון איין עק
ערד צום צווייטן! וואָרן אויב די גרויסע נשמה איז מעכטיקער,
ווי די גאַנצע וועלט, ווי דער גאַנצער הימל מיט די שטערן, טאָ
וועגט אַ גרויסקע בלאָטע מערער, ווי אַ נישטיקע נשמה, אַן עגאָיס-
טישע און נידערטרעכטיקע. טאָ דעריבער רויש מיר, ים, מיט
פאַראַכטונג, רויש...

אַך! אַוועקשווימען ערגעץ, אַוועקשווימען! פאַראַן אַ ווינקל דאָרט לעבן ים, ווו איך גיי אָפט אַרויס אינדערפרי, איידער מאַרינע שטייט אויף. איך זעץ מיך אַנידער אויפן שטיין, וועלכן דאָס וואַסער פאַרגיסט אָפט, כ׳פאַרמאַך די אויגן, און מיר דאַכט זיך, אַז איך בין גאָרנישט אויף דער ערד, אַז אַלץ איז פון מיר ווייט... אַלץ... מיר דאַכט זיך, אַז איך בין שוין מער נישט קיין מענטש, אַז איך ברויך שוין נישט לעבן קיין לעבן פון אַ מענטשן-חיה, נאָר איך בין גאָר, ווי עפּעס אַ גייסט, אַ באַ־פרייטער פון אַלץ, וואָס איז ערדיש, העכער פון אַלץ, וואָס איז ערדיש. מיר דאַכט זיך, אַז קיין שום באַגער, קיין שום פאַרלאַנג, קיין שום ווילן האָט שוין נישט צו מיר קיין דריסת הרגל, אַז דורך די חורבות פון מיינע ליידנשאַפטן בין איך אַזש דאָרט צוגעקומען, ווו בלויז דער ריינער גייסט שפּרייט פונאַנדער די פליגל, אַז איך האָב גאָר אויפגעהערט צו זיין אַ מענטשן-חיה, אַז אינם גייסט האָב איך דערשטיקט דעם מענטש און ווער גאָר עפּעס אַזאַ מין עטערדיקע, עלעמענטאַרע מאַכט. גלייכצייטיק הייב איך אָן בויען. איך ווער, ווי אַ גאָט, איך שאַף אַ וועלט פונם תוהו ובוהו, אַן אַנ־דערע און אַ ריזעדיקע. אויף מיין באַפעל אַנטשטייט אַ וועלט, וועגן

וועלכער עס חלומען נאָר פּאָעטן. די מענטשן זענען גאָרנישט קיין מענטשן, נאָר וויזיעס פון ליכטיקייט און וואַרעמקייט. זייערע בלומען-קרענץ טראָגן זיך אין דער לופטן, שווימען, שוועבן, פאַרייביקן זיך אין קרייזן און רעדער. באַ עפּעס אַ הימלישער מוזיקע פלעכטן זיך איין און פלעכטן זיך אויף אין בענדער ליכטנדע וועזנס, ווי די רעגנבויגנס. דער גאַנצער האָריזאָנט איז פאַרפולט מיט רעגנבויגנס, מיטן געטאַנץ פון מענטשן-גייסטער. קיינער קען זיך דאָס גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי שיין דאָס איז! און איך, דער שעפער פון דעמדאָזיקן, קוק מיט תענוג און קוויק מיך. אין מיין האַרץ איז דאָ אַן אומגעהייערע ליבע צו פאַרהערלעכן מיין שאַפונג. איך האָב זי געשאַפן אַזוי שיין, כדי איך זאָל זי ליבן, און ליב זי, ווייל זי איז אַזוי שיין!

טיילמאָל, פונדעסטוועגן, איז אפילו אויף דעמדאָזיקן שטיין, לעבן ים, ווייזט זיך מיר נאָר אויס, אַז איך בין אַ מענטש, אַ זייער פאַרמאַטערטער פונם לעבן, איבער וועלכן עפּעס אַ גוטער מלאך האָט זיך דערבאַרעמט און האָט אים אַוועקגעפירט פון דער ערד. איך האָב גאָרנישט געוואָלט, נאָר רו, האָט מען מיר זי טאַקע געגעבן. מען האָט מיר געגעבן רו, איינזאַמקייט און פאַרגעסנקייט — דאָס, אויף וואָס איך האָב טאַקע געבעטן. אַך! ווי גוט עס איז נישט צו זיין שוין אויף דער ערד; ווי גוט, ווי וואויל!... נישט מיין גוף, נישט מיין נשמה, וועלן שוין מער נישט ליידן... איך בין מיט קיינעם נישט פאַרבונדן, איך געהער נישט צו קיינעם. מיין פאַרשטאַנד איז די שטילקייט, מיין לופט איז די אייביקע רו. איך בין נישט געשטאָרבן, און דאָך האָב איך אויפגעהערט צו עקזיסטירן אויף דער ערדישער וועלט. איך געדענק גאָרנישט, איך ווייס נאָר, אַז איך רו מיך אויס. איך ווייס, אַז איך בין מיד געווען, וואָרים אַנדערש, וואָלט איך דאָך נישט געפילט דעם תענוג פון אָפּרוען זיך, אָבער קיין שום זאַך איבלט מיך שוין נישט און פייניקט מיך נישט מער. איך בין אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ שלאָף, — נישט קיין טויט — אָבער אויך נישט קיין מענטשלעכער. איך האָב מיך דערטרונקען אינם נישט-זיין, אינם חלל, ווּ עס איז גאָרנישט דאָ, אַ חוץ וויסן, דאָס פילן דעם גאָרנישט,

וועלכעס איז טאַקע גליק. מיר קען שוין אַצינד גאַרנישט ווי־ טון, גאַרנישט רייצן, גאַרנישט צעברעכן! מיר דאַכט זיך, אַז איך שווים אַפּ, וואָס אַמאָל ווייטער, וואָס אַמאָל ווייטער. דער שטיין, אויף וועלכן איך זיץ, איז אַרויסגעשווּמען אויף דעם ים, און דערדאָזיקער ים צעשפּרייט זיך, לויפט זיך פונאַנדער, ווערט אַן אמתדיקע אומענדלעכקייט. גאַרנישט מיט גאַרנישט.. דער הימל גיסט זיך צונויף מיטן ים, פאַרייניקט זיך אין איינס, אין אַן איי־ ניקייט, וועלכע איז גאָר אַן אַבסאָלוטע לערקייט, אַ טיפעניש אָן אַ סוף, אָן אַ גרענעץ. אָ! וואָס פאַר אַ תענוג! איך עפן פונאַנ־ דער די אָרעמס, און ווי נאָר איך דערגרייך, — איז גאָרנישט... ווי אַ פיש אין דער טיפעניש פונם וואַסער, לאָז איך מיך אַראָפּ אין דעמדאָזיקן אָקעאַן פון גאַרנישט... איך הייב מיך אויף און נידער אַראָפּ... עס פאַרשיכּורט מיך דערדאָזיקער פלי. . דער־ דאָזיקער גאַרנישט...

ס'איז נאַכט, נאַכט, שטיל ווי אין אַ קבר, לאַנג, ווי אַן אייביקייט. דער ווינט ברויזט אויף דעם ים. אַלץ גרעסערע, אַלץ שטאַרקערע כוואַליעס שלאָגן אָן אינעם ברעג פון דער יבשה. פינסטערע כוואַליעס פאַרשטעלן דעם האָריזאָנט, עס איז הייס און שטיקנד, ווי פאַר אַ שטורעם. עפּעס שרעקלעכס הענגט אין דער לופט — אַ פּחד.

יעדע פּאָר מינוט וואַרפט דער וועזוף אַרויס אַ זייל רויט פייער, וואָס פלאַמט שרעקלעך אויף אין דער ראָזיקער פינסטערניש. דאָס טויבע גערויש פונם ים וואַקסט, פאַרנעמט זיך אַלץ גרעסער און גרעסער, עס דאַכט זיך, אַז מיט יעדער רגע וועט עס זיך אַזוי כסדר שטאַרקן, ביז עס וועט אָנפילן מיט זיך די גאַנצע לופט. עס איז שטיקנד נישט צום איבערטראָגן.

איך הער פון מיין באַלקאָן, ווי מאַרינע גייט אום איבערן דיוואַן אויף דער מערמלשטיינערנער פּאָדלאָגע. אַ מאָדנע טרויעריק קול גיבן אַרויס אירע שיך אויף דעם ראָזיקן מערמלשטיין.

און אונטער מיינע פיס איז דער ים.

שוין קיינמאָל, קיינמאָל, וועסטו נישט קומען צו מיר אין

אַ שטילער נאַכט, מיר אַנלעגען דעם קאָפּ אויפן אַקסל, האַנט אין האַנט, אָרעם אין אָרעם... קיינמאָל... קיינמאָל, מאַריניע, קיינ-מאָל... קיינמאָל וועלן מיר שוין נישט אַזוי זיצן לעבן זיך, אָן ווערטער, אָן באַוועגונג, צונויפגעגאָסן אין איינס... קיינמאָל... שוין קיינמאָל וועלן זיך אונדזערע ליפּן נישט פאַרייניקן אין אַן אומגעריכטן און אַזאַ נישט-ווילנדיקן, לאַנגן, שטילן, צע-צויגענעם, טיפן קוש, קיינמאָל... קיינמאָל, מאַריניע, קיינ-מאָל...

צי איז עס דיר נישט קיין שאָד, מאַרינע?

איך וועל דיך שוין קיינמאָל נישט רופן: מיין טייער ווייב, איך וועל נישט שטילן מיט דעם דיין חרפה, נישט צער טלען דיין נשמה. דו וועסט שוין קיינמאָל צו מיר נישט קומען, דו וועסט דיך שוין נישט אַוועקזעצן מיר אויף די קני, מיר וועלן זיך שוין נישט אַרומנעמען דעם האַלדז, און אַזוי אָפּזיצן גאַנצע שעהן.

צי איז עס דיר נישט קיין שאָד, מאַריניע?

עס איז דאָך אונדז אַזוי גוט געווען, עס איז דאָך אונדז אַזוי גוט געווען. צי קענסטו דען אַנדערש זאָגן? צי דען האָסטו דאָס מיר נישט געזאָגט הונדערט מאָל, אז דו ביזסט גליקלעך, אַז קיין גרעסער גליק וואָלסטו זיך גאָר נישט גע-ווונטשן און דו וואָלסט עס גאָרנישט געוואָלט? זאָג, מאַרי-ניע, צי איז דען דיר שלעכט געווען מיט מיר?... זאָג, צי וועסטו שוין קיינמאָל, שוין קיינמאָל, נישט זיין מיין ווייב? וועסט דיך נישט צוריקקערן צו מיר? קיינמאָל? און צי האָסטו דיך אינדערמאַמתן אָפּגענאַרט, ווען דו האָסט מיך געליבט?

איך הער, ווי זי גייט איבערן צימער. זי גייט, וואָס אַמאָל גיכער. שטענדיק גייט זי אַזוי שנעל, אויב זי טראַכט נאָר עפּעס. פון אַ געוויסער צייט באַמערק איך, אַז אין איר קומט עפּעס פאָר, ווי זי וואָלט האַלטן בײַ עפּעס באַשליסן. איך קוק אויף איר, און דער אינסטינקט זאָגט מיר נישט קיין שום שלעכטס... אפשר וועט זיך נאָך אַלץ פאַרבעסערן, אפשר וועט דאָס אַלץ בלויז זיין ווי אַ שרעקלעכער חלום — עס וועט נאָר בלויז זיין אַ שרעקלע-

כּע דערינערונג אין לעבן. ווען זי וואָלט איצט דאָ אַהערגעקומען, נאָנט, זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דערדאָזיקער פּאַטער-שטול, זיך צוגעבויגן צו מיר, מיר פֿאַרוואַרפֿן די הענט איפֿן האַלדז און אַזוי אַ שעפּטשע געטון: לודוויש.. וויפֿיל מאָל איז דאָס אַזוי געווען, ווען זי האָט נאָר געוואָלט געצערטלט ווערן... ווען זי וואָלט דאָס אַזוי אַצינד געטון... צו די פֿיס וואָלט איך איר געפֿאַלן, די קני און קנעכלען איר געקושט, אויף די הענט זי אַרומגעטראָגן, און געוויינט וואָלט איך, כ'וואָלט געוויינט פֿאַר גליק...
ווען זי וואָלט זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט אונטער מיר, זיך אַראָפּגעבויגן און, אַרומנעמענדיק מיך באַם האַלדז, שטיל אַ שעפּטשע טון: לודוויש... מאַריניע מיינע! מאַריניע! זי גייט, — יאָ, יאָ, זי גייט, — זי בייגט זיך איין, — נעמט מיך אַרום, — עפֿנט דאָס מויל, — אַך, ניין, ניין! דאָס איז אַ חלום!... און ווען איך וואָלט דאָס צו איר געגאַנגען, ווען... אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי? זי ליבט דאָך וועמען אַנדערש! מיך האָט זי דאָך „קיינמאָל נישט ליב געהאַט!” ס'איז אוממעגלעך, — איך קען צו איר נישט גיין...

און איך גאַר אַזוי נאָך אירס אַ קוש, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס לעבן וואָלט איך אָפּגעגעבן פֿאַר איין קוש... פֿאַר גאָרנישט, פֿאַר גאָרנישט, נאָר פֿאַר איין קוש, פֿאַר איין צורירן פֿון אירע דראָבנע, קליינע, ראָזע, פֿייכטע ליפּעלעך, — בלויז פֿאַר איין באַרירונג פֿון אירע ליפּעלע... ווען זי וואָלט גענומען די האַנט און די פֿינגער מיר געקושט... אַמאָל האָב איך כמעט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט. און היינט! אַך? שוין נישט פֿאַר אַ קוש פֿון אירע ליפּן, נאָר אפֿילו פֿאַר איין ריר מיטן שיכל אויף איר פֿוס, וועל איך דאָס לעבן אַוועקגעבן...

גאָט מיינער! זי גייט דאָ אַהער... איך הער, ווי זי פֿאַרוואַרפֿט אויף זיך דאָס טוך, — זי איז שוין בײַ דער טיר... איך ציטער אינגאַנצן... איך האָב מורא... נאָך וואָס קען זי דאָס גיין?!...

זי שטייט אין דער טיר, ווי זי וואָלט זיך געשעמט אַרײַנצוגיין. אינם ווייסן שלאַפֿראָקל און אינם העלן טיכל, איז

זי איז אַנצן חיים. זי ווייזט זיך מיר אויס, ווי עפּעס גאָרנישט קיין ערדישע... זי זעט אויס, ווי אַ גייסט... מאַריניע, איך האָב מורא פאַר דיר...

וואָס וויל זי? צי וויל זי אויפן ים אַ קוק טון? צי וויל זי רעדן מיט מיר? צי וויל זי אַ קוש?

וואָס ווילסטו, מאַריניע?... איך בין נישט דרייסט זי צו פרעגן.

אַרום אונדז איז פינסטער, פאַר אונדז איז דער ים און דער וועזוף, וואָס רויכלט זיך יעדע מינוט, דאָס ים גערויש, עס איז שטיקנד און שטיל. אַ שטילקייט!... מיר דאַכט זיך, אַז עפּעס אַ שוואַרצער גייסט שטייט צווישן אונדז; און ביז ער וועט נישט אַוועקגיין, קענען מיר נישט רעדן.

זי דערנענט זיך צו מיר, נעמט מיך פאַר דער האַנט, — רעדט:

— ליודוויק, הער אויס, אַזוי לענגער קען שוין נישט זיין...

וואָס האָב איך דען צו ענטפערן? איך פיל איר האַנט אויף מיינער, אַ קליינע, אַ גלאַטיקע, אַ קאַלטע. איך פיל זי באַנט זיך. איך פיל זי אינגאַנצן, די וווּנדערלעכע, די שיינע, די ליבע, די מיינע, מיין ווייב...

— ליודוויק, הער נאָר, — חזרט זי נאָך אַמאָל איבער — איך וויל מיט דיר רעדן, עס קען דאָך אַזוי ווייטער נישט זיין! נאָך אַזוי... אַז דאָס זאָל זיך ענדערן.

אָ, מיין געטין! דאָס האָט זי טאַקע וועגן דעם אַזוי גע־טראַכט! וועגן מיר האָט זי דאָס געטראַכט, און טאַקע וועגן דעם, אַז מיר זאָל בעסער ווערן, כדי איך זאָל קענען לעבן!...

איך בין נישט דרייסט איר האַנט אָנצונעמען, איך בין נישט דרייסט איר האַנט אָנצורירן. וואָס וועט זי ווייטער זאָגן? — דו זעסט אונדזער לעבן, — זאָגט זי — אונדזער לעבן ביז היינט, דאָס איז געווען אַ זייער מיאוס לעבן. מיר האָבן בלויז געלעבט פאַר זיך, פאַר אונדזער גליק בלויז, פאַר אונדזער עגאָיזם. צי האָבן מיר דען ווען עפּעס גוטס געטון?..

איך פאַרשטיי דיך, איך פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט! דו ווילסט מיך אויספּרוּוון, ווידער צוריק ליב קריגן, דו ווילסט דיך פּשוט קענען פריש פאַרליבן אין מיר, און בעסער: דו ווילסט, איך זאָל סאַקע דיין ליבע ווערט זיין. איך פאַרשטיי דיך: דו דערלאַנגסט מיר אין האַנט אַריין דאָס מיטל, דורך וועלכן איך קען דיך צוריקגעפינען. אָ, מיין הייליקע! אָ, מיין מלאך!

אָ, יאָ, אָ, יאָ! זאָל מען מיר דאָס לעבן צונעמען, נאָר דו שיק מיר צו אַ שמייכל אויף עשאַפאָט אַרויף, געזעגן מיך מיטן דאַזיקן וואָרט בלויז: איך ליב דיך!...

פאַרוואָס קען איך איר דאָס הויך נישט זאָגן?... פאַרוואָס... אָט פאַרוואָס, ווייל גלייכצייטיק פילט זיך אויך אָנגערירט מיין גאַנצער מענערישער שטאָלץ אַזש ביזן בלוט. וואָרים נישט איך האָב דאָס זי אויסגעלערנט, אַז מען דאַרף לעבן נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נישט נאָר פאַר אונזער גליק, נישט נאָר כאַרן עגאָיזם; וואָרים נישט איך האָב דאָס איר אָנגעוויזן, אַז אַ לעבן, אין וועלכן עס איז נישטאָ קיין אָפּפער, איז אַ מיאוס לעבן; וואָרים נישט איך האָב איר אויפגעדעקט דאָס פוסטקייט זעלבסטבאַרקייט, אומנוצלעכקייט פון אונדזער פריערדיקן לעבן...

דאָס אַלץ האָט געטון ער, רישאַרד האַלניצקי, אַ מענטש, וועלכער האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן מיר און איר, ווי דאָס גע־שפענסט פון טויט.

און זי זאָגט:

— נישט אמת, ליודוויק?

יאָ, יאָ, אמת, אַמאָל, אמת, מיט עטלעכע חדשים צוריק נאָך, וואָלט איך דיך פאַר דידאָזיקע ווערטער אויף די הענט צו מיין מויל אויפגעהויבן, אָבער היינט, — גאָט מיינער, היינט זענען פאַר מיר דידאָזיקע ווערטער, דידאָזיקע הייליקע ווערטער דיינע, פייער אין שוועבל אין דיין מויל. איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך פיל דיך אַזאַ ווייכע, אַזאַ וואַרעמע, אַ וווּנדערבאַרע, זינט אַזוי פיל חדשים שוין אַ פאַרלוירענע. זינט אַזוי פיל חדשים אַזאַ באַזונדערע, און ביזסט דאָך פאָרט מיין ווייב!...

— דו זעסט, איך ווייס, — זאָגט זי — איך האָב דאָס ע״שט איצט פאַרשטאַנען, אַז דו האָסט זיך פאַר מיר טאַקע מקריב געווען, איך ווייס, וואָס דו ביזסט פאַר מיר געווען, און וואָס דו האָסט נאָך געקענט זיין. דו טאַקע האָסט דיך פאַר מיר מקריב געווען, פאַר מיר און דורך מיר ווערט פון דיר אַזאַ תל; עס טוט מיר אַזוי ווי דאָס האַרץ, ווען איך טראַכט דאָס. איך האָב מיך אויף דעם גאָרנישט אָפגעשטעלט. דו האָסט מיר קיינמאָל נישט געזאָגט, וואָס דו האָסט אַלץ צוליב דעם פאַרלאָזט, כדי צו שאַפן אַהיים. איך האָב דאָסדאָזיקע נישט פאַרשטאַנען. איך וויל זיין אַזוי, ווי אַנדערע פרויען באַ לייטן, וועלכע אַרבעטן פאַר עפעס. איך וויל אויך אַרבעטן, איך וויל אָרים זיין, איך וויל הונגערן, אָבער איך וויל נישט, אַז מען זאָל אויף מיר זאָגן, אַז איך האָב באַגנבעט אַ מענטש, אַז איך האָב אים אָוועקגעגנבעט באַ טויזנטער אַנדערע. איך וויל אויך אַ מענטש זיין...

... רעד, רעד! יעדעס וואָרט דיינס איז אַ נייער שטילעט אין מיין האַרץ. שוין פינף יאָר קענסטו מיך, און קיינמאָל איז עס דיר אויפן געדאַנק נישט געקומען. פינף יאָר קענסטו מיך, ביזסט מיין כלה געווען און מיין ווייב אפילו ביזסטו, און פונדעסטוועגן, איז דורך דידאָזיקע גאַנצע, לאַנגע פינף יאָר דיין נשמה און דיין האַרץ לעבן מיר אַלץ געשלאָפן און דורך דידאָזיקע גאַנצע צייט האָב איך גאָרנישט באַ דיר געקענט אַרויסרופן, גאָרנישט, און דאָ איז געקומען עפעס אַ פרעמדער מענטש און דורך אַ פאָר געשפרעכן, צייט עטלעכע אָוונטן. האָט ער דיר די נשמה געעפנט און דאָס האַרץ, ווי אַ בלום פונאַנדערגעוויקלט. אָ, וואָס פאַר אַ ווייטיק!

צי פילסטו נישט, מאַרינע, צי פילסטו דאָס נישט, ווי דו פאַרוווּנדעסט מיך שרעקלעך?! און וואָס פאַר אַ שוטה איך בין! זי האָט דאָך נאָך וועגן דעם גאָרנישט געטראַכט, כדי מיך ווייטער צו קענען ליבן — צי קען מען דען זיך וואַרפן מיט אַ האַרץ, ווי מיט אַ פילקע? ניין, זי האָט נאָר בלויז געוואָלט, אַבי קיין עקל צו מיר נישט פילן, כאָטש קיין עקל... אַזוי נאָנט

איז זי, אַזוי נאָנט, אַז באַ יעדן וואָרט פיל איך אַזש איר אָטעם אויף מיין פנים... איך זע, ווי איר ברוסט באַוועגט זיך אַרויף און אַראָפּ, דידאָזיקע מיידלישע ברוסט... איך זע זי אינגאַנצן, זי דערמאָנט מיך, אַז זי איז לעבן מיר, זי איז מיי נע. איז ווער־זשע האָט דאָס רעכט אַוועקצושטעלן צווישן מיר און איר אַ מחיצה?! פאַרוואָס טאַקע האָב איך מיך דערווייט ערט פון איר? זאָל־זשע די גאַנצע וועלט זיך איבערקערן! זאָל דער הימל אַראָפּ־זינקען!

ווי טרויעריק איז געווען דער זשעסט, מיט וועלכן זי האָט מיך אָפגעשטופט פון זיך... נאָר אַ פרוי, וואָס ליבט עמעצן און פילט זיך שולדיק, קען אַזוי טרויעריק אַפשטופן. מאַריניע איז צו ריין און צו שטאָלץ, — אפילו דעם מאַן קען זי זיך נישט אָפגעבן אָן ליבע.

איך האָב זי אַ כאַפ געטון אין די אָרעמס, זי צוגעצויגן צו זיך, צוגעדריקט, מיטן מויל אָנגעהויבן זוכן אירע ליפן, שעפ-טשענדיק: זאָג, דו וועסט מיך נאָך ליבן? זאָג? איך וועל אַלץ טון, וואָס דו וועסט נאָר וועלן, אויפן טויט וועל איך גיין, נאָר זאָג, דו קענסט מיך נאָך ליבן? נאָר דעם אמת זאָג, דו האָסט זיך נישט גענאַרט, אַז דו האָסט מיך געליבט, דו האָסט מיך אויף אַן אמת געליבט? ווירקלעך אויף אַן אמת? נו זאָג! דו האָסט זיך נישט גענאַרט, דו האָסט מיך באמת געליבט, נישט וואָר? דו וועסט אין אַלץ פאַרגעסן, דו וועסט נאָך ווידער מיינע זיין...

איך האָב אָנגערירט אירע ליפן, אָבער אירע ליפן האָבן מיינע נישט אָנגערירט. זי האָט מיר נישט אָפגעגעבן קיין קוש זי האָט אַרויסגעצויגן אירע הענט פון מיינע, זיי אַרויפגעלייגט

אויף מײַן האַרץ, מיך אָפּגעשטופּט פון זיך. איך בין נישט דרייסט געווען זי נישט אָפּצולאָזן. איך וואָלט זי געוועזן געקענט אַ פּאַס טון, ווי אַ קינד אויף די הענט און אַוועקט רעגן אין צימער אַרײַן. איך האָב געקענט מיט איר טון, וואָס איך וואָלט געוואָלט, זי וואָלט זיך מיר נישט געווען אַנטקעגנגעשטעלט. ווען זי וואָלט זיך מיר געוועזן בגעוואַלט אַרויסגעריסן, וואָלט איך דאָס געווען געטון. אָבער זי האָט מיך לײַכט אָפּגעשטופּט, אַזוי לײַכט און אַזוי טרויעריק. ווי קען זיך דען אַ פרוי אָפּגעבן, ווען זי ליבט באַר אַן אַנדערן? זי פילט זיך שולדיק לגבי מיר, שולדיק אויף נישט מוחל צו זײַן, נאָר פונדעסטוועגן, פאַרלאַנגט זי פאַר איר ליבע שענונג. איר ליבע קען טאַקע זײַן אכזריותדיק, אָבער איר נשמה איז דאָך אַ ריינע. און איך מיין, אַז זי האָט אפשר ערשט איצט, אין דערדאָזיקער מינוט, דאָס פאַרשטאַנען, קלאָר און דײַטלעך עס דערזען. און ווען זי וואָלט מיר געוועזן צו די פיס געפאַלן, וואָלט זי מיר נישט געקענט אויסדריקן קיין גרעסערן צער, קיין גרעסערן ווייטיק, ווי דערדאָזיקער, וועלכן עס האָבן מיר אויסגעדריקט אירע אויגן, ווען זי האָט אויף מיר אַ קוק געטון פון דער טיר פון איר צימער. זי איז דאָך מײַן פרוי, זי האָט דאָך מיר צוגעשוווירן ליבע און טרײַשאַפט, — וויל זי טאַקע מיך ליבן, און וויל נישט ליבן קיין אַנדערן. — און וואָס זאָל זי טון?...

און דו, ים, רויש, רויש! לײַכט, דו רויטער באַרג! לויפּטס זיך צוזאַמען פון הימל, איר דונערן, וואָס הענגען דאָרט אין די פינסטערנישן. נעמט זיך צוזאַמען און שלאָגט איין אין דערדאָזיקער שרעקלעכער חורבה מײַנער, אין דערדאָזיקער איינזאַמקייט! וואָרים אָט בין איך אויף דער וועלט אַזוי ווי עפּעס אַ פאַרגעסן שיפל אויפן אָקעאַן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער וואַנדערער אין די אייז-בערג. אַרום מיר איז גאָרנישט דאָ, בלויז פינסטערניש. מײַן בליק קען זיך פרײַ בלאָנדזשען, — ער וועט זיך אין ערגעץ נישט פאַרהאַלטן. מײַנע אויערן קענען הערן, — קיין זאַך וועט צו זיי נישט דערגרייכן. איך האָב נישט צו וועמען צו רעדן. איך האָב נישט צו וועמען צו רופן. איך האָב נישט מיט וועמען

בײ עסן צוזאַמען, איך האָב נישט מיט װעמען צו שלאָפֿן. אויב איך װעל קראַנק װערן, האָב איך נישט קײנעם. אויב איך װעל שטאַרבן, װעל איך זיך אַפֿילו נישט האָבן מיט װעמען צו געזעג־גענען. װעגן מײַן גליק טראַכט נישט קײנער. מײַן טרויער און פֿרײד זענען בלויז פֿאַר מיר. מײַן גאַנץ לעבן איז בלויז — מײַן לעבן.

איז טאַקע טרויעריק מײַן נשמה אַזש ביזן טויט אַרײַן. רויש, דו ים, רויש! בײַן װײַטיק װעט אין דיר נישט פֿאַרשלונגען װערן, עס װעט נישט דערטרונקען װערן מײַן צער. זײ װיגן זיך בלויז איבער דיר, װי צװײ פֿאַרבלאָנדזשעטע פֿײגל, שלאָגן זיך אָן מיט די פֿליגל אויף דײַן װאַסער, הײבן זיך אויף און פֿאַלן אַראָפּ אין דײַן קעסל־גרוב, אין דײַן טיפֿעניש. דו, רויט פֿײַער פֿונם ברענענדיקן באַרג, — צי זעסטו דידאָזיקע צװײ פֿײגל אויפֿן װאַ־סער? װי זײ קרײַזן אַרום, װי זײ קרעכצן, װי זײ שלאָגן מיט די פֿליגלען און מיט די ברוסטן אָן װאַסער, װי זײ האַלטן דאָס פֿאַר זיך קײן אָרט נישט געקענט געפֿונען, װי זײ װאָלטן אין ערגעץ קײן רו פֿאַר זיך נישט געהאַט, די צװײ שװאַרצע גרױסע פֿײגל. דאָס איז מײַן צעריסענע נשמה, דאָס איז מײַן צער און מײַן טרויער, דאָס איז מײַן װײטיק, אויף װעלכן עס איז שוין גאָר קײן װערטער נישטאָ, קײן געדאַנקען.

און מאַריניע װײנט דאָרט אין צימער. און דאָס איז דאָס לעבן. יאָ, דאָס איז דאָס לעבן. און דערנאָך קומט דער טויט, און מען פֿאַרקאָפּעט דעם מענטש, און אַפֿילו מיט דעמדאָזיקן, אַז ער האָט אַמאָל געליבט און געליטן, אַז ער איז געװען גליק־לעך און אומגליקלעך, אַז ער האָט װען רחמנות געהאַט אויף אַ הונט, װען מ׳האָט אים געשלאָגן, און אַז אין שול אַרײַן איז ער געגאַנגען מיט אַ טעקע, אַז ער האָט געגעסן און געטרונקען, אַז ער האָט געהאַט עפּעס אַמאָל אײן יולי־פֿרימאָרגן, װעלכן ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זי״נס מיט טרערן אין די אויגן דער־מאָנט און עפּעס אויך אײן זון־פֿאַרגאַנג, װען דאָס האַרץ האָט אים עפּעס אַזוי געקלאַפּט, פּונקט װי אַ מלאך װאָלט זיך צו דעם צו־גערירט, — און מיט דעם אַלעם, — און טאַקע מיט דעם אַלעם,

מיט דער גאַנצער מאָזאַיק פונם לעבן, איביינעם מיט זיין נשמה, און מיט זיין שלעכטער אָדער גוטער פאַרדייונג, מיט זיין מוח און מיט זיין אויגן=אָדער נירן-קראַנקהייט, מיטן איבערגעלאָזטן שוואַרצן ראָק אין דער שאַנק און מיט טויזנטער נישט פאַר-ווירקלעכטע פאַרלאַנגען אין האַרץ, מיט דעם אַלץ גיי איך שלאָפן אינם פינסטערן גרוב אַריין, אין קבר, אויף לעולם ועד. אמן.

* * *

עפּעס אַ פאָלקס פּראָצעסיע ציט זיך פאַרביי אונטער מיין באַלקאָן. אַ גרויסער המון מענטשן מיט פענער, אָפּצייכנס, מיט מוזיק. עפּעס אַ פאָלקס-יום-טוב. מען זינגט, מען שרייט, מען טומלט. זיי האָבן גצר אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דער נויט און עס דאַכט זיך זיי באַך אַלץ אויס, אַז זיי וועלן די וועלט מיט די פּיס אַרויף איבערקערן. אָבער אַ חוץ דעם דרייט זיי אויך אין די בייכער פון הונגער. די זון קוקט אויף זיי, אַ העלע, אַ פייערדיקע, אַ הימלישער וואָלקאַן. זי בראָט זיי און ברענט זיי, אָבער זיי אַרט דאָס נישט, — אַזוי פלאָנטערט זיך זיי אין די קעפּ, אַזוי פיל דרייט עס זיי אין די בייכער. עס גייען — מענער, פרויען, קינדער — די מענטשהייט.

און אויף דעם אַלץ, אויף דערדאָזיקער גאַנצער פּראָצעס׳ע קוקט די שרעקלעכע איראָניע פונם דאַזיין; די זון, וועלכע איז די טאַטע-מאַמע פון יעדער באַשעפעניש, פון וועלכן עס שטאַמט דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, די זון, וועלכע דערלאָזט נישט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ שטיין, און גיט אויך נישט געווענליכט און וואַרעמקייט, כדי צו קענען זיין אַ גייסט, דאָס איז טאַקע די שרעקלעכע איראָניע פונם דאַזיין. זי איז גאָרנישט אַזוי

גלייכגילטיק, ווי דער הימל, וועלכער ווילט די וועלט נאָך פון דורי דורות אָן מיט זיינע דונערן און מיטן שמייכל פון אונטער די וואָלקנס אַפּער, — די זון קוקט, דעקט, מאַכט חוזק. זעט אַלץ און לאַכט. עס האָבן זיך אָנגעמערט מיליאָנען מוראַשקעס, וועלכע עס האָט זיך דווקא פאַרגלוסט בויען זייערע בערגלעך אויפן וואַסער, — ווייל פאַר זייער אידעאַל האָבן זיי גענומען — די ביבער *). פאַרוואָס גראַד די ביבער, און דווקא די ביבער, דאָס טאַקע בלייבט אַ סוד, hic salta, hic Rhodus — אָבער די זון זעט דאָס און פלאַצט פאַר געלעכטער. וואָרן אָט טאַקע שוין פון טויזנטער יאָרן, נאָך פון אָנהייב פון זיין עקזיסטענץ, ווילן אַלץ די אַלע מורעווקעס פון דער וועלט בויען זייערע בערגלעך אויפן וואַסער, ווייל זייער אידעאַל איז די ביבער. דאָס אפילו איז נאָך געווען זייער ערשטער געדאַנק, זייער ערשטע גייסטיקע באַוועגונג. אויף דער שפּראַך פון די מורעהקעס הייסט דאָסדאָזיקע אידעאַל, אידעאַל פון דער ביבער... Eritis sicut

אַריינגעבנדיק זיי דעמדאָזיקן געדאַנק, וואָרים נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר די אַלץ-שאַפנדע זון האָט דאָס טאַקע זיי דעמדאָזיקן געדאַנק אַריינגעגעבן, האָט די זון אָנגעהויבן צו לאַכן. טויזנטער יאָרן פאַרגייען, זי פלאַצט אַלץ פאַר געלעכטער. דער אידעאַל פון די מוראַשקעס איז געווען, איז און וועט זיין אַלץ די ביבער. דו לאַכסט, זון, דו רויטער פּאַקעל פון דער וועלט? דו לאַכסט? איך לאַך אויך. איך קוק אויף דעמדאָזיקן המון אָרימעלייט, מיט די פּענער, מוזיק, געזאַנג און געשריי, איך קוק אויף דעמדאָזיקן געדראַנג, וואָס צו אים קוקט מען זיך צו פון די פענסטער, געוועלבער, באַלקאָנען און פון די אויסגעצירטע קאַרעטעס, — איך קוק אויף דעם, און לאַך. זייער אַלעמענס אידעאַל, סיי אָרים און רייך, סיי קליין און גרויס, גליקלעך און אומגליקלעך, זייער אַלעמענס אידעאַל איז די ביבער, און אויב אָרים און רייך, קליין און גרויס, גליקלעכע און אומגליקלעכע וועלן אויפהייבן דעם קאָפּ,

*) אַ גישטיק וואַסער-חיה הלע.

וועלן זיי איבער זיך דערזען אַזוי ברייט, ווי דער הימל איז אויסגעשפּרייט, אַ ריזעדיקע, אומענדלעכע, אייביקע און איבער-אייביקע נויט פונם מענטשלעכן לעבן.

אַלע... אָבער פונדעסטוועגן איז מיין האַרץ דאָרט, מיט דעמדאָזיקן המון אין דער פּראָצעסיע.

דאָס האַרץ? אָך! ווען עס וואָלט טאַקע דאָרט געווען! ווען איך וואָלט געקענט גיין צוזאַמען מיט זיי, כאָטש ווי זיי אַן אָפּגעריסענער, כאָטש ווי זיי אַ צעטרעטענער און אַרויסגעוואָרפענער פון דער חוינונג, אָבער וואָס לעבט מיט עפּעס אַ בשותפותדיק לעבן, מיט עפּעס אַ געדאַנק, מיט עפּעס אַ האָפענונג. ווען איך וואָלט געקענט זיך דאָרט צווישן זיי, אין אַלעם פאַרגעסן, אַנטלויפן פון אַלץ, זיין אַן אַרבעטנדיקע בהמה, זיין אַ געשלאָגענער און צעטרעטענער הונט, אָבער האָבן עפּעס פאַר זיך, האָבן עפּעס אַ גלויבן, עפּעס אַ ציל, פילן אין זיך עפּעס אַ מין עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג... ווען שוין נישט פאַר זיך, איז פאַר דער צוקונפט, פאַר די קינדער, פאַר די אייניקלעך, אוראייניקלעך, אור-אור-אייניקלעך... אָבער איך, — איך בין מאַריניעס מאַן און די איינציקע עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג מיינע, איז ליידן אָן אַ שום ציל, ליידן לשם ליידן. און די זון קוקט אויף מיר און — פּלאַצט פון געלעכטער, לאַכט נאָך מער, ווי פון זיי, לאַכט און טריומפירט, ווייל איך טאַקע זע דאָסדאָזיקע געלעכטער און הער, און זיי — נישט. זיי ווילן זי, זי קוקט אויף זיי, ווי אַ קעניג, וועלכן מען זעט נישט פון זיין שלאָס אַרויס; אָבער איך בין דאָס דער קעניגלעכער לץ, איבער וועלכן מען קען שפּאַסן אָן אַ שיעור, און נאָך מיט דער סאַטיספאַקציע, וואָס ער פאַרשטייט און פילט. אַ לץ צאָלט מען מיט גאָלד, מיר — מיט ליכטיקייט און וואַרעמקייט.

און מחנות מענטשן גייען, גייען מיט מוזיק, מיט געטומל, מיט געזאַנג, מיט פענער. מאַריניע שטייט אין איר פענסטער, אינגאַנצן אַ צעשטראַלטע, אַ צעהיצטע, איך זע, זי האָט טרערן אין די אויגן, פּאַכעט מיטן טיכל, און הינטער איר שטייט — רישאַרד האַלביצקיס שאָטן.

צי מיינט איר, אַז זי ליבט אייך, אייך דאָרט, אונטן? ניין!

אים ליבט זי, און אייך, אייך דורך אים. איר זענט נאָר פאַר איר די שוואַרצע מאַסע, וועלכער מען וואָלט באַדאַרפט געבן אַ נדבה, ווען זי וואָלט געשטאָרבן פון הונגער, און איצט קוקט! אָט דאָס איז אייער הייליקע, אָט דאָס איז די יעניקע, פאַר וועלכער איר זענט זיך מתוודה, אָט דאָס איז די גלויביקע אייערע און די אַפּאָ־סטאָלין! קוקט אייך בעסער איין, אָט אָ דאָרט, הינטער איר, שטייט אַ שאָטן, — דאָס איז רישאַרד האַלניצקיט שאָטן. און קוקט נאָר אינדערהייך, — דאָרט איז די זון...

*

*　*

ווען מיר וואָלטן כאָטש געהאַט אַ קינד; — יאָ, אַלץ וואָלט אַנדערש געווען, ווען מיר וואָלטן נאָר אַ קינד געהאַט!... מיר זענען אָבער אַלץ געווען באַ דער מיינונג, אַז אַ קינד וועט אונדז שט:רן אין אונדזער ליבע, און אַ חוץ דעם פאַראורטיילן דער פרוי צו אַזעלכע ליידן, ריזיקירן, טאָמער וועט זי נישט אויסהאַלטן און שטאַרבן... וואָס וואָלט איך געטון, ווען מאַריניע וואָלט געשטאָרבן, וואָס וואָלט איך טאַקע געטון, ווען מאַריניע וואָלט דורך מיר געשטאָרבן?... איך האָב מיך אַרומגעטראָגן מיט אַן אידעע-פיקס, אַז זי וועט שטאַרבן. זי האָט אויך פאַר דעם שרעקלעך מורא געהאַט און נישט איינמאָל, קוקנדיק אויף זיך, אויף איר מיידלישן, פולשטענדיק יינגטלעכן וווקס, פלעגט זי מיט אַ טרויעריקן שמייכל זאָגן:

— עס וואָלט מיר אַזאַ שאָד געווען...

און איך האָב זי דאַמאָלס אינדערהייך אויף די הענט אויפגעהויבן און האָב איר אויך געזאָגט:

— אי מיר וואָלסטו זייער אַ שאָד געווען, מיר וועלן נישט האָבן קיין קינדער, אָדער אַמאָל, שפּעט, שפּעט...

און אַצינד גאָר זע איך, אַז ווען מיר וואָלטן איינס גע-

האָט, וואָלט שוין אַלץ אַנדערש געווען, עס וואָלט געמוזט אַנדערש זיין.

פונדעסטוועגן, האָט זיך דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד, וואָס מאַכט דאָס לעבן באַקוועם, שטענדיק פאַרמירט לויט די געזעצן פון דער נאַטור. אַ פאַרפאַלק דאַרף לויטן פשוטן פאַרשטאַנד קינדער האָבן. דאָס בינדט די פרוי מיטן מאַן, דעם מאַן מיט דער פרוי, פילט אויס דעם בלייז אין לעבן, פאַרנעמט דעם געדאַנק און דאָס האַרץ. מען קען נישט זיין — זאָגט דער פשוטער פאַרשטאַנד — קיין אייביק געליבט פאָר, מען קען דאָס אפילו לאַנג נישט זיין. די צערטלערייען ווערן אַלטעגלעך, די פרוי דערזעט אַרום זיך אַ פוסטקייט און הייבט אָן טראַכטן וועגן נאַרישקייטן. וואָרים באַטירלעך, — לויטן פשוטן פאַרשטאַנד — טראַכט טאַקע מאַריניע וועגן נאַרישקייטן. די פרוי וועט גיכער אין אָרדנונג האַלטן אַ קינד, — זאָגט דער פשוטער פאַרשטאַנד. מאַריניע איז שוין נישט קיין אָרגטלעכע פרוי: זי ליבט זיך און טראַכט וועגן נאַרישקייטן. און צי איז דען דער פשוטער פאַרשטאַנד נישט די גרעסטע חכמה? וואָרים איבעריקנס, צי איז דען נישט דער קליגסטער דער יעניקער, וואָס האָט באַוויזן אַמבאַקוועמסטן זיך דאָס לעבן איינצואָרדענען? צי, אין גרונט גענומען, איז דען אינדעראמתן נישט געווען גערעכט דער אָנגעפרעסענער פיליסטער, עפּעס אַ הער קופּקע, אַן אייגנטימער פון אַ ברויערײ, אָדער עפּעס אַ הראַביע לאָקאַיסקי, ווען ער וואָלט מיט אַ נידערטרעכטיק-סאַרקאַסטישן שמייכל געלייענט:

„שלאָפן דאַרפן קענען יענע, וועמען איינגעפאַלן
ס'איז די אָדלער-פעלזן זיך אַלס היים צו מאַכן,
ווען די אַפּלען ווערן רויט פון דונערס קנאַלן
און די ביימער רוישן מיט אַ שדיש לאַכן.
כ'האָב אַזוי געלעבט... איצט פיל איך — טרערן פאַלן
מיר פון ד'אויגן. כ'וויל דעם טרערן-קוואַל פאַרמאַכן,
און נישט לאָזן קיינעם פון מיין פּנים לעזן,
ווי עס איז דאָס קבר אַנגסטלעך מיר געוועזן...“

וואַרים, צו וואָס זיך אויסקלייבן אַן אָדלער־נעסט אויף די פעלזן, אַנשטאָט אַ הויז? צי וואָס? אויב דערנאַך דערשטיקט מען אין זיך די טרערן דערפאַר, וואָס מען איז פיל מיט בושה, וואָס דאָרטן, אויף די אָדלער־פעלזן, צו וווינען מיטן מלאך המות, — וואָלט אויך געווען שרעקלעך. נאַפּאָלעאָן דער גרויסער, ענדיקנדיק אויף דער אינדזל „הייליקע העלענע", איז געווען טאַקע אַ גרויסער. עס איז נישט דער אייגנטימער פון דער ברויעריי, דער הער קופּקע, אָדער גאָר עפּעס אַ הער שאַמבעליאַנסקי; אַבער צי זענען נישטאָ קיין קליגערע? צי די העכסטע חכמה איז דען נישט דאָס צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען, דאָס דערווערבן זיך די העכסטע מדרגה פון גליק? נאַפּאָלעאָן דער גרויסער האָט זיך צו די באַדינגונגען צופּאַסן נישט געקענט, — קענען דאָס דער הער קופּקע און דער הער שאַמבעליאַנסקי.

דער פּשוטער פאַרשטאַנד איז גאָרנישט אַזאַ נאַרישער, ווי מען האַלט אים בכלל. ער לערנט, אַז מען זאָל זיך אויך באַנוצן מיט יענעמס דערפאַרונג, זיך קענען אָפּפערן פאַר עפּעס און נאָכגיין נאָך דער מערהייט. די דערפאַרונג האָט מיך געלערנט, אַז אַ קינד באַ אַ פּאָר־פאָלק שאַפט אַ זיכערקייט און אַ פונדאַמענט. איך זע דאָך, אַז אַלע האָבן קינדער. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ביזן טויט אַריין וועלן מיר פאַרבלייבן אַ פּאָר געליבטע, און — נאָך קיין דריי יאָר נישט אַריבער און מיר האָבן שוין אויפגעהערט צו זיין נישט נאָר קיין ציגיינער־געליבטע, נאָר אפילו קריסטלעכע מאַן־און ווייב. און איצט, — איצט קען איך שוין נישט אפילו וועגן קיין ענלעכס רעדן מיט מאַריניען. צי וואָלט דען איצט פאַר איר געקענט זיין עפּעס אָפּשיילעכערס, ווי האָבן מיט מיר אַ קינד? איצטער?! און דאָס איז דאָך — מיין חייב.

מיין נעסט געפינט זיך נישט אויף די אָדלער־פעלזן, מיין נעסט איז דאָ אויף דער ערד, אָבער מיינע רויטע ביימען זענען פונם קראַך איבער מיין קאָפּ און די טייוולאָנים קרעכצן איבער מיר. אָבער נאָך פאַרן קבר האָט זיך שוין דער מלאך המות פאַר מיר אָפּגעשטעלט און מיט זיין פינגער מיך אָנגערירט,

אַ צייכן געמאַכט. מיין פאַרנעמען זיך מיטן טויט קומט נאָך פאַר באַם לעבן.

„טאָ גייט-זשע, פאַרשאָלטענע, אינם אייביקן גיהנום, דאָרטן וועט איר הערן בלויז געוויין און אַ קריצן מיט די ציין“.

* * *

אַזעלכע, ווי הייַנט, איז נאָך מאַריניע קיינמאָל נישט געוועזן! זי האָט נישט קיין טראָפּן בלוט אין פּנים, איך זע, אַז זי קוקט, אָבער זי זעט נישט. הערט זיך צו, און זי הערט נישט. וואָס האָט איר געקענט געשען? ווען איך בין אַרויס פון שטוב איז זי געווען ווי געוויינטלעך; ווי געוויינטלעך: דאָס הייסט אַ טרויעריקע, מיטן זעלבן אומעטיקן, שטילן און לייכטן טרויער פון רעזיגנאַציע. וואָס פאַר אַ כריילעכע איז זי עס אַמאָל געווען! גיט נאָר אַ טראַכט, אַז עוין אַ האַלב יאָר הער איך נישט איר געלעכטער, איר שעפּטשען, איר געזאַנג, איך זע נישט איר שמייכל..

אַ בלום, אַ צעוויגטע אין ווינטעלעס ווייען,
ווערט קיינמאָל אַ האַרץ גאָר אַזוי נישט דערפרייען;
די אַלפּישע שנייִקע יונגפרוי, ווען ס'שיקן
די שטראַלן די לעצטע איר ראָזלעכע בליקן,
וועט קיינמאָל אַ וואַנדערערס אויג נישט אַנטציקן,
אַזוי ווי די רויטקייט זין קורצן געדויערן,
וואָס ווערט אין אַ שמייכל פון אומשולד געבוירן.

אָ, שענסטע פּערזאָן אויף דער וועלט! אַמאָל זענט איר געווען מיין תפילה, מיין ליד פון פאַרשיכּורונג, מיין הימן פון תענוג; און אַצינד זענט איר מיין תהילים פון צער, מיין ליד פון יסורים... פאַרטרייבן דעם שמייכל פון פּנים בײַ אַזאַ מאַריניע און ווייטער לעבן!... וואָרים, וואָס עס זאָל נישט זיין, שמייכלט זי דאָך נישט נאָר צוליב מיר, זי האָט דורך מיר אויפגעהערט זיך צו ראָזלען מיט אַ רויטקייט פון שמייכל...

מיר געפינען זיך אויף אַ פעלז אויפן סאַלטאָ די טיבעריאָ, בײַ אונדזערע טריט געפינט זיך אַ גלייכע, שאַרף-אַראָפּ פאַלנדיקע, אָפּגעהאַקטע וואַנט, אַ פּאָר הונדערט מעטער די טיף. אונטן איז דער ים. דאָ האָט צעזאַר טיבעריוס געהייסן זיינע קרבנות אַראָפּוואַרפן. זיי זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דידאָזיקע שמאַראַגדן, וואָס לייכטן דאָרט אונטן אַזוי שטראַליק. די וווּנדערבאַרסטע קאָלירן, וועלכע איך האָב ווען נאָר אין לעבן געזען. און אַרום אונדז איז דער בלויער ים, און אויפן ים — די זעגל-שיפן, ווי עפּעס אַזעלכע ריזעדיקע, פאַרצייטיקע זומער-פייגעלעך, כּל המינים באַשעפענישן, וואָס די ערד האָט נאָר ווען אַרויסגעגעבן, און אַזעלכע וווּנדער, וואָס עס איז כּדאַי זיי אָנצוקוקן פון דער בלויזער נאַטור.

מאַריניע קוקט אַראָפּ אונטן; מיר שטייען דאָ שוין אַן ערך פון אַ האַלבע שעה, איך האָב נישט די דרייסטקייט זיך אָפּצורוקן, איך האָב כּמעט נישט די דרייסטקייט אָפּצועטעמען. איך זע, אַז אין מיר קומט עפּעס פאָר אַזאַ מין פּראָצעס פון טראַכטן, וועלכער קען זיך, מסתּמא, קיין צווייטע מאָל אין לעבן נישט איבערחזרן. דאָס איז אַזאַ געדאַנק, וואָס איז ענלעך צום געשריי פון בייראָנס פּאַריזיניע, אָדער מיצקיעוויטשעס אַלדאָנע. דער, וואָס האָט נאָר איינמאָל אַזוי אַ געשריי געטון, דערדאָזיקער וועט שוין מער נישט שרייען. זי איז אַזוי ווייס, ווי מערמל און אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי אַ מערמלשטיינערנע פיגור. די מענטשן, וועלכע געפינען זיך אַרום אונדז, האָבן נישט די דרייסטקייט זיך צו דערנענטערן צו איר. זיי קוקן אויף איר, דערנאָך אויף מיר מיט אַ פאַרוווּנדערטן און פרעגנדיקן בליק. אין מאַרינען איז דאָ אַצינד עפּעס

אַזאַ מאַיעסטאַט פון דערמאַנען זיך, וועלכער וואָלט נאָר בלויז געקענט זיין אין אַ הייליקער, ווען יזי טוט תפילה אין — זעט אַלץ. איך האָב מורא, איך שרעק מיך פאַר עפּעס, — איך פיל עפּעס שרעקלעכס איבער אונדז, מיר ווייזט זיך אויס, אַז אין דערדאָזיקער גאָלדענער לופט און איבער דעמדאָזיקן גאָלדענעם וואַסער דרייט זיך אַרום איבער אונדזערע קעפּ עפּעס אַזאַ שרעקלעכער, אומזעבאַרער גייסט, עפּעס אַזאַ פאַרשאָלטענער מלאך, מיט אַ פּנים פון מערמלשטיין, מיט אַזעלכע קאַלטע הענט, ווי מערמל.

אויב זי וועט וועלן אַזוי שטיין, קוקנדיק אין ים, ביז נאַכט, ביז מאָרגן אינדערפרי, וועל איך נישט האָבן די דרייסטקייט זי אַ רוף צו טון, נישט זי אָנצורירן. זי געהערט נישט אַצינד צו אונדז, צו די מענטשן, איר גייסט רעדט מיט עפּעס, וואָס פאַר אונדז איז עס נישט צוטריטלעך. זי איז אַוועק פון דער ערד אַזוי, ווי אַ שיף גייט אָפּ פון האַפן. רופט זי נישט, — זי הערט נישט...

זי זאָגט: לודוויק, הער נאָר, צי מיינסטו, אַז דער טויט דאָרט איז אַ באַלדיקער?

אַ ציטער לויפט מיר אַדורך. איר קול איז כלומרשט רויק, ווי געוויינטלעך...

— וווּ?

— דאָרט אונטן, — אין ים.

— איך מיין, אַז דאָרטן וואָלט ער שוין געקומען אַ מת. אינדערלויפטן נאָך וואָלט אַ מענטש געשטאָרבן. צו וואָס פרעגסטו זיך דאָס?

די קניען ציטערן מיר, און מיינע הענט ציען זיך צו איר... זי נעמט עפּעס אַרויס אַ בריוו פון בוזעם.

— לייען...

איך לייען:

„אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכן אָפּנעמען דעמדאָזיקן בריוו דורך אייך, וועל איך שוין זיין ווייט אין וועג, אין אַן אַנדערער וועלט, אויף יענער זייט אָקעאַן. איך קען נישט לעבן אָן אייך. צום ערשטן און צום

לעצטן מאָל זאָג איך דאָס אייך; איך האָב דאָך אייך דאָס קיינמאָל נישט געזאָגט, גאָרנישט. אָבער איר ווייסט, איר האָט געזען, וואָס איך האָב געפּילט פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איך האָב אייך באַגעגנט. לײַדער האָט איר אַ מאַן. ווען נישט די ליבע פּאָר מײַן אידעע, וואָלט איך, אין דערדאָזיקער שעה, ווען איר וועט לעזן מײַן בריוו, שוין נישט געלעבט. איך האָב געוואָלט פונדעסטוועגן עפּעס טון. ווען איר וואָלט געווען דאָ, אויפן אָרט, וואָלט איך צו אייך געקומען בעטן כאָטש וועגן איין וואָרט אין וועג אַריין. אָבער אַזוי ווי איר זענט נישט דאָ, בעט איך אייך וועגן דעם פונדערווייטנס. אויב איר וועט דאָס מיר שיקן, וועל איך עס מיר צוועקלייגן אויפן האַרץ אין אַזוי שוין וועט מען מיך מיט דעם באַגראָבן. אַזעלכע מענטשן, ווי איך, ליבן בלויז איין מאָל. איך האָב קיינמאָל נישט געליבט, און וועל שוין קיינמאָל נישט ליבן. קענגן דער גאַנצער מאַכט, וועלכע איך האָב אונטער זיך, קען איך נישט לענגער בלייבן אין אַרבעטן נאָנט פון אייך. איך פּאָר אַרויס. דאָרט וועל איך שוין נישט קענען טון דאָס, וואָס איך וואָלט דאָ געקענט; אָבער לענגער דאָ בלייבן — קען איך נישט. איך פּיל, אַז איך וואָלט אומגעקומען, און איך בין דאָך גוויטיק, זייער בויטיק. אויך דאָרט זענען פאַראַן מענטשן. איך גלייב אין דעם, אַז דאָ וואָלט איך געקענט ווונדער באַווייזן, אָבער איך קען דאָ נישט בלייבן.

ביז אַהער האָב איך מיך אַליין נישט געקענט: איך האָב גישט געוווּסט, אַז די ליבע זאָל זיין אַזוי שטאַרק. איך געזעגן זיך מיט אייך, און בעט כאָטש איין געזעגןוואָרט. מײַן ליבע באַליידיקט אייך נישט; איך האָב געקענט שווייגן. דאָס גפּיל איז נישט אָפּהענגיק פון גאָרנישט און פון קיינעם.

ריכאַרד האַלניצקי.

... אירע אויגן קוקן אויף מיר. אַזעלכע ברייט־צעעפנטע, גלעזערנע, גרויסע... אירע אויגן זענען אַ שרעקלעכער פרעגנייכן. און אין מיין האַלדז און אין מיין האַרץ ליגט אַ שטיק אָפּגעפרישלטער ציגל...

— לודוויק...

איך ווייס, וואָס זי, וויל זאָגן, איך ווייס, וואָס זי טראַכט. איך כאַפּ זי פאַר דער האַנט, איך רייס זי אַוועק פון אָנשפּאַרן זיך אָן ראַנד פון אָפּגרונט...

— לודוויק — זאָגט זי, ריכטיקער, — זי באַמיט זיך צו זאָגן — עפּעס בין איך אייערס אַ קללה; נון דיר האָב איך אַ תל געמאַכט, איצט וועל איך פון אים אַתל מאַכן; איך האָב אָפּגעטויט דיין גליק און זיין גליק, איך בין אַזוי אומגליקלעך, אַזוי פאַרשאָלטן, אַזוי שעדלעך אויף דער וועלט, — דערלויב מיר צו שטאַרבן...

עס איז מיר פינסטער אין די אויגן, — איך זע גאָרנישט, איך זע בלויז איר ווייס פנים.

לאָמיר גיין, לאָמיר גיין!... לאָמיר גיין!... איך גיי נישט אַראָפּ, נאָר איך לויף מיט איר אַראָפּ אונטן... איך ווייס גאָרנישט, איך טראַכט גאָרנישט... איך זע נאָר איר ווייס פנים, די גלייך־אַראָפּפאַלנדיקע פעלזן־וואַנט, דעם אָפּגרונט און דעם ים אונטן... אין מיינע אויגן לייכטן כסדר די גאָלדענע ים־שמאַראַגדן, זיי ווערן ענלעך צו די אויגן פון אַ טיגער, וועלכער לויערט... לאָמיר גיין!... לאָמיר גיין!...

ניין, ניין! דו וועסט פון אים קיין תל נישט מאַכן! דו וועסט נישט באַקומען דעמדאָזיקן פאָרוואָרף, דו וועסט דיר דאָס קיינמאָל נישט פאַרהאַלטן. אים וועט מען נישט פטור ווערן, האָב נישט קיין מורא... נישט דו וועסט עס פון אים קענען אַ תל מאַכן, נאָר איך. האָב נישט קיין מורא. ער וועט ווייטער לעבן און דאָ אַרבעטן... ער וועט וווּנדער באַווייזן, ער גלייבט אין דעם... דער גלויבן איז אַלץ... ווען איך וואָלט געקענט

גלויבן... עס איז נויטיק און נויטווענדיק... יאָ, יאָ... און מיך אין ביוראָ וועט פאַרטרעטן אַבי ווער, — דער קאָלעגאָ לאַוואָטשעווסקי, אָדער רימקאָ... דאָס געהער צו זיי... יאָ, לאַוואָטשעווסקי האָט מיט איין יאָר מער דינסט... זייער אַ פּעדאַנטישער און פלייסיקער באאמטער... רימקאָ האָט זיך אַ ווערטל: אָ, פּאַר גאָט!... ניין, זי וועט פון אים קיין תל נישט מאַכן... ער האָט איר קיינמאָל פון זיין ליבע נישט געזאָגט... זיי זענען ריין... דאָס געפיל איז נישט אָפּהענגיק פון גאָרנישט און פון קיינעם. ער וואָלט זיך אַ מעשה אָנגעטון, ווען נישט די ליבע פאַר דער אידעע... די אידעע ליבט ער מער פון אַלץ, און פונדעסטוועגן מאַרינען מערער... די ליבע איז אַ שרעקלעכע מאַכט... אפילו אַזעלכע אייזערנע מענטשן בייגט זי איין און צעברעכט... אַוועקגענומען אים ווידער פון מענטשן — וואָלט געווען אַן עבירה... דער מענטש, צוליב וועלכן ער וואָלט געמוזט אַרויספאָרן, וואָלט ווערט געווען, מען זאָל אים עפנטלעך אויספּאַטשן, שענדן און פאַרשטיינען... דאָס וואָלט געווען אַ פאַרברעך גאָרנישט מוחל צו זיין, דאָס וואָלט געווען אַן עפנטלעכע גניבה, ס'וואָלט געהייסן אַ גניבה בײַ יענע, וואָס מען קען בײַ זיי גאָרנישט גנבענען, סײַדן בלויז אַזעלכע מענטשן... דאָס וואָלט געהייסן באַגנבענען קבצנים... ניין, ניין, ער וועט נישט פאָרן... אויב איך וועל צו אים טעלעגראַפירן, ער זאָל וואַרטן, מוז ער וואַרטן; אַנדערש וואָלט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּחדן.

אויב איך וועל דעפּעשירן, הייסט דאָך דאָס, אַז איך ווייס פון זיין בריוו; ווי עס זאָל נישט זיין, האָט ער דאָך מיין פרויליבע דערקלערט... מוז ער טאַקע וואַרטן... ער וועט אַוודאי זיכער זיין, אַז איך וועל אים אַרויסרופן... אָט איז טאַקע די פּאָסט...

— וואָס ווילסטו טון? — פרעגט מאַרינע.

— אים פאַרהאַלטן.

אירע אויגן וואַרפן אויף מיר אַ בליק פול שרעק און ווי זיי וואָלטן עפּעס וועלן פרעגן...

— שרעק דיך נישט... דו וועסט אים נישט אומברענ־גען...

זי פאַלט אַוועק!...

אַלע האָבן דאָס זייער לייכט פאַרשטאַנען. עס איז געגאַנ־גען וועגן אַ שנעלע דעפּעשע, די סיניאָרין איז עפּעס מיד געוואָרן און געחלשט. אַ הייסער טאָג, ווי דאָס גיהנום. פון אַלע זייטן אַ שעפּטשעריי און אויסרופן: וואָס פאַר אַ שיי־נע! וואָס פאַר אַ שיינע! אויף איטאַליעניש, אויף דייטש, אויף ענגליש, און אויף רוסיש. זי קומט צו זיך און עפנט די אויגן... עפּעס אַ דיקע קאַפּרירעשע פּויערטע האַלט זי אין די אָרעמס, ווען איך דערוויַיל שנעל אַריינלויפן אויף דער פּאָסט.

(*Attendez J'arrive.

לודוויק.

מאַריניע איז שוין באַם זינען. מען האָט געבראַנגט אַ דראָזשקע, איך וואַרף צו די קאַפּרירערינס, וואָס באַר איך האָב באַ זיך, איך ווייס נישט, צען, צי פופציק ליר — וואַרף אַרויס פון טאַש עפּעס אַ ביסל געלט־מטבעות... דאָס הייסט אַ קאַנטע... לויטן פּרינציפּ... אַ גראַף בין איך געוואָרן פאַר פופציק פראַנק... די דראָזשקע לויפט באַרג אַראָפּ. ווידער פאַר אונדז די גאָלדענע שמאַראַגדן פון ים...

— וואָס ווילסטו טון? — פרעגט מאַריניע.

— אים פאַרהאַלטן.

זי כאַפּט מיין האַנט און טראָגט זי צו צום מויל — איך בין שוין נישט איר מאַן, איך בין איר ברודער, איר פריינט! ים, ים! צי קענסטו נישט דערהרגענען מיט דעם־דאָזיקן גאָלד־שמאַראַגדישן בליק? דו קענסט נישט? צי איז

---

*) וואַרט, איך קום.

בלײַבן פֿאַרהאַן עפּעס אַזעלכעס, װאָס זאָל קענען אין אײן אויגנ-בליק דערהרגעט װערן? אָבער נאָר דעם גוף, די נשמה — ניט. מײַן נשמה, — דאָס האָט שוין לאַנג מיט אײן אויגנבליק מײַן פֿרײַנד דערהרגעט, מײַן מאַרינע...

* * *

מיר שטייען פנים אל פנים מיטן לעבן און וואָס טאָרע האָבן מיר זיך צו זאָגן? מאַכטלאָז איז מיין טרויער, מאַכטלאָז איז מיין פאַרצווייפלונג, מאַכטלאָז מיין צאָרן: וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלץ דען? אַ שפּאָן אויף דער כתאַליע פון ים האָט מער באַדייטונג, ווי די גאַנצע מענטשהייט לגבי דעם, וואָס איז דאָ, און לגבי דעם, וואָס עס איז אומבאַקאַנט. תמיד די זעלבע פראַגע: פאַרוואָס?... וואָרים פאַרוואָס? פאַרוואָס גייט פאַר ביר דאָס גליק פאַרביי, ווי איך וואָלט אינגאַנצן נישט עקזיס־טירט? פאַרוואָס? פאַרוואָס דאָס אַלץ, וואָס איז אין מיין נשמה געווען שיין און גוט, kalon k'agaton, איז גאָר אין מיר געוואָרן פאַר־שימלט און פאַרפוילט, פאַרוואָס עפּעס איז מיין נשמה געוואָרן צו שטויב און צו נישט? פאַרוואָס איז דאָסדאָזיקע, וואָס האָט אין מיין לעבן געדאַרפט זיין אַן אָנלען, גאָר געוואָרן אַ שטרויכלונג אין אַ פאַרניכטונג, פאַרוואָס איז דאָסדאָזיקע, וואָס דאַרף זיין גליק, גאָר אומגליק און ויט? פאַרוואָס?...

די באַן יאָגט, ווי אַ ווינט. איר איינטאָניק קלאַפּן איז דער איינציקער ענטפער אויף מיינע פראַגן. ווען־נישט־ווען בליצט אויף אַ ליכט פון די וועכטער־שטיבעלעך, אָדער פון די כאַטעס פון די

בערג־לייט. מיר לויפן אָן אַן אָטעם — מיר זענען אָדער נאָך אין טיראָל, אָדער שוין אין זאַלצבורג. מאַרינע שלאָפט נישט, הגם עס איז שוין שפּעט אין דער נאַכט; די אויגן האַלט זי פאַרמאַכט, אָבער איך זע, אַז זי שלאָפט נישט. מיר שטייגן אויס פון באַן צו באַן און איילן. און ווידער במשך פון אַ פּאָר טעג קומט נישט פאָר צווישן אונדז קיין שום געשפּרעך. קומענדיק צו פאָרן מיטן ערשטן שמאַטעק פון קאַפּרי, האָבן מיר זיך גלייך פאַרפּאַקט, אויפגעזעסן אויף דער ערשטער באַן און מיר פאָרן. נאָך וואָס פאָרן מיר? וואָס דערוואַרט אונדז? איך גיב זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג. איך ווייס, אַז עס וועט פאָרקומען עפּעס אַן „ערן־דועל".

אָ, איראָניע פון לעבן! וואָס פאַר אַ לעכערלעך וואָרט! און וואָס פאַר אַ טראַגעדיע!

דאָס ווייס איך, אַז פון אַ צווייטן מענטש וועט מאַרינע קיין תל נישט מאַכן! כאָטש זי ווערט דורך מיר באַעוולהט, האָט דאָס נישט פון מיר אַזאַ תל געמאַכט, נאָר איך אַליין האָב דאָס פון זיך אַזוי געמאַכט. און עס וועלן אים נישט אָנווערן די יעניקע, וועלכע איך האָב פאַראַטן. אָבער וואָס וועט זיין? ווי אַזוי וועט דאָס געשען? וואָס וועט דאָ ווערן? איך קען זיך דאָס עפּעס נישט פאָרשטעלן... צי הענגט איבער אונדז עפּעס אַ דונער, צי גאָר עפּעס אַ פינסטערער אָפּגרונט פון כמאַרעס? איך ווייס נישט, איך האָב נישט קיין שום פאָרגעפיל, קיין שום אינסטינקט. מיר ווייזט זיך בלויז איינס אויס, אַז נאָענט פון אונדז געפינט זיך עפּעס אַזאַ מין טויט, אָבער צי דאָסדאָזיקע איז עמעצנס אַ פיזישער טויט, צי אַ מאָראַלישער; אַ פּלוצלינגער און אכזריותדיקער, צי גאָר אַ פּאַמעלעך גוססן — ווייס איך נישט. איך פאָר, ווי אויף עפּעס אַן אויסטערלישן פּראָצעס, אין וועלכן איך ווייס נישט, צי קען איך פאַרמשפּט ווערן צום הענגען, צי אויף תּפיסה, צי גאָר אויף צו פייניקן? איך ווייס גאָרנישט, נאָר דאָס איינציקע בלויז, אַז איך וועל אָפּקומען עפּעס אַ שטראָף. אויב מען קען נאָך מער ליידן, ווייס איך, אַז איך וועל ליידן.

וועמען פון אונדז דריי וועט אויסקומען צו שפּילן די ויפּט־

ראַלע אין דעמדאָזיקן ענין? מיר אַלע דריי שפּילן גלייכע ראָלן און אַלע דריי זענען העלדיש. ער איז העלדיש אין זיינע געפילן, אין זיין כּוח פון כאַראַקטער, אין זיין ליב האָבן דעם אידעאַל; זי, די אומגליקלעכסטע, וואָס זעט פאַר זיך דעם איינציקן וועג, באַ איר דריי-און-צוואַנציק-יעריקער עלטער, אין וואַרפן זיך אינם ים-אָפּגרונט, מיט איר גאַנצער רייצנדער שיינקייט און רעכט אויף לעבן און גליק — איז העלדיש; איך ווידער בין העלדיש אינם שטערן אַ מענטשן צוליב דער אידעע, וועלכער וויל זיך מיר אַליין אין אַזאַ סיטואַציע פון וועג צעפּרוקן. און צוליב אַן אידעע, וועלכע איז שוין איינדעראמתן פאַר מיר אַן אַבסטראַקציע, וואָרים איך קען שוין גאָרנישט ליבן, אין גאָרנישט גלייבן... איך ווייס, אַז דאָס איז אַן אידעע, אַז דאָס איז אַן אידעאַל, אָבער איך פיל אים שוין נישט. איך וויל מיך דעריבער מקריב זיין פאַרן געדאַנק, נישט פאַרן האַרץ, מיטן געדאַנק בלויז און נישט מיטן האַרץ. אָ, אויף וויפיל דאָס איז שווערער! ווען אין מיר וואָלט געזעסן עפּעס אַזאַ פלאַם, עפּעס אַזאַ שטאַרקער ווילן, עפּעס אַזאַ ריזיקע ליבע, אָדער גאַר עפּעס אַזאַ ריזיקע שנאה!... אָבער אין מיר איז גאָרנישט דאָ, בלויז נאָר די אוממענטשלעכע, משוגעדיקע טויטע דערשלאָגנקייט. דער מלאך המוות האָט אַ פאָכע געטון איבער מיר מיט די פליגל און פון מיר אַ סוף געמאַכט. לעכערלעך און נאַריש איז דער געדאַנק, אַז אַ פרוי איז אַן אומגליק, אַז די ליבע איז פון גרונט אויס שלעכט; איך אַליין בין אַמאָל באַנט געווען פון דעמדאָזיקן געדאַנק; אָבער זינט איך האָב באַגעגנט מאַריביען, טראַכט איך בלויז פון איינס: אויב עס איז אַמאָל אַנטשטאַנען די אידעע פון מלאכים אין הימל, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס אויף דער ערד זענען דאָ פרויען. צי קען דען גאָר זיין עפּעס רייגערס, עדעלערס, איידעלערס, עפּעס שענערס, ווי די נשמה פון אָט דערדאָזיקער פרוי? אדרבא, איך בין איבערצייגט, איך גלייב אין דעם, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט קען נישט זיין אַזאַ דערלייזונג, ווי די ליבע, — אין וואָס-זשע, ווען מיט איר געשעט אויך דאָס זעלבע, וואָס מיט קריסטוסעס אידעאַל? דאָס גוטע ווערט פאַרוואַנדלט אינם שלעכטן. דאָס טאַקע ברענגט מיט זיך דאָס לעבן...

עס איז אומגעהייער טרויעריק און דעמאָראַליזירנד, זיך אַליין צו זאָגן: איך וועל שוין קיינמאָל גליקלעך נישט זיין. אוועקשטעלן זיך אַזוי פשוט אין פנים פון לעבן, אין פנים פון דער אייגענער צוקונפט און אַריינרעדן אין זיך: וואָס נאָר עס וועט עפּעס זיין, וואָס נאָר ס'וועט עפּעס געשען, ווייס איך, אַז גליקלעך וועל איך שוין קיינמאָל נישט זיין. מען לעבט נישט בלויז נאָר צוליב דעם, כּדי צו עסן און צו טרינקען; אין לעבן טאַקע זוכט מען, מיט אַלע מיטלען, מיט אַלע וועגן — אויך דאָס גליק. אויב אָבער דאָסדאָזיקע איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרצוימט, — איז צו וואָס־זשע לעבן? און פונדעסטוועגן טאָר איך נישט וועלן שטאַרבן, איך טאָר דאָס נישט, פּשוט צוליב מאַריבין.

איז וואָס־זשע דאָ טון? וואָס פאַר אַ וועג אויסוויילן, כּדי דערדאָזיקער פּרוי כאַטש איין ביסעלע זון אויף דער ערד צוריקצוקערן און כּדי זיך אַליין נישט פאַרצוואַרפן דאָס פאַרברעכן פון באַליידיקן די נויטבאַדערפטיקסטע? וואָס־זשע איז דאָ צו טון?

די באַן לויפט און רוישט, און דאָסדאָזיקע מאָנאָטאָנע רוישן און דאָסדאָזיקע משוגענע לויפן האָט אין זיך עפּעס שרעקלעכס, טראַגישס. אַלץ אַרום לויפט אַזוי מיט דעמדאָזיקן טויבן גערויש. עס איז לחלוטין נישט מעגלעך, אַז דאָס זאָל לאַנג אַזוי קענען געדויערן. אַלץ לויפט פאַרביי, ווי אַ חלום, און אין דעמדאָזיקן חלום איז דאָ אַזוי פיל יסורים, אַזוי פיל טרערן, אויסגעוויינטע און נישט אויסגעוויינטע.

איז וואָס־זשע טאַקע טוט מען?

אָך! איך ווייס!

גורל, גורל! איך רוף דיך אַרויס.

צי דען האָסטו שוין נישט מער קיין פיילן אין דיין פיילן־בויגן? וואָרים, אויב איך וועל דאָסדאָזיקע איבערהאַלטן, וועל איך נאָך אויך דאָס קענען באַווייזן, אַז איך וועל דאָס־

דאָזיקע מאַקע אויספירן און איבערטראָגן, ווייל ווירקלעך, עס איז שוין גאָרנישט דאָ אַזעלכעס אויף דער וועלט, פאַרוואָס איך וואָלט נאָך אַ ציטער געטון, וואָס וואָלט מיך נאָך געקענט פאַרווונדן, אָדער טויטן. אָבער דאָס איז דאָך דער איינציקער וועג. . . .

* * *

איך וועל איר זאָגן, אַז איך ליב זי נישט.

*

*

און כ'האָב אַזוי טאַקע געטון, זי איז שוין לעבן מיר נישטאָ. איך האָב נישט געקענט זיך אַליין דעם טויט מאַכן, איך וואָלט איר מיט דעם דאָס לעבן אָווּעקגעהרגעט. כדי דאָסדאָזיקע זאָל נישט אויסזען קיין משוגעת, עפּעס אַן אַנדייטונג פון צעמישטע חושים, האָב איך מיך געמוזט מאַכן, ווי עס אַרט מיך נישט. מען האָט באַדאַרפט געפינען צייט. איך האָב מיך געמאַכט, אַז איך בין קראַנק. צו רישאַרדן האָב איך אַרויסגעשיקט אַ דעפּעשע, אַז איך בין קראַנק אין פּאַרלאַנג, ער זאָל אויף מיר וואַרטן. איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט אַזוי טון. איך האָב מיך טאַקע בכיוון אָנגעשלאָגן, אַראָפּשטייגנדיק פון וואַגאָן, איך האָב כלומרשט אַ געשריי געטון פאַר ווייטיק, איך האָב נישט געקענט ווייטער פאָרן. אָן ערך צוויי וואָכן זענען מיר געזעסן אין קליינעם האָטעל. צום פוס האָט מען געמוזט צולייגן אייז און — זייער ווייניק גיין. צום גליק איז אין ערגעץ נישט נאָנט געווען קיין דאָקטאָר. איך האָב מיך איינגעשפּאָרט, אַז איך וויל נישט קיין שום דאָקטאָר. מאַרינ'ע האָט געוואָלט אומגיין לעבן מיר. איך האָב איר געדאַנקט. לאָמענדיק האָב איך מיך באַמיט אַליין זיך אַלץ צו טון. איך האָב געוווּסט, אַז זי קען דאָס נישט פאַרשטיין, אַז עס וווּנדערט זי.

ווייער, זי שרעקט זיך איבער. יאָ, קודם כל האָט זי אָנגעהויבן שפּירן אַ געפיל פון שרעק, זי האָט באמת אָנגעהויבן מורא צו האָבן. אַ כּרוי און אַ קינד הייבן דאָס ערשטע אָן זיך צו שרעקן, אויב זיי קענען נישט עפּעס פאַרשטיין. אויפן דריטן טאָג פון דערדאָזיקער קראַנקהייט האָב איך איר געזאָגט צום ערשטן מאָל אין לעבן, זי זאָל אַרויסגיין פון צימער, ווייל איך וויל זיין אַליין. זי איז אַרויסגעגאַנגען; זי האָט געמוזט אַרויסגיין פון שטוב, ווייל מיר האָבן בלויז געהאַט איין צימער. איך ווייס נישט, וואָס זי האָט געטון. איך בין אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים אויפן קישן, און — דאָס איז נישט געווען קיין געוויין, נאָר עפּעס אַזאַ מין קראַמף אין האַלדז; ווי דער טויט וואָלט מיך געוואָלט איינגאַנצן דערשטיקן.

אין אַן ערך פון עפּעס אַ שעה, צוויי אָדער דריי, האָב איך דערהערט אַ לייכט, נישט דרייסט קלאַפּן. זי איז אַריינגעקומען, — איינגאַנצן אַ נאַסע און אַדורכגעפרוירענע, עס איז געגאַנגען אַ רעגן.

אָ, גאָט! ווען איך זאָל אייביק האָבן דאָס גיהנום, וועל איך נישט פילן דאָס, וואָס איך האָב דערפילט, ווען איך האָב מיך באַצוווּנגען, נישט צו פאַלן איר צו די פיס, נישט זיי אַרומכאַפּן און זיי נישט טרוקענען און וואַרעמען מיט מיינע ליפּן... אָבער דאָס איז נאָר געווען צוליב איר... דידאָזיקע אויגן... דידאָזיקע אויגן, די איבערגעשראָקענע, וואָס האָבן אַזוי מורא געהאַט פאַר מיר, די ברייט-געעפנטע אויס פאַרוווּנדערונג, די טרויעריקע... דידאָזיקע אויגן אירע!... זי, וועלכע האָט גאָר מורא פאַר מיר... פאַר מיר!...

שרעקלעך האָט אָנגעהויבן צו ווערן דער פּיין, עפּעס אַזאַ היץ האָט מיך אָנגעכאַפּט, צאַזאַ משוגעת. דאָס, וואָס לכתחילה איז עס פאַר מיר געווען שווער, האָט אָנגעהויבן וואָס אַמאָל ווערן לייכטער. ווי אַן אַרטיסט, וועמען מען האָט געגעבן נישט זיין ראָל, האָב איך אָנגעהויבן צו שפּילן מיין ראָל מיט ברען, מיט משוגעת, וועלכע האָט מיך פאַרטראָגן. איך האָב פאַר זיך כּסדר געהאַלטן אין איין איבערחזרן: דאָס איז דאָך לטובת איר, דאָס איז דאָך לטובת איר, און אַלץ

האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסווייזן פאַר צו ווייניק. ווי אַ רעליגיע-
זער פאַנאַטיקער, וואָס פאַלט אַריין לטובֿ זיין קרבן אין אַ גלייכ-
גילטיקייט צו זיינע ליידן, אַזוי בין איך דאָס אַריינגעפאַלן אין
דעמדאָזיקן פאַנאַטישן שגעון, איך האָב מיך אַוועקגעטראָגן מיט
מיין ראָל און מיך אינגאַנצן אַוועקגעריסן. איך האָב אָנגעהויבן
מאַריניען צו פייניקן מאָראַליש. און פלאַי פלאים! וואָס מערער
איך האָב אין זיך געפילט דעם פיין און די יסורים, אַלץ גרעסער
האָב איך דערפילט די פאַרביסנקייט אין דעמדאָזיקן פייניק מאַ-
ריגיען לטובֿת איר, אַ ציטערדיקע, אַ בלאַסע, האָט זי געקוקט
אויף מיר מיט אויגן פון אַ געשלאָגן קינד, און איך האָב געשלאָגן,
געשלאָגן, אומטעטשלעך, אומרחמנותדיק. לסוף האָט דאָס מיר
אָנגעהויבן פאַרשאַפן פאַרגעניגן, מעגלעך ענלעך צו דעם, וואָס
עס דערפילן די יעניקע, וואָס איבם שגעון פון ליבע פאַרוואַנדלן
זיי און מאָרדן אויס די פרויען. שנאה איז אַצינד געווען מיין
איינציקער ציל. דו מוזסט מיך פיינט האָבן, דו מוזסט מיך פיינט
האָבן! — האָב איך מיר כסדר געחזרט, נאָר ווייל איך האָב גע-
מוזט אין דערדאָזיקער פרוי אויפוועקן פאַר זיך אַ שנאה, האָב
איך דערפאַר לגבי איר דערפילט ווי עפעס אַ שנאה. צוויי געפילן
האָבן זיך געפלאָכטן אין מיר, זיי האָבן זיך אַזוי געפלאָנטערט
און געדרייט: דאָס נאַטירליכע, — איך זאָל פאַר איר אָפּגעבן
דעם לעצטן טראָפּן בלוט, און דאָס קינסטלעכע — איך זאָל זי פיי-
ניקן. אָבער דאָס דאָזיקע קינסטלעכע, האָט, ווי אַ מכה, וואָס
לאָזט זיך נישט פאַרהיילן, אָנגעהויבן כסדר אַלץ צו וואַקסן, זיך
אָנצובלאָזן. ווי איך וואָלט געשוואָלן געוואָרן און אין דעמדאָזיקן
געשווילעכץ אָנגעווירן מיין פריערדיק, נאַטירלעך געשטאַלט, אַזוי,
אַז עס וואָלט פשוט שווער געווען אונטערצושיידן, ווי גרויס עס איז אין
מיר דער געזונטער טייל, און ווי גרויס — דער קראַנקער, אַזוי
האָט מיין ליבע און מיין שנאה אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוּוואַקסן
אין עפעס איין משונהדיקן קערפּער, פאַרלירנדיק זיך איינס אין
אַנדערן. כדי אַזוי צו קענען האַסן, האָב איך געמוזט אַזוי קענען
ליבן. יעדער שקר האָט אָנגעהויבן ווערן ווי אַן אמת. דער פוס
האָט מיר אָנגעהויבן, ווייזט אויס, צוליבן געצווונגענעם ליגן און

זי אומגייטיקע באַנדאַזשן, צו קנאַקן, איך האָב באַקומען אַנפאַלן פון היץ, איך האָב זיך געענדערט אין פנים, די געמאַכטע קרענק האָט זיך פאַרביטן אויף אַן אמתע. איך בין פון דעם טאַקע צופרידן געווען; פאַרדאָס איז מיין ווילן צעטיילט געוואָרן אין צוויי׳ען: איך האָב געמוזט טראַכטן וועגן זיך מאַכן קראַנק; איצט אָבער האָב איך מיך שוין אינגאַנצן געקענט אָנשטרענגען וועגן וועקן אין מאַריניען אַן אומחן צו מיר. זי האָט אַליין נישט געוואוסט, ווי מיט מיר צו זיין; זי האָט פילשטענדיק פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס. זי האָט נישט פאַרשטאַנען. זי איז געגאַנגען לעבן מיר, ווי אַ צעמישטע. אָבער ווען כאָטש איין צייכן פון אומגעדולדיקייט, כעס און אויפרעגונג... גאָרנישט..

— צי זעסטו דען נישט, אַז איך וויל, דו זאָלסט מיר גלייבן, אַז איך ליב דיך נישט?! — האָב איך אָנגעהויבן אַזוי רופן אין זיך. איך האָב געוואָלט עפּעס האָבן אַ צייכן, אַ דאָקומענט, אַז זי איבערצייגט זיך שוין וועגן דעם. איך האָב באַשלאָסן זי פון זיך צו באַפרייען, אָבער באַפרייען אַזוי, זי זאָל אַוועקגיין אָן געוויסנסביסן. זי האָט דאָס געמוזט גלייבן, אַז איך ליב זי נישט, אַז זי איז מיר נישט נייטיק, אַז איך וויל זי נישט מער. ווען עס זאָל כאָטש עפּעס פאָרקומען אַ סצענע, ווען זי וואָלט זיך כאָטש אַ וואָרף געטון אויף דער שטול מיט אַ געוויין: „איך קען נישט, איך קען שוין נישט לעבגער!‟ אָדער ווען זי וואָלט מיר אַזוי אַ שליידער געטון אין די אויגן אַריין: „איך האָס דיך...‟ אָבער גאָרנישט, גאָרנישט... און איך האָב נישט געקענט דערקענען, וואָס זי טראַכט, אָבער איך האָב געוווסט, אַז זי טראַכט וועגן אַלץ, באָר נישט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט. און וואָס טאַקע האָט זי געקענט טראַכטן? אַז איך פּייניק זי, ווייל איך בין אויפגערעגט דורך דער קאַטאַסטראָפע פון אונדזער לעבן און דורך דער קרענק. און וואָס טאַקע האָט זי געקענט טראַכטן?! אַז איך בין אַ געמיינער מענטש, ווייל איך וויל פון איר נקמה נעמען, ווייל איך וויל זיך אין איר נוקם ונוטר זיין. עס באַפאַלט מיך אַ משוגעת. פאַרוואָס שאַצט זי נישט אָפּ, פאַרוואָס פילט זי נישט מיין אויפּאָפּערונג?! איך לייד דאָך, ווער משוגע פאַר יסורים פון איר

טובה ווענן. פאַרוואָס ווייסט זי נישט, אַז איך פּייניק זי צוליב איר גליק? און דערפאַר, וואָס איך בין נישט געמיין, דער־זאַר טאַקע, וואָס איך בין זייער איידל, אידעאַל, העל־יש, שרעקלעך איידל? פאַרוואָס זעט זי דאָס נישט, פאַרשטייט עס נישט, באַגרייפט נישט, פילט נישט, שאַצט דאָס אַלץ נישט אָפּ? אמת, אַז זי דאַרף מיר נישט געבן צו דערקענען, אַז זי פאַרשטייט, וואָרים דאַמאָלס וואָלט דאָך אַלץ געווען פאַרלוירן, אָבער איך דאַרף דאָס קענען אַרויס־פילן, אַז זי פאַרשטייט. דאָסדאָזיקע ברויך זיין אַזאַ שטילער, שוויי־געדיקער אָפּמאַך, אַזאַ שטומער קאָנטראַקט. דערווייל באַר האָב איך געזען, אַז אַלע אירע געדאַנקען גייען איר אַדורך דורכן קאָפּ, אָבער נישט דערדאָזיקער, וועלכן איך אַליין האָב געזוכט, וועלכן איך אַליין האָב אַזוי באַגערט צו האָבן. האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אין מיר וועקן צו מאַריניען עפּעס אַזאַ מין משונהדיק, לויט זיין אויסזעען, באַליידיקונגס־געפיל, אַזש לסוף האָט מיך פשוט אָנגעהויבן צו שטיקן. שוין צופיל געווען, האָב איך באַשלאָסן, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, אָן ענדע צו מאַכן, אָבער דאָסדאָזיקע איז שוין נישט געווען קיין דורכגעטראַכטער באַשלוס, דאָס איז געווען אַ פאַרצווייפלטע לעצטע באַוועגונג פון אַ געהאַנ־גענעם, כדי איבערצורייסן דאָס שטריקל — אַלץ איינס, וואָס אונ־טער דער תּליה האָט דער תּלין אונטערגעלייגט אַזאַק מיט מעסערס, אַבי זיך נישט צו שטיקן...

און אָט אין אַן אָוונט, האָט מאַ ריניע, צוריקקומענדיק פון שפּאַציר, מיך געטראָפן פּאַקן אירע זאַכן.

– וואָס טוסט דו? — האָט זי אַ פרעג געטון, בלייבנדיק שטיין אויף דער שוועל.

— איך פּאַק איין דיינע זאַכן.

— מיר פאָרן דען?

— דו פאָרסט.

— ס'טייטש? — איז זי בלאַס געוואָרן.

— דו פאָרסט.

— וווהין? אַליין? און דו?

— וווהין דו ווילסט. און איך וועל נאָך בלייבן.

זי האָט זיך אַ וואַקל געטון. אַ פלאַם האָט אַ זעץ געטון פון איר פנים. איך פאַרטרייב זי פון זיך... ווי זי וואָלט טאַקע רישאַרדן געליבט ביז צום פאַרגעסן זיך, ווי זי וואָלט מיך טאַקע פיינט געהאַט מיטן גאַנצן האַרץ, — האָב איך זי אַרויסגעטריבן, צו שאַנד געמאַכט...

זי איז אַזוי געשטאַנען אין דער שוועל, אין איר לאַנגן, גרויען מאַנטל און כסדר אַזוי אויף מיר געקוקט. אירע ברייטגעעפנטע, אומבאַוועגלעכע אויגן האָבן מיר געוואָלט טיף אין האַרץ אַריינקריכן. איך האָב אַלץ ווייטער געפאַקט, גאָרנישט געקוקט אויף דידאָזיקע אויגן, האָב מיך אַראָפגעבויגן, אָבער געזען האָב איך זיי.

זי פאַרשטייט נישט! זי פאַרשטייט נישט!

גאָרנישט, זי פאַרשטייט גאָרנישט.

זי קען זיך דאָס גאָרנישט צוגלייבן, זיך פאָרשטעלן אפילו, אַז איך ליב זי נישט!...

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט עפּעס אַזאַ מין טייוולאָנישער כעס. הייסט דאָס, אַז עס איז דאָ עפּעס, עפּעס אַזאַ פרוי, וועלכע קען זיך דאָס צומאָל נישט צוגלייבן, זיך פאָרשטעלן אפילו, אַז איך קען זי נישט ליבן? און דאָס טאַקע איז די פרוי, וועלכע, ווילנדיק, אָדער נישט ווילנדיק, טוט זי מיר די שרעקלעכסטע עוולה אין לעבן, צעברעכט און צעשמעטערט מיך! צי דו, וועלכע ליבסט גאָר אַ צווייטן, מיינסטו טאַקע, אַז איך מוז דיך דווקא ליב האָבן און עס קען שוין גאָר אַנדערש נישט זיין, נאָר איך מוז דיך דורכויס ליבן? קודם כל האָט מיך באַהערשט דאָס געפיל פון מיין אָפּהענגיקייט, פון מיין פרייהייט, ענערגיע, און טאַקע פון מיין ווידערשטאַנד. איך האָב מיך אַ ריס געטון פון קופערט, אין וועלכן איך האָב אַריינגעלייגט אירע קליידער און האָב אַ געשריי געטון:

— צי זעסטו דען נישט, אַז עס קען אַזוי לענגער נישט זיין? צי זעסטו דען נישט, אַז איך וויל שוין נישט זיין מיט דיר צוזאַמען,

אזוי ווי דו האָסט מיך נאָר אויפגעהערט צו ליבן, אַזוי האָב איך איך דיך באַלד אויפגעהערט?! צי קענסטו דען נישט באַגרייפן, צי קענסטו דען זיך דאָסדאָזיקע נישט פאָרשטעלן, אַז איך קען דיך אויפהערן צו ליבן? צי מיינסטו, אַז איך מוז דיך ליב האָבן, אַז עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין?!

אין דערדאָזיקער מינוט האָב איך זי נישט געליבט און נישט פיינט געהאַט; אין דערדאָזיקער מינוט האָט מיר די אויפרעגונג געשטיקט אין האַלדז דורך דער משונהדיקער איבערגעשפּיצטקייט פון דערדאָזיקער פרוי אין דאָס געפיל: פאַרוואָס קען איך אַזוי נישט טון?!

איך האָב לאַנג גערעדט. איך האָב איר געזאָגט, אַז דאָס געפיל קען נאָר זיין קעגנזייטיק, אַז מיין ליבע פאַר איר, ווי גרויס זי איז נישט געווען, האָט באַלד, אין ערשטן מאָמענט פון דערדאָזיקער קאַטאַסטראָפע, (אַזוי האָב איך מיך אויסגעדריקט) אָנגעהויבן, האָט געמוזט אָנהייבן, קלענער ווערן. איך האָב געלייגט דעם אַקצענט אויפן וואָרט: „געמוזט", האָב אונטערגעצייכנט, האָב עס איר אין מוח אַריינגעשלאָגן. דאָסדאָזיקע האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויב איך האָב צו זיגן אין מיין באַשלוס, טאָ מוז איך טאַקע זיגן ביזן סוף; וואָרים דאָ קען קיין האַלבע זאַכן נישט זיין. אַלץ האָט געמוזט אַזוי זיין, ווייל דאָס אַלץ האָט בשום אופן נישט געקענט זיין אַנדערש. זי האָט געמוזט גלייבן, אַז איך האָב זי נישט געליבט, — ווען אַנדערש, צו וואָס טאַקע דאָס אַלץ, צו וואָס דאָס גאַנצע ליידן?

די אויפגאַבע, וועלכע איך האָב זיך געשטעלט, האָט מיר פיל פאַרלייכטערט דאָסדאָזיקע, וואָס איך האָב כסדר געטראַכט, אַז זי קען זיך נישט צוגלייבן, דאָס איך האָב געקענט, געמעגט, די דרייסטקייט געהאַט אויפצוהערן זי צו ליבן. אַז איך קען זי נישט ליבן, און בלייב אויך לעבן. אַז איך האָב געקענט זי אויפהערן ליבן און לעבן! אַז איך ליב זי שוין טאַקע נישט מער, און פונדעסטוועגן לייגט זיך די וועלט נישט איין, די שטערן ווערן נישט בלאַס, די זון ווערט נישט פאַרלאָשן. קוק! די טויטע שטייען פונדעסטוועגן נישט אויף פון קבר, דער פרוכת אין טעמפל

הערט נישט צעריסן, נישט קיין ערד־ציטערניש, נישט קיין אימנאַטירלעכע פּיגסטערנישן...

לכתחילה האָב איך גערעדט, דערנאָך האָב איך שוין אָנגעהויבן צו האַקן. מיין צונג האָט געקנאַקט איבער איר, ווי אַ בייטש. איך האָב זי אַרומגעפלאָכטן מיט פייער, מיט בליצן פון זידל־ווערטער. איך האָב פאַרגעסן, צו וואָס איך טו דאָס, — דאָס איז נאָר געווען אַ פּרווו. איך בין געוואָרן ענלעך צו אַ כירורג, וועלכער איז משוגע געוואָרן בשעתן אויסשניידן אַ מכה און האָט אָנגעהויבן אַרום און אַרום מאַכן מיטן מעסער זייער געלונגענע, אָבער זייער שמערצלעכע שניטן. איך האָב זי באַזיגט, איך ווער פאַרשיכּורט פון זיג. איך האָב אָנגעהויבן פילן דאָסדאָזיקע געפיל, ווי אַמאָל שלאָגנדיק זיך מיט מיין בעסטן חבר אויפן שול־הויף, האָב איך אים אַנידערגעלייגט און אים געשלאָגן, געשלאָגן, און ער האָט געקרעכצט. ווי נאָדלען זענען מיינע ווערטער געווען. און זי איז אַזוי געשטאַנען אין שוועל פון דער טיר, אין איר גרויען, לאַנגן מאַנטל און געקוקט אויף מיר מיט טרוקענע, ברייט־געעפנטע אויגן, בלאַס, ווי אַ מת. איך האָב געפילט, אַז איך שפּיל מיך מיט אַ שלאַנג, אַז איך טאַנץ אויפן ראַנד פון אָפּגרונט.

בלויז איין נישט באַדייטנד וואָרט, איין ציטער אין קול האָט געקענט איר אויפדעקן דעם גאַנצן אמת, אַראָפּרייסן מיר פון פּנים דידאָזיקע מאַסקע, אונטער וועלכער איך וואָלט אַליין אין שפּיגל, אין די מינוטן פון פאַרגעסן זיך, נאָך כמעט מיין אמתן פּרצוף געווען דערזען. אָבער דידאָזיקע געפאַר האָט מיר נאָך גאָר חשק צוגעגעבן, מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך האָב אינדערלופטן פונאַנדערגעשאָטן אַ מענגע נאָדלען און טרעף אין זיי מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער געשיקטקייט מיט אַ דין שטעקעלע, כאַפּ זיי אַזוי אינדערלופטן און וואַרף זיי מאַריניען גלייך אין פּנים, כדי זיי זאָלן זי שטעכן. זיי זענען פון איר אָפּגעשפּרונגען, און ווידער, דרייענדיק זיך אין שווינדלענדיקע זיגזאַגן, זענען זיי איר צוריק אין פּנים אַריין געפאַלן.

ענדלעך האָב איך מיך דערשלאָגן צום ציל: זי האָט שוין געמוזט אַצינד גלייבן.

זי איז אַראָפּ פון דער שוועל און אַן אַ וואָרט האָט זי מיר אָנגעהויבן העלפן פּאַרפּאַקן.

איר ערשטע באַוועגונג האָט באַלד מיט איין מאָל אונטערגעהאַקט די פיס. עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן; איך האָב געמוזט צונויפנעמען אַלע כוחות, איך זאָל נישט אומפאַלן.

דאָס אַלץ, וואָס עס איז געווען ביז אַהער, איז אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט, — אַצינד ערשט האָב איך דערזען דעם ראַנד פון אמתן אָפּגרונט, ווען זי — וועט נישט זיין...

איך האָב זיך מיטאַמאָל דערפילט אַ שוואַכער אַלטיטשקער, אַן אויסגעמוטשעטער, אַ צעבראָכענער אַלטיטשקער. איך האָב זיך דערפילט אַ קאַלעקע אויף אַ פּאַראַליזש, אַ פאַרבלאָנדזשעטער וואַנדערער אין די אומענדלעכע זאַמד-מדבריות, אַ טרינקענדיקער אויף אַ ברעט, אויף אַן אומענדלעכן וואַסער — דער קץ... פונדעסטוועגן האָב איך געפילט, אַז אַזאַ נצחון טאָר איך נישט אַדורכלאָזן. איך האָב געשוויגן, איך האָב פונדעסטוועגן נישט געלאָזט אויף זיך גאָרנישט דערקענען און האָב אַזוי כסדר פאַרפּאַקט אירע קליידער, אירע אָרימע, קליינע, ליבע קליידלעך... איך וואָלט זיי געוועלן געקושט, אַזוי צו זיך צוגעטוליעט... עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי רעדן צו מיר:

— פאַרוואָס פאַרטרייבסטו אונדז? צי זענען מיר מיאוס? שמוציק? צי דען ווייסטו, וואָס מיט אונדז וועט זיין? צי זענען מיר דען דיר לאַנגווייליק געוואָרן? צי האָסטו דען אונדז קיינמאָל נישט געליבט?...

אָרימע, אָרימע, קליידלעך!...

מיר האָבן פאַרפּאַקט, פאַרמאַכט די קופערטס, איך האָב געטרונקען וואַסער, דערנאָך קאָניאַק, איך האָב אַריינגעקוקט אינם רייזע-בוך-אינפאָרמאַטאָר; צייט אַ פערטל שעה גייט אָפּ דער צוג. וואָס פאַר אַ גליק!... נישט ווילנדיק האָב איך אין זיך אַ זיפץ געטון: וואָס פאַר אַ גליק... דאָס איז געווען אַן אוממענטשלעכע פיין... איך האָב געזען, אַז אויב איך וועל מיך נישט אָפּרופן,

וועלן מיר זיך צעשיידן צומאָל אָן אַ וואָרט. מאַריניע האָט געהאַט צוזאַמענגעדריקטע ליפּן, — און וואָס זי האָט געטראַכט, ווייס איך נישט. איר פּנים איז ווי פאַרשטיינערט געווען און זייער אויסגעמאַטערט. מען האָט באַדאַרפט אויסטרינקען דעם בעכער ביזן סוף, אויסהאַלטן ביזן סוף. אַזוי, ליידנדיק, שמייכלט אַ מוטער צום קינד, כדי עס זאָל נישט זען אירע ליידן, איך האָב אַרויסגענומען דעם טייסטער, אַריינגעלייגט אַ פּאָר הונדערט רען אין אַ קאָנווערט און, אָפּגעבנדיק זיי מאַריניען, האָב איך געזאָגט:

— דאָס איז דיין געלט, פּראָצענט פון דיין נדן. דיין נדן, ווי דו ווייסט, געפינט זיך אין באַנק, אויסשליסלעך צו דיין דיספּאָזיציע. און איך וועל דיר נאָך צוגעבן עטלעכע ווערטער.

און איך האָב אָנגעשריבן:

„צום גרויסמעכטיקן הער רישאַרד האַלביצקי.

איך האָב געוואָלט דעם הער זאָגן, אַז מיין פרוי ליבּ איך נישט. איך בין דעריבער גאָרנישט דאַקעגן צו אייער פאַרבינדונג. דעם גט וועל איך אַליין אַדורכפירן; אייבעריקנס קענט איר ענדערן דעם גלויבן".

און איך האָב מיך אונטערגעשריבן.

איך האָב אויך געוואָלט צוגעבן: אַרבעט צוזאַמען, — נאָר „דאָסדאָזיקע האָט מיך געקענט פאַראַטן, דאָסדאָזיקע האָט געקענט אונטערדריקן מאַריניען אַ מחשבה, וועלכע האָט געקענט מיין גאַנצן אויפטו צו נישט מאַכן. איך האָב דאָס פּאַפּיר אַריינגעלייגט אין אַ צווייטן קאָנווערט, האָב אויפגעשריבן דעם אַדרעס און געזאָגט: „אין פאַל, ווען דו וועסט דאָס דאַרפן צו האָבן". איך האָב געזען, אַז זי וועט דאָס נישט איבערלייענען, און אַזוי האָט זי געטון. זי האָט אַריינגעלייגט ביידע קאָנווערטן אין בוזעם אַריין און אים פאַרשפּיליעט — אויף אייביק... דערנאָך האָב איך אָנגעקלונגען, האָב דערקלערט, באַמיענדיק זיך צו זיין רויק, אַז די פרוי פאָרט אָפּ און האָב געהייסן די זאַכן אַוועקטראָגן צו דער באַן. דערנאָך...

דערנאָך האָבן מיר זיך קאַלט די הענט געדריקט, קורץ...

זי האָט אויף מיר געדאַט פאַרדרוס... זי האָט געהאַט פאַר־דרוס, וואָסאיך ליב זי נישט... אַ פרוי...

זי האָט געהאַט פאַרדרוס, וואָס איך פאַרטרייב זי... אַ ווייב... מאַריניע...

אַזוי האָב איך זיך מיט איר צעשיידט... אַזוי האָב איך זיך מיט איר געזעגנט... איין קורצער, קאַלטער האַנט־דריק... אויף שטענדיק... איך האָב אַנדערש נישט געקענט... איך האָב געמוזט אויסהאַלטן... פאַר איר... דערנאָך איז זי אַרויסגעגאַנגען — אונדזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט — נישט איך, נישט זי האָבן מער גאָרנישט צו זיך געזאָגט... אַזוי האָב איך זיך מיט איר צע־שיידט... דערנאָך האָט זי פאַרמאַכט די טיר, איך האָב געהערט ווי זי גייט אַראָפּ...

זי איז אַוועק מיט אַ פאַרדרוס, מיט אַ שרעקלעכער באַליי־דיקונג — אַ פאַרטריבענע... אַ פאַרטריבענע, ווי אַ מעטרעסע, ווי אַ געליבטע... זי! ניין, זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, ווען זי וואָלט געווען כאָטש אַ שאָטן פון מיין איין געדאַנק אויפגעכאַפּט, וואָלט זי שוין קיינמאָל קיין גליקלעכע נישט געקענט זיין, אָבער איך וויל, אַז זי זאָל יאָ גליקלעך זיין, אַז זי זאָל דאָס אומבאַדינגט זיין; נישט מיט מיר, אָבער אויך נישט דורך מיר זאָל זי זיין אומגליקלעך...

זי איז אַוועק... פון טויער פונם האָטל אויף דער גאַס אַרויס... בלויז איר גרויען מאַנטל האָב איך געזען דורכן פענ־סטער... אַזוי האָב איך זיך מיט איר צעשיידט, אַזוי האָב איך זיך מיט איר צעשיידט, אַזוי האָב איך זיך מיט איר צעשיידט, מיט מיין מאַריניען, מיט מיין ווייב... אַזוי! שוין אויף שטענ־דיק...

ווען איך וואָלט אַזוי געווען געשטאָרבן דאַמאָלס, מיט אַ צייט צוריק, וואָלט איך אויף איר האַרץ מיין נשמה אויסגעהויכט, און ווען זי וואָלט דאַמאָלס געווען געשטאָרבן, וואָלט זי איר נשמה אויף מיין האַרץ אויסגעהויכט... אַזוי וואָלטן מיר זיך געווען אויף־

אייביק צעשיידט... אַצינד אָבער — בלויז אַ קורצער, קאַלטער האַנט־דריק...

און זי וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן, שוין קיינמאָל, קיינמאָל!... קיינמאָל! קיינמאָל! קיינמאָל!...

* * *

שוואַרצע, ריזיקע מאַסע! איך האָב דיר מילד באַצאָלט! פאַר איין לעבן האָב איך דיר געגעבן צוויי — בעסערע. פאַר דער גנבה באַ זיך אַליין, האָב איך פאַר דיר מקריב געווען דאָס טייערסטע, וואָס איך האָב נאָר געהאַט; און פאַר מיין שולד טאַקע קום איך אָפּ אַמשווערסטן. שוואַרצע משונהדיקע מאַסע! דו האָסט דיך פאַר מיר אַוועקגעשטעלט אַ שטרענגע, אַ שרעקלעכע, אַן אימהדיקע, ווי דער ים. דו ביזט געקומען, האָסט געפאָדערט — האָב איך געמוזט דעם שטייער באַצאָלן. שרעקלעכער עלעמענט. איך, באַגנבענענדיק דיך, בין באַגאַנגען אַ געמיינהייט, דו, אַוועקגנבענענדיק באַ מיר אַלץ, אַלץ, ביזסטו זיך ווייטער געבליבן באַ דיינע אַלע רעכט. אַזוי איז דאָס, איך, פאַראַכטנדיק דיך צוליב מיין ליבע, האָב דיך באַגנבעט; דו האָסט דעריבער רעכט אַלץ באַ מיר אַוועקצונעמען. איז וואָס־זשע בין איך דען אַנטקעגן דיר? — ווי דו וואָלסט איבער מיר אַדורכגעגאַנגען, ווי אַ ריזיקער העלפאַנט, צעטרעטנדיק מיך און צעקוועטשנדיק מיך. איז וואָס־זשע טאַקע בין איך דען אַנטקעגן דיר? וואָס בין איך דען אַנטקעגן דעם לעבן? אויב דאָסדאָזיקע איז נאָר נייטיק לטובת דיר, — איך, וואָס־זשע בין איך? דו טאַקע האָסט רעכט צו נעמען פון לעבן — דו ליידסט·

קריסטוס איז מיט דיר שטענדיק געווען, — אָבער וואָס בין איך אַנטקעגן דיר? וואָס בין איך דען, אומשטיינס געוואָגט, אַנטקעגן דעם לעבן? אַ מאַשין מוז גיין, די רעדער מוז זיך דרייען, די ציין פון אַט דידאָזיקע רעדער מוזן זיך פאַרטשעפּען; ווי צו דעמדאָזיקן, וואָס קריגט זיך אַריין צווישן דידאָזיקע ציין און שרויפן פון אַט דערדאָזיקער לעבנס־מאַשין. זיי וועלן אים צעקוועטשן און צעפליקן, ווי אַ שפּאָן. דאָס לעבן ווייסט נישט פון קיין רחמנות, נישט אפילו פון קיין הנחות. — עס ווייסט בלויז זיין גאַנג. ריזיקע שטורעמס פון מענטשלעכע געפילן לויפן דורך דער גאַנצער אייביקייט, אומגעהייערע מענטשלעכע ליידנשאַפטן וויגן זיך, ווי אָקעאַנען. אַנטלויפט פון זיי! ווי איז דעם, וועמען זיי כאַפּן! אויף שטיקער וועלן זיי אים צערייסן! איבער דער ערד איז פאַראַן אַן אַטמאָספערע פון באַגריפן און געפילן, אין וועלכער מען דאַרף זיך נישט אַריינלאָזן — זי ליגט אַוועק מיט איר שטאַרקער היץ. די ווילדע שטורעמס און כוואַליעס פון לעבן וואַרפן זיך מיט דעם יחיד, ווי מיט אַ שפּאָן. אינם חלל קומט פאָר אַ שרעקלעכער קאַמף פון באַגריפן און געפילן, אַ שרעקלעכע ווינט־מיל — ווי צו דעם, צו וועמען אירע פליגל רירן זיך צו און פאַרטשעפּן, — ער וועט צעשיט ווערן אינדערלופטן, ווי זאַמד, וועט צעשמעטערט ווערן און צעבראָקלט אויף שטויב. דאָס ריזיקע לעבן פרעסט אונדז אויף, ווי אַ מוראַשקע־פרעסער די מוראַשקעס; אָן אַ שליאַד, אָן אַ פּיפּס, אָן דער מעגלעכקייט זיך צו ווערן, גייען מיר פאַרלוירן אין זיין פרעסער, אין זיין אָפּגרונט. פון צייט צו צייט רוקט עס אַרויס די צונג, און מיט יעדן מאָל — קומען מיר אום הונדערטערווייז, טויזנטער...

די שרעקלעכע ווינט־מיל קלאַפּט כסדר מיט די פליגל, — האָט זי מיך פאַרטשעפּעט, אומגעוואָרפן, צעקלאַפּט, אינדערלופטן מיך געשליידערט, ווי זאַמד, צעשלאָגן געוואָרן אויף שטויב...

דער כאַאָס און קאַמף פון די באַגריפן און געפילן איז צו שטאַרק פאַר דעם האַרץ פון אַ מענטש; דאָס האַרץ פון אַ מענטש איז צו שוואַך פאַר די שטורעמס פון זיינע געפילן, פאַר די אָקעאַנען פון זיינע ליידנשאַפטן.

און איבער דעם אַלעם דערהייבט זיך אַ קאַלטע, גלייכ-גילטיקע, געהיימע און גישט אויסגעפאָרשטע איראָניע, ווי אַ ספינקס...

די טייוולאָנישע איראָניע.

און אונטער אונדזערע פיס — איז אַ תהום. אָט איך, וואָס האָב זיך אַליין און אַלץ מקריב געווען, בלייב מיט אַ פלעק פון אַ רענעגאַט לגבי די יעניקע, פאַר וועלכע איך האָב מקריב געווען אַ פרוי, דעם גרעסטן ערדישן אוצר, און צום שלעכטן גאַר פאַר-בלייב איך אין זכרון בײַ אָט דערדאָזיקער פרוי, פאַר וועמענס גליק איך האָב טאַקע זיך אַליין פאַר אַ קרבן געבראַכט...

דעריבער פאַרויס, פאַרויס, דו שוואַרצע מאַסע!

גייט-זשע איר זיך אין לויטערקייט, אין לעבן, אין גלאַנץ, איר ביידע גליקלעכע, לויכטנדיקע, לעבעדיקע — איבער מיין טויטן קערפער. גייט אייך! דו, מאַריניע, זיי זיך אַ מלאך פון אויפטאַטערונג, אַן אַנלען, אַ פאַרזיכונג — און איר, אין אָפגרונט, אין אָפגרונט, אין אָפגרונט...

* * *

אַ טרומנע, און אין דער טרומנע — זי. זי איז אין אַ ווייס קלייד און בלומען אין די האָר. די האַנט פאַרלייגט אויפן האַרץ — אַזוי שלאָפט זי.

אָ, קריסטוס!..

אַזוי שוין אויף אייביק, אויף אייביק, אויף אייביק!

בחנם חזר איך איבער פאַר זיך: אַזוי האָט עס געמוזט זיין; בחנם שלאָג איך דאָס מיר אַריין אין מוח אַריין: עס האָט אַנדערש זיין נישט געקענט.

בחנם בין איך באַם שכל, — בלויז איין קראַפט איז נאָך פאַרהאַן; דאָס געפיל. בחנם טראַכט איך, אַז איך וועל אָפּקומען די שולד, אַז איך דאַרף זיך שוין נישט פילן דער פאַרברעכער לגבי טויזנטער אומגליקלעכע; אַז מיטן קרבן פון מיין גליק האָב איך געקויפט דאָס גליק פון צוויי מענטשן; אַז די יעניקע מענטשן זענען אומפאַרגלייכלעך טייערער פון מיר; אַז מאַריני׳ס טאַקע איז דורך מיר גליקלעך... בחנם טראַכט איך דאָס, דער עגאָיזם איז, ווי פּראָטעאוס: ענדערט זיך ווי ער וויל. ער איז אויך ענלעך צו אַ גומענעם באַליאָן: ער וועט זיך בייגן אונטער די פינגער, און ווען נאָר אַוועקנעמען די פינגער: גלייכט ער זיך באַלד

אויס. דער עגאָיזם איז, ווי אַ וואַסער, די וועסט עס ווי עס איז אַדורכשניידן מיט אַ לאָדקע, און שווים נאָר אָפּ — איז עס שוין גלייך.

בחנם האָב איך געוואָלט עפּעס ליבן מערער, ווי זיך אַליין. איך בין, ווי אַ וואַנדערער, וועלכער קומט אום פון הונגער אין דער מדבר, ווי אַ פּאַראַליטיקער, בשעת אַ שׂרפה אין הויז.

איז וואָס-זשע בלייבט דען מיר שוין ביזן סוף פּוּנם לעבן? זי אין דערדאָזיקער טרומנע. איך קוק אויף איר ווייס פּנים אויף דעם שטילן, רויקן. זי איז קיינמאָל נישט געשטאָרבן, אַזעלכע האָב איך זי שוין געזען, דאָס הייסט, אַז דאָס גליק מיינס, וועלכעס איז גאָר קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן, האָט קיינמאָל נישט געלעבט.

וויפיל מענטשן לעבן דאָס אַזוי, לעבן אַזאַ טרומנע.

זי שלאָפט...

מאַריניע מיינע! גליק מיינס!

אוּז אַזוי שוין ביזן סוף אַריין, וועל איך קוקן אין דעם-דאָזיקן פּנים!

ווען איך בין נאָר געבוירן געוואָרן, האָט מען דיך באַלד אַריינגעלייגט אין דערדאָזיקער טרומנע. דו האָסט גאָר קיינמאָל נישט געלעבט — דאָס אַלץ איז בלויז אַ טעות געווען, אַ חלום.

אין דיר טאַקע איז דאָ די פּערזאָניפיקאַציע, דאָס אַריינ-נעמען אין זיך אַלץ, וואָס האָט געקענט זיין גליק. אין דיר איז דאָ דאָס צוזאַמענגענעמען פון אַלע מיינע אידעאַלן און פאַרלאַנגען, אַלץ, וואָס מיין נשמה און גוף פאַרלאַנגט — אַלץ איז אין דיר פאַרהאַן.

דיין גלאַנץ איז צו מיר געקומען, אין דער געשטאַלט פון דערדאָזיקער פרוי. אָך! ווי איך בענק נאָך איר, ווי שרעקלעך איך בענק!

בחנם וויל איך מיך שטאַרקן, וויל מיך פאַרטרייבן מיט עפּעס אַ געדאַנק, מיט עפּעס אַן אידעע. קיין זאַך, וואָס איז נאָר ערדיש, וועט מיר נישט געווגן. פאַרהאַן פאַרשידענע לעבנס, פאַרהאַן אָבער אויך אַזעלכע, וועלכע זענען אין פאַרקערפּערט שלעכטס, איין אָפּ-

גרונט פון יסורים, איין לאַגע אָן אַן אויסוועג. איצטער בין אי[illegible] טאַקע, ווי יענער וועבער, וועלכער איז בלינד געוואָרן בשעת ד[illegible] פאַמיליע שטאַרבט אים אויס פאַר הונגער — וואָס־זשע זאָל ע[illegible] דאָ טון?...

ווען דאָס לעבן קען זיין שלעכט אָן אַן ענד, אָן אַסוף, אָ[illegible] אַ גרענעץ, ווען די העכסטע, איידלסטע, הייליקסטע ערדישע אידעען קענען זיך אַרויסווייזן פאַר נישט געווגנד אויף אָפּצוטוישן דעם גייסט און צו פאַרטויבן דאָס האַרץ, אויב עס געפינט נישט באַרנישט, וואָס עס איז נאָר ערדיש, הגם מען וואָלט אפילו צונג הימל דערגרייכט, איז — ווו־זשע גיין?

אָפּגרונט, אָפּגרונט, אָפּגרונט!... און דאָס דאַרף שוין זיין די לעצטע חשבה?... און בלויז אַ בעגאַציע? בלויז אַ פראַגע?... בלויז אַן אָפּגרונט?...

* * *

אַ בריוו... פון איר?... פון איר...

„לודוויק!

לאָמיר דאַנקען גאָט, וואָס דו האָסט מיך אויפגעהערט צו ליבן. איך בין גליקלעך. אַלע טאָג בין איך פאַר דיר מתפלל און בעט גאָט, ער זאָל דיר עפּעס צושיקן אַן אַנדער גליק, אַן אמתדיקס. מיר זענען פאַר זיך נישט באַשאַפן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער טעות. אַ שרעקלעכער! זענען מיר טאַקע ביידע שווער אָפּגעקומען. דו ביזסט פאַר מיר גוט געווען, דו ביזסט איבערצייגט געווען, אַז איך ליב דיך, דאָס וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך גלייב, אַז דיך אינטערעסירט מיין גליק. איך בין גליקלעך. זיי דאָס אויך! אַלע טאָג בעט איך גאָט וועגן גליק פאַר דיר.

מאַריע האַלביצקאַ".

די דאַטע — שוין אַ קנאַפּ יאָר... דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער טעות... דעריבער טאַקע איז עס געווען אַ טעות... מיר זענען נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר זיך... דאָס טאַקע איז געווען דער טעות...

וואָרים וואָס, מ׳שטייגס געזאָגט, ווייסט דער מענטש; וואָס קען ער דען וויסן?!

און אָט די זעלבע פרוי האָט מיר געזאָגט פון טיפן האַרץ, פון דער טיפעניש פון איר נשמה האָט זי מיר געזאָגט, געזאָגט דאָס מיר צו הונדערטער מאָל, אַז איך בין באַשאַפן געוואָרן — איך פאַר איר, און זי — פאַר מיר; אַז ווען זי וואָלט נאָ׳ נישט קענען מיינע זיין, וואָלט זי קיינעמס נישט געווען.... וואָס ווייסט דען דער מענטש?

אָט איז דערדאָזיקער מענטש, וועגן וועלכן איך האָב געצווייפלט, צי ער קען אַ חוץ זיין אידעע נאָך עפעס ליבן, וועלכער האָט בלויז צוליב זיין אידעע אַריינגעפירט אין אַ נויט זיין מוטער און שוועסטער, דערדאָזיקער אויטאָמאַט פונם פאַנאַטיזם מיט די שטאָלערנע נעגל פון אַן אַדלער, דערדאָזיקער האָט זיך פאַרוואונדערט און דערשראָקן, ווען די ליבע קען זיין „אַזש אַזוי שטאַרק...” וואָס ווייסט מען דען? נישט איך האָב געקענט זיין נשמה, נישט ער אַליין האָט זי געקענט. וואָס-זשע איז דאָס? די אמונה — פאַרפירט; העלדישקייט — געגנוגט נישט; דאָס באַוווסטזיין פון אַ גוטן טאַט — ווערט נישט באַלוינט...

אַזוי איז דאָס, איר אָרימע. ווער עס לייגט נאָר אויף אייך ליידנדע בלויז אַ פינגער אַרויף, איז ער אַ מערדער. קריסטוס איז מיט אייך געווען. „אויב דו ווילסט זיין פולקאָם, טאָ גיי פאַרקויף דיין פאַרמעגן און צעטייל עס די אָרימע און דו וועסט האָבן אַ גילדערנע שטול אין הימל”.

און אָט איך האָב פאַרקויפט מיין גאַנץ פאַרמעגן און האָב עס אַוועקגעגעבן די אָרימע — בין איך הייסט דאָס אַ מושלם, אָבער מיין שטול אין הימל, סאַראַ איז זי דאָרט מיין שטול אין הימל?

וואָרים אויב איך וועל זאָגן, אַז דאָס געפיל פון מיין ווילטאָט לגבי דעם כלל און מיין זיך מקריב זיין פאַר איינצעלנע מענטשן איז פאַר מיר אַ מתנה, מינדעסטנס אַ באַצאָלונג — וואָלט איך געזאָגט אַ ליגנט.

אָט ווען מען וואָלט מיר היינט געגעבן דאָס וואָרט, איך

זאָל רעדן צום המון, איך זאָל דאַרפן אָנווייזן דעם המון עפּעס אַ וועג אין לעבן, איך זאָל באַקעמפן עפּעס אַ פּראַגרעס, די נעגאַציע, דעם פּעסימיזם, די אונטערדריקונג — וואָלט איך געזאָגט: אין דעם קרבן און אין דעם אויפאָפּערן זיך אַליין, אין דעם ואהבת לרעך כמוך, איז די רפואה צו אַלע ווונדן, איז די מתנה און די פאַרזיכערונג. דאָס באַוווּסטזיין, אַז די טוסט גוטס, וועט דיך באַפרידיקן פאַר אַלע עוולות, וואָס די וועלט קען דיר באַטון. טאָ טו בעסער פאַר אַנדערע, ווי פאַר זיך אַליין, און דיין נשמה וועט שוין מער נישט ליידן. דאָס געפיל, אַז די קענסט אַזוי טון, אַז דו ביזסט פעיק אַזוי צו ליבן, וועט דיר שוין זיין טאַקע פאַר אַלץ.

האָט ליב די אידעע פון ליבע, דעם אידעאַל פון דער ליבע, ליבט איר מאָראַלישן באַגריף.

דערהייבט אייך איבער אַלץ, וואָס איז ערדיש. איבער זיך אַליין, פאַרלירט זיך אַליין אין דערדאָזיקער אידעע, אין דעמדאָזיקן אידעאַל, און — איר וועט גליקלעך זיין. דאָסדאָזיקע געפיל, אַז איר וועט דערגרייכן אייער אידעאַל, וועט אייך געבן גליק. דאָס לעבן דאַרף זיין אַ קאַמף פאַר דער ליבע; באַמיט אייך אַלע אייגענעם צו זיגן.

זייט איבערמענטשן אין דער ליבע, זייט ווי קריסטוס. ער האָט מער געליבט די וועלט, ווי זיך אַליין. זאָל אייך טאַקע קריסטוסעס באַפעל נישט געבונדנד זיין. גייט נאָך אים, גייט אים גלייך נאָך, האָט ליב, ווי ער, ווי גאָט... מען דאַרף האָבן העלדישקייט, דרייסטקייט דאַרף מען צו האָבן. מען דאַרף מענטשן נישט איבערשרעקן. דער אמת איז אַ שרעקלעכע זאַך, ער האָט אַ פּנים פון אַ מעדוזע *). פון וועלכער עס זענען פאַרשטאַרט געוואָרן די יעניקע, וואָס האָבן זי דערזען.

זאָלן מענטשן דעם אמת נישט זען. זאָלן זיי זיך נאַרן. צוואָס אים אויפדעקן, אויב ער שרעקט פּשוט איבער?

---

*) אַזאַ מין ים-געוויקס.

אַ װאָסערן אידעאַל, צוליב אַ װאָס׳ערן ציל? צװאָס דידאָזיקע רײַפקײַט, דידאָזיקע ערנסטקײַט פונם פאַרשטאַנד? צװאָס דער־דאָזיקער תהום פון װיסן? זאָלן מענטשן קינדער זײַן, אַבי זײ זאָלן זײַן גליקלעך. זאָלן זײ גריכישע פּאַסטוכער זײַן, װעלכע האָבן אין בּבּא־מעשׂות געגלײבט, צו װעלכע אפילו אַ בּוים האָט געשפּײַכלט און װעלכע דער פּאַן *) האָט געקענט איבערשרעקן, אַבי זײ זאָלן נאָר גליקלעך געװען.

נישט דער אמת איז דער אידעאַל פונם דאָזײַן, נאָר דאָס גליק. Pereat veritas, fiat felictitas! (** איז װען מען װאָלט מיר טאַקע געגעבן דאָס װאָרט, איך זאָל רעדן צום המון, װאָלט איך נישט געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז אַן אָפּגרונט, פון װעלכן עס איז נישט דאָ קײן שום אױסװעג, נאָר איך װאָלט געזאָגט: האָט ליב דעם אידעאַל פון ליבע, װײַל ער װעט אײַך אַרױסשלעפּן פון יעדן אָפּגרונט... װאָרים, בלױז אײן טויער — װײס איך — איז דאָ פאַרהאַן: די רעזיגנאַציע...

ס ו ף

*) אַ פּגאָט בא די גריכן.

**) זאָל דער אמת אונטערגײן, אַבי גליק זאָל זײַן.